אלע ווערק
פון
י. ל. פרץ

~~ב-19015~~

דער בוך קאָן געהאַלטן ווערן

14 טעג

~~ב-19113~~
פ-3418

און קאָן איינמאָל באנייט ווערן.

א שטראָף פון 2 סענט א טאָג ווערט גערעכנט,
אויב דער בוך ווערט געהאלטן נאָך דער דאטע,
וואָס איז געצייכנט אונטן.

APR 29
JUN 10
Jan 17

אַלע ווערק פון י. ל. פרץ

אכצנטער באַנד

שטעט און שטעטלעך

JEWISH SOCIALIST LIBRARY
7 BRUNSWICK AVE.

MICROFORMED BY
PRESERVATION
SERVICES
DATE JUN 2 1989

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY
NOV 7 1964

PRINTED IN POLAND

I. L Perec, „Sztet un sztetłech".

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

JEWISH SOCIALIST LIBRARY
7 BRUNSWICK AVE.

פון פאַרלאַג

דער דאָזיקער אַכצנטער באַנד איז דער לעצטער פון אַלע פּרצעס ווערק, וואָס פּרץ האָט געשריבן אין יידיש. אין דעם באַנד גייען אַריין די וועכנטלעכע פעליעטאָנען־איבערזיכטן, וואָס י. ל. פּרץ האָט געדרוקט אונטער דעם אַלגעמיינעם קעפּל „שטעט און שטעטלעך" אין דער וואָכנשריפט „דער יוד" אין דער צייט פון 8־טן מאַי ביז דעם 18־טן דעצעמבער 1902 ס"ה 28 פעליעטאָנען. די איבערזיכטן האָט פּרץ אונטערגעשריבן מיטן נאָמען „די ביהן". ביז פּרצן האָט די זעלבע רובריק געפירט אין „יוד" מרדכי ספּעקטאָר ,אונטערן נאָמען „אמת" — לויט ווי מען זאָגט אַרויס די ערשטע בוכשטאַבן פון מ. ספּעקטאָר אין רוסיש. אין סוף פון ערשטן פעליעטאָן איראָניזירט פּרץ אויף דעם חשבון.

די פעליעטאָנען ווערן דאָ געדרוקט לויט דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע (ניו־יאָרק, 1920, באַנד 11).

די „שטעט און שטעטלעך" שפּיגלען אָפּ נישט נאָר אַ שטיק יידיש לעבן אין רוסלאַנד פון צוריק מיט 25 יאָר, נאָר ס'טרעט פאַר אונז אויף פּרץ אין צוזאַמענשטויס מיט אַקטועלע יידישע לעבנס־דערשיינונגען. יענער פעריאָד ביי פּרצן איז באַזונדערס אינטערעסאַנט פאַרן לעזער און פאָרשער, ווייל דאַן האָט זיך פאָרמירט אַ נייער פּרץ, דער פּרץ וואָס איז אַוועק פון „חסידיש" און זיך דערנעענטערט צו „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

מיט דעם דאָזיקן באַנד איז פאַרענדיקט די פּרץ אויסגאַבע. עס פעלן נאָך איניקע זאַכן, וואָס וועלן צוגעגעבן ווערן ביי די ווייטערדיקע אויפלאַגעס אין די געגעבענע בענדער.

צום סוף פון איצטיקן באַנד איז צוגעגעבן אַ רעגיסטער פון

אַלע פּרצעס ווערק, וואָס זאָל פאַרלייכטערן דעם לעזער צו געפינען גלייך דאָס ווערק, וואָס ער באַדאַרף.

מיר גרייטן איצט צום דרוק אַ באַנד בריוו פון י. ל. פּרץ, ווי אויך אַ באַנד איבערזעצונגען פון די ווערק, וואָס פּרץ האָט געשריבן נאָר אין העברעיש.

מיר בעטן ווידעראַמאָל די אַלע, וואָס האָבן צו מאַכן באַמערקונגען וועגן אומפינקטלעכקייטן, חסרים, טעותן אין אונזער אויסגאַבע, — אונז תיכף מיטטיילן. —

1 אַווגוסט 1926.

שטעט און שטעטלעך

8־טן מאי 1902

פון אלע זייטן, גלייך דער עולם האָט זיך אָפּגערעדט, פרעגט מען אַלץ: מה נשתנה.

אין גראָדנע האָט זיך געמאכט אַ סכסוך צווישן דעם „בעל החכירה" און זיינע „פּאָדאַניס" די קצבים. יעדער קוקט, פון וואַנען עס קומט אים אין מויל אַריין, פון וואַנען דער „ירק" לעבט. האַלטן מן־הסתם די רבנים מיטן חוכר, וואָס צאָלט זיי זייער געהאַלט, כאָטש נישט פון זיין קעשענע, און גיבן אַרויס (אַזוי שרייבט מען אין בריוו פון „מיר בעלי־בתים") אַן איסור, מען זאָל נישט קויפן קיין געטרייבערט פלייש פון קצבישע קראָמען, נאָר פון דער קראָם, וואָס די „חכירה" וועט „בקרוב און במהרה בימינו" עפענען, און וואו די רבנים וועלן האָבן אַ באשטענדיקע השגחה, די קצבים מיט זייערע מנקרים זאָלן חלילה נישט מאכל טרפה זיין.

פרעגן מיר „בעלי־בתים" פיר קשיות

איין קשיא פרעגן זיי: מה נשתנה „היינט פון נעכטן?" פאַרוואָס זענען ביז נעכטן, איידער עס איז געוואָרן אַ סכסוך צווישן די קצבים מיט דער חכירה, די קצבים געווען כשר, זייערע קראָמען כשר און די מנקרים כשר — און היינט. — קוים איז אַרויס דער סכסוך — זענען זיי געוואָרן פון דער העלער הויט כמעט ווי „גיעבלאַגאָנאַדיאָזשנע"?

די צווייטע קשיא פרעגן זיי: מה נשתנה דעם חוכרס קראָם פון אלע קראָמען? פאַרוואָס ווילן די רבנים אין דער חכירה קראָם יאָ האָבן השגחה און אין קצבישע קראָמען נישט? מיט וואָס איז דעם חוכרס מנקר אַנדערש פון אַנדערע מנקרים? צי איז דעם חוכרס קראָם שענער און געזונטער, און זיין מנקר — מער למדן,

מער פרומער ייד? צי טראָגט ער לענגערע ציצית, באָרד און פאות?

און ווי וועט זיין, אַז דער מנקר (ער איז דאָך נישט ער־גער פון מיטאַרבעטער אָדער רעדאַקטאָרן פון צייטונגען) וועט זיך לאָזן איבערקויפן און איבערגיין אין אַ קצבישע קראָם אַריין, צי וועט מיטגיין דער הכשר מיט דער רבנימס השגחה?

די דריטע קשיא פרעגן זיי: מה נשתנה דער קהלשער ענין פון אַלע ענינים? פאַרוואָס ביי אַלע ענינים מאַכן זיך די רבנים טויב און שטום, און על כל פנים פויל און איילן זיך נישט עפּעס צו טאָן לטובת הכלל, און דאָ, קוים רירט עס אָן כשר פלייש, דאָס הייסט דעם חוכרס קעשענע—האָבן זיי זיך אַזוי געאײלט, אַז דער אסור פאַר די קצבים און דער היתר פאַר דער חכירה־קראָם זענען אַרויס נאָך איידער מען האָט די חכירה־קראָם געעפנט, צי כדי די, וואָס וועלן וועלן פאָלגן און עסן כשר הינטערפלייש, זאָלן עס נישט האָבן וואו צו באַקומען?

און די פירטע קשיא פרעגן זיי, שוין פשוט אַ קשיא, נישט „מה נשתנה". פאַרוואָס עפנט טאַקע דער חוכר נישט די קראָם? וואָס פאַר אַ געשעפט האָט ער דערינען, „יענע" זאָלן עסן דאָס „וויכע פלייש" און מיר בני ישראל דוקא הילע ביינער?

און זיי פרעגן און זיי ענטפערן:

עבדים היינו צום קצב, דער קצב — צום דיין, דער דיין צום „חוכר"...

נישט קיין קלענערן מה נשתנה פרעגט מען פון לאָדזש.

אין לאָדזש איז געשטאָרבן אַ ייד אַ גביר, מן־הסתם אַ בעל־צדקה, מן־הסתם אַ פיינער מענטש, מן־הסתם אַ וויכטיקער מענטש—קומט אים אַ שיינע לויה... ;

מילא, אַ שיינע לויה איז אַ שיינע; ווער עס איז אַ גביר מקנא מיט אַ שיינע־ לויה, איז אויך קיין גרויסער חכם נישט.

רייט מן־הסתם פאָרויס זשאַנדאַרמעריע; אַז גאַנץ לאָדזש וועט גיין, מוז מען דאָך קוקן. רייטן זיי אין שיינע מונדירן,

אויף שיינע גרויסע פערד, די געפוצטע שטיוול גלאנצן — אַ מחיה, דערנאָך גייט אַ פיינע מטה; מיט בלומען, מיט סטענגעס, מיט אַלערליי קרענץ, אַז ביי מאַנכע גבירים איז שטאַרק נאַס געוואָרן, ווען נישט די אויגן, ווייניקסטנס אין מויל... דערנאָך גייט ערשט דער שיינער עולם, לאָדזשער מיוחסים, לאָדזשער פאַבריקאַנטן, לאַדזשער באַנקירן, לאָדזשער בעלי־בתים, זעקער גאָלד, זעקער קעלט! שוואַרצע רעק, צילינדער — כל טוב!

נאָכן עולם פאָרן ערשט נאָך קאַרעטן, גלאַנצנדיקע, בליצנדיקע קאַרעטן, בלאנקע שויבן, פיינע קוטשערס...

און צווישן דעם עולם — אַ דרייסיק תלמוד־תורה־קינדער...

און די תלמוד־תורה־קינדער האָבן נעבעך בלאַסע פנימער— מן הסתם פאַר גרויס הארציווייטאָג, וואָס דער גביר איז געשטאָרבן; צעריסענע קליידער — פון שטאַרקן קריעה־רייסן — און זעלטן אַ פאָר גאַנצע שטיוועלעך.

פרעגט „פייוול באַקילין" (אין עס זעט אויס נישט קיין אויסגעטראַכטער נאָמען צו זיין) „מה נשתנה" — פיר אייזערנע קשיות.

די ערשטע קשיא איז:

אויב לאָדזשער קהל איז אימשטאַנד געווען אויפצושטעלן פאַר תלמוד־תורה אַ געביידע פאַר צענדליקער טויזנטער רובל, פאַרוואָס האָט די אייגענע רייכע לאָדזשער קהלה קיין כח נישט, צו מאַכן דרייסיק פאָר שטיוועלעך על־כל־פנים פאַר די דרייסיק קינדער, וואָס מען שיקט אויף גבירישע לויות?

צווייטנס פרעגט ער:

אויב קהל האָט גערעכנט, אַז די געביידע באַשיינט די גאַנצע קהלה, ווייל עס שטייט ברייט אין הויף, גרויס און אָפן אין גאַס פאַר דער גאַנצער וועלט, אַלע זאָלן עס זען, בשעת די תלמוד־תורה־קינדער האַלט מען אין תלמוד־תורה און ווען קיינער קוקט נישט אויף זיי, אויב אַזוי — נאָך וואָס שיקט מען זיי אַרויס אויף לויות, זיי זאָלן גיין — און דווקא גראָד אין אַ קאַלטן, כמעט נאָך ווינטער־טאָג, צווישן צילינדער, ווייסע האַנטשקעס, קרענץ מיט ביבערנע קעלנער — קריעה בליעה און כאַפּן דערביי אַ ציטער?

דריטנס פרעגט ער:

צי וואָלט נישט א יושר געווען, אויפן אָרט פון אַרויס־וואַרפן געלט אויף קרענק, אויף סענגעס מיט בלומען, מען זאָל געווען קויפן פאַר די אָרעמע תלמוד־תורה־קינדער, וואָס זיי איז שוין באַשערט געווען צו באַשיינפן די גבירישע לויה, קאַפּאָטקע־לעך אָדער לכל־הפחות שטיוועלעך?

און די פערטע אויך אַ שטאַרקע קשיא:

פאַרוואָס האָט די חברה צער־בעלי־חיים, וואָס מישט זיך אַריין, אויב עמיץ וואַרפט אויף א הונט אַ שטיין צי אַ בעזעם, אָדער טרייבט אַ קראַנק פערד, אָדער לאָדט עס איבער מיט לאסט, זיך נישט אַריינגעמישט, זעענדיק, ווי מען טרייבט, ווי צו אַ שחיטה, דרייסיק אָרעמע, נאקעטע, אויסגעהונגערטע, אויסגע־מוטשעטע תלמוד־תורה־קינדער, אין אַ קאַלטן כמעט ווינטער־טאָג, צו אַ לויה, וואָס גייט טריט ביי טריט, לאנגזאַם, דורכן גרויסן עולם און לכבוד דעם געשטאָרבענעם גביר אַזאַ גרויס שטיק וועג?

און ה' באַקולין ענטפערט אויך: עבדים היינו צו די לאָד־זשער גבירים, צו די גרויסע געלט־ביטל, און נישט מיר אַליין, נאָר אפילו אונזערע קינדער און בפרט תלמוד־תורה־קינדער!

אַנדערע קאָרעספּאָנדענטן פרעגן שוין איינציקע קשיות, נאָר אויך געזונטע:

פון דאָמאַניעוו (כערסאָנער גוב.) פרעגט ה' מ. צ. גאראַ־דישטשער: פאַרוואָס האָט זיין שטעטל נישט געאיילט זיך פאַר פסח צוזאַמענצונעמען מעות חטין פאַר אָרעמע לייט, און איז גע־לאָפן פייל פון בויגן אָנצולאָדן מיט ממון און דמים „הערשעלע דעם מאקאַראָווערס איידעם", וואָס היילט קראַנקע מיט רעצעפּטן, וואָס די אַפּטייק וויל, ווי אויף צו להכעיס, נישט אַרויסגעבן?

און יקנה"ז פון ירושלים דליטא, ווילנע הייסט עס, פרעגט אויך אַ הארבע קשיא.

אין ווילנע, און געוויס אומעטום, האָט זיך באוויזן אַן „אַנאָנסע", פיין געדרוקט אויף פיין פּאַפּיר, אַ מודעה פון וואַר־שעווער רבנים כהאי לישנא:

„האמת ניתן לכתוב, שהטעה מבית המסחר של הפירמא של האחים ק. ס. פאָפּאָוו כשר על חג הפסח בלי שום חשש ופקפוק כלל אפילו למהדרין מן המהדרין וכו׳—״. ווי באַקאַנט איז ק. ס. פאָפּאָוו אַ רוסישע פירמע אין מאָסקווע, דער טיי ווערט צעוואויגן און געפּאַקט אין מאָסקווע.

דעריבער פרעגט דער ווילנער יקנה״ז: צי האָט מען הגאון ר׳ פסחי׳ האַרנבלאַס און הגאון ר׳ יששכר דוב הלוי קופּיעץ, די ביידע מו״צס פון וואַרשעווער ראַבינאַט, אַזוי גוט באַצאָלט, אַז זיי זענען אַראָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע בסוד סודות (ווייל אַנדערש טאָר מען קיין מאָסקווע נישט פאָרן) און אַליין געזען, ווי מען צעוועגט און פּאַקט דעם טיי פאַר יידן לכבוד פסח, און עס איז רעכט, וואָס זיי שרייבן „בלי שום חשש ופקפוק״. צי זיי האָבן יוצא געווען מיט וואָס עס איז פאַר אַ גוי אַ מסיח לפי תמו און דער „בלי שום חשש ופקפוק״ איז לאו דוקא?

דאָ פּאַסט שוין „עבדים היינו״ נישט...

די רעשט קשיות לייגן מיר אָפּ אויף איבעראיאָר, אי״ה...

נאָר איידער איך חתמע מיך, מוז איך מוסר־מודעה זיין, אַז איך בין נישט דער, וואָס האָט ביזאהער געשריבן פון „שטעט־לעך״ אָדער ווי ער פלעגט זאָגן: „וואָס איז געווען דער רע־דאקטאָר פון שטעט און שטעטלעך״... דעם האָט מען אונז אַרויס־געכאַפּט, איבערגענומען.

נאָר קיין גרויסן היזק וועט איר דערפון נישט האָבן.

עס איז נישט געווען דער אמתער אמת. על פי יושר ועל פי דין, און לויט ווי דער נאָמען קלינגט, האָט ער זיך געדאַרפט און געוואָלט אונטערשרייבן „אמס״ מיט אַ סמך... נאָר אין אַ לשון־קודש־וואָרט איז שכית אַ גרייז, דעם מגיה איז נישט איינגעפאַלן צו קוקן אויף די חתימה אויך, און, ווי דער שטייגער איז — שבשתא כיון דעל על!

— איך וויל אייך באמת זאָגן אמת, און טאַקע אמתן אמת — מיט אַ תיו, נאָר קיין פרעמדע פאַבריק־מאַרקע וויל איך נישט נוצן...

די בריוו, וואָס „דער יוד״ באַקומט ·פון דער פּראָווינץ, זע־בען, להבדיל, ווי בלומען אויפן פעלד, פון וועלכע איך דאַרף פאַר אייך אַרויסציען זאַפט און מאַכן אַ מין האָניק...

פון זיך צוגעבן מוז איך אמאָל אַ ביס, ווייניקסטענס — אַ שטאָך...

על־כן — רעכן איך, אַז איך קאָן מיך אָן אַ גרייז אונטער־שרייבן — ד י ב י ן.

2

15־טן מאי 1902

אַ גרויסע פּאָסט — אַ מחיה

מאסן רוסישע פּראָווינץ־בלעטער, „הצפירה“, „המליץ“; דערפּאַר ווייניקער בריוו.

נישט אלע יידישע קאָרעספּאָנדענטן שרייבן, אַ פּנים, חול־המועד; אפשר לייגן זיי קיין תּפילין אויך נישט...

נעם איך מיך פריער צו די פּראָווינץ־בלעטער; „הצפירה“, „המליץ“ לעזט איר אפשר אַליין...

און — זייט מיך מקנא, אויב איר קאָנט! — און איך לעז א בלאַט נאָך אַ בלאַט. מיט דער צייט וועט מיר די אַרבעט גרינגער ווערן, איך וועל מיט דער צייט קריגן אַ נאָז, וואָס וועט פון ווייטנס דערפילן דאָס רעכטע מאַטעריאַל, דערווייל שוויץ איך!

איך הויב אָן:

— „פּאָליטישע נייעס!“ — „פּאָליטישע דעפּעשן“ — ניין, נישט מיין זאך, נישט אייער זאַך. ווער עס האָט קיין אייגן לאנד, באַשעפטיקט זיך ווייניק מיט פרעמדער פּאָליטיק...

— „אויסלענדישע נייעס“ — פון דעם וועט אויך קיין פּרנסה נישט זיין. עכט יידישע נייעס וואָלטן געקאָנט זיין פון רומעניען, אָין פּינקט פון דאָרט איז אין די רוסישע פּראָווינץ־בלעטער קיין איינציק וואָרט צו געפינען...

— „היימישע נייעס“ — דאָ, טראַכט איך, וועט זיין אַן אוצר, מיט לאָפּאטעס צו שארן! איך לייג צו דעם קאָפּ צו די אויגן:

— „א מגפה אויף חזירים“ — איך קוק ווייטער, עס איז קיין סימבאָלישער אַרטיקל נישט; מען רעדט פון אַן אמתער מגפה אויף אמתע פיר־פיסיקע חזירים. וואָס קאָן דאָס אונז אינטערעסירן?

ביט חזירים האנדלען מיר נישט, פון חזיר־פלייש נעמט מען קיין קאָראָבקע נישט, און איידער מען וועט געוואָר ווערן, וועלכע זייט פון חזיר איז כשר, דאָס הייסט, איידער משיח וועט קומען, וועט פון דער זשארגאָנישער ליטעראטור קיין זכר נישט בלייבן; אָדער גויש, אָדער לשון־קודש, — אַזוי זאָגט מען!

אמת, עס טרעפט אַמאָל, טאַטע־מאַמע גייען אין גאס אריין זוכן פּרנסה, און אן אומגעלומפּערטער חזיר רייסט זיך אַמאָל אין אַ שטוב אַריין און בייסט־אָפּ אַ הענטל ביי אַ פארלאָזט קינד אין וויג... איז עס אָבער אַ זעלטענע זאַך, און אויך דאָס איז נאָך זעלטענער געוואָרן, זייט מען האָט אונז בחרפּתנו פון די דערפער ארויסגעטריבן...

„ליטעראַרישע איבערבליקן, קריטיקען, רעצענזיאָנען"—דאָס אוודאי און אוודאי נישט! מיר האָבן אונזערע אייגענע שמאַטעס קריטיקן צו שרייבן...

אַהא! ערפינדונגען! דאָס וועט גוט זיין! ווי עס איז — אַ שכלדיק שפּיצל, אַ חכמהלע!

וואָס איז געשען?

„אַן איינוואוינער פון פראגע ביי וואַרשע האָט ערפינדן קאלאָשן פאר פערד, הויפּטזאַכלעך פאַר טראַמוויי־פערד, זיי זאָלן זיך נישט צופרייסן די פיס אויף די נייע גלאַטע ברוקן אין וואַרשע".

ניין — דאָס וועט נישט גיין!

ערשטנס, איז דער ערפינדער נישט קיין ייד...

צווייטנס, לאָזט מען קיין שום ייד ביים טראַמוויי קיין דרייער נישט פארדינען, נישט אַלס אַקציאָנער, נישט אלס קאָנ־דוקטאָר, נישט אלס פּראָסטער שמייסער אפילו. דער טראַמוויי האָט דעם אייגענעם דין, ווי אַלע גרויסע, בפרט נייע, געשעפטן: ווי באַנען, טעלעפאָנען וכדומה...

און דריטנס, איז בכלל דאָס רוב וואַרשעווער פערד קיין יידישע פערד נישט...

„אַ נייע מיטל אייער צו כּשרן", דאָס איז פּ אַ ט כ אַ, נישט פּסח...

און שוין, מער קיין ערפינדונגען זענען נישט געמאַכט געוואָרן.

עס גייען: מאָנאָפּאָל־רעפאָרמען... א מאַסע פראַגן וועגן: „א נייע פאָרם פלעשלעך, שענערע עטיקעטן, שטאַרקערן צי שוואַכערן בראָנפן.״ נישט מיין, נישט אייער זאך, נישט איר טרינקט א סך, נישט איר האָט דערפון, וואָס יענער טרינקט... צי וואָס זאָל איך אייך אָנטאָן עגמת־נפש און דערמאָנען אָן אַלטע פאַרלוירענע פרנסות... „זכרנו את הדגה!״ איר געדענקט אליין!

„נאגראדניע״ — „אָטליטשיא״ — זאָל איך דאָס וואַסער אומזיסט אין מויל אריין נישט קומען; נישט פאַר אייך געדאַכט!

אַהאַ! קוים אַמאָל, אַ יידיש, אַן אמת יידיש נייעס!

„סימפּעראָפּאָל. די כאָראַל־סינאַגאָגע האָט געמאכט אַ פּאָ־שלאג דער דאָרטיקער דומע, זי זאָל אָפּשטעלן די וויבאָרעס אויף אַ נייעם שטאָט־רב אויף דעם 12־טן מאי, זעקס פאַרנאַכט...״

„קיין פּראָטעסטן קענען די מורשים זענען נישט דערלאַנגט געוואָרן״.

גלויב איך מיינע אויגן נישט! ווי הייסט? סימפעראָפּאָל איז כמעט אין עק פון שאר תפוצות ישראל, אָבער אזוי פאַרשלאָפן? גאָר אָן פּראָטעסטן און אפשר וועט נאָך אויסגעקליבן ווערן אַ רב אָן אַ פּיצל מחלוקת?

זוך איך ווייטער; איך פאַרגעס, אַז עס איז נישט קיין יידיש בלאַט און רעכן, אַז תוך כדי דבור וועט זיין אַן הכחשה... כרעף איך נאָך אַ נייעס פון סימפעראָפּאָל..

„די דומע האָט געמאַכט אַ פּאָרשלאַג צום פּאָליצמייסטער. אַז ער זאָל שטרענג פאַרבאָטן: דער יידישער ביליקער קיך, זי זאָל נישט אויסגיסן די פּאָמיעס אין געסל אַריין און — דער יידישער מקוה, מען זאָל נישט אָפּלאָזן אין גאַס אַריין דאָס „אָפּגעאַרבעטע״ וואַסער...״

אַציגד איז רעכט; טאַקע אַ פאַרשלאָפן שטעטל... זאָל די דומע מיטן פּאָליצמייסטער זאָרגן פאַר יידיש „מים שלנו״, פאַר יידיש אומריין וואַסער פון דער ביליקער קיך, זאָלן זיי אויך

דורכזען דעם צעטל פון די מורשים, צי עס איז ריכטיק, אוּן מיר, מיר וועלן מן־הסתם דערפאַר עפּעס אַנדערש טאָן, פאַרזאָרגן ז י י ע ר ע געשעפטן...

מיט איין סימפּעראָפּאָל אָבער ווערט דער באָרשט נישט פעט; מען דאַרף ווייטער זוכן...

אוּן, ווי אויף צו להכעיס, סאַמע יום־טובדיקע נומערן. פּ אַ ס כ אַ אוּ ן פּ אַ ס כ אַ...

מען באַמערקט (אוּן איך מוז מודה זיין אָן כעס, אפילוּ אָן אַ בייז גלייכווערטל) אַן אויסטערלישע זאַך, אַ זעלטנהייט: דאָס יאָר איז געפאַלן זייער פּ אַ ס כ א מיט אונזער פּ ס ח צוזאַמען...

אוּן מיר פרייען זיך צוזאַמען אַזוי זעלטן!

אוּן דערפוּן ווערט נאָך אַ שטיקל פילאָזאָפיע; עס וואַרפט זיך אויף אַ שאלה: אין וועמענס זכות איז, למשל, אין קרימער געגנט, אַזוי שיין, אַזאַ לויטערער הימל, אַזא ליבלעך וואַרעם וועטער, אַז מען איז געפאָרן מיט שיפלעך אויף טייכן, געגאַנגען מיט „כאָראָוואָדן״ איבער די גאַסן, אוּן האַלב־נאַקעטע קינדער האָבן געשפּילט אינמיטן מארק אין געפאַרבטע אייער?

אוּן ווידער פאַרקערט: וועמען להכעיס איז אין אָדעסער געגנט געוואָרן אַ קעלט, וואָס די עלטסטע מענטשן געדענקען נישט; מענטשן האָבן זיך געפּאַטשט אין גאַס, אַבי די הענט צוצופירן צו דערוואַרעמען זיך אַביסל; ווער איז שולדיק אין דעם שנייִ מיטן קאַלטן רעגן?

אין פילאָזאָפיע, אָבער, וויל איך מיך נישט אַריינלאָזן... בפרט אין רעליגיעזע ויכּוחים... דאַנקען גאָט, וואָס די אַ ל ט ע רעליגיאָן־ויכּוחים זענען בטל געוואָרן; פאַרן פאַרברענט ווערן האָט מען נאָך געהייסן אומזיסט זיך די העלזער איינרייסן!...

ניין, נאָר נישט קיין ויכּוחים! אוּן איך לייג אַוועק די פּראָווינציעלע בלעטער!

„הצפירה״ רעדט פון כפענסער... די שאלות ותשובות ווע

יידישע אַרבעטער אין יידישע און נישט־יידישע פֿאַבריקן אין וואַרשע זענען נאָך נישט געענדיקט. ראַטעווען, אַזוי פֿיל איך ווייס, ... דער „המליץ"...

אַ שיינע מעשה, אָבער גאָר אַ שיינע, פֿון קיעוו...

אַמאָל איז געווען אַ מיידל: אמאָל איז געווען אַ יינגל...

פֿון שטרוי איז אַ פֿונק ווערט אַ שרפֿה, און דאָס מיידל מיטן יינגל האָבן זיך איינס אינם אַנדערן פֿאַרליבט.

דאַכט זיך: מאי כולי האי? אַ יידישע זאַך, באַשטעל כּלי־זמר און שטעל אַ חופּה!

זענען אָבער דעם מיידלס פֿאָטער־און־מוטער פֿון אַלטן דור. חסידישע לייט.

זיי האָבן צום יונגנמאַן גאָרנישט, נאָר ווי באַשטייט מען עס אויף אַ שדוך, וואָס האָט זיך אַליין געמאכט, אָן אַ שדכן צוזאַמענגעפֿירט?

ווילן זיי נישט...

ניין און ניין; נעמט זיך דאָס מיידל, וואָס איז דווקא פֿון היינטיקן דור, צום האַרץ און קריגט אַביסל מרה־שחורה, מעלאַנכאָליע הייסט עס.

דער יונגערמאַן איז ערגעץ, זעט אויס, אַוועק...

דער בעסטער דאָקטאָר איז דאָך אָבער די צייט, און דאָס מיידל איז יונג — קומט זי געפֿווינד צו זיך; דאַרף מען מיט איר אַ שדוך טאָן. מען ווערט דאָך זי נישט לאָזן פֿאַרזיצן אין גרויען צאָפּ אַריין — אַ „בייז־באַשריגעניש" — אַ מויד פֿון אַכצן יאָר! איר מאַמע האָט שוין אין אירע יאָרן געקרענקט פֿון קינדלען.

באַקומט מען עפּעס אַ בחור, אַ חזן, וואָס איז גראָד דורכגעפֿאָרן און געוואָלט חתונה האָבן, און מען שרייבט תּנאים.

די כּלה, נאַטירלעך, פֿרעגט מען נישט; פֿאַלט זי צוריק אין מרה־שחורה אַריין און ווערט גוט קראַנק...

נו, מוז מען זי שוין קורירן.

דאָקטוירים אין קיעוו פֿעלן נישט; נאָר וואָס דאַרף מען אַ דאָקטאָר, אַז עס איז דאָ אַ מקובל! רופֿט מען דעם מקובל, גיט ער אַ רפֿואה:

און אַזוי האָט ער געהייסן טון:

מען זאָל גיין פון שטאָט אַרויס אין וואַלד אריין. גייענדיק אָפּציילן פון דער רעכטער זייט אַכצען בוימער כמנין דער כלהס יאָרן, דעם נייַנצנטן זאָל מען, נישט קוקנדיק אויף קיין געלט, אָפּקויפן, אויסוואָרצלען (זאָל זיין מיט גוישע הענט) און צע־האַקן אויף ברען־האָלץ...

מיטן גאַנצן האָלץ זאָל מען אונטערהייצן אַ וואַנע... קיין שפּאָן זאָל נישט פעלן, און אין דער וואַנע זאָל מען אַריינוואַרפן די חולנית...

און אַז די כלה האָט נישט געוואָלט, האָט מען איר געבונדן הענט און פיס און געטון, ווי דער מקובל האָט געהייסן!

און אַז מען האָט דאָס קראַנקע מיידל אַריינגעוואָרפן אין קאָכעדיקן וואַסער, איז — ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען — די קרענק מיט דער נשמה צוזאַמען...

דערפאַר וועט איר שוין נחת האָבן פון די בריוו!

סאַמע צדקות און מעשים־טובים.

למשל: ראַדאָם!

קהל האָט איינגעזען, אַז די חברה „בקור־חולים“ פאַלט, ווייל די חברה־לייט ווילן כסדר נישט צאָלן, האָט מען באַ־שלאָסן, די חברה צו גרינדן אויף אַ פעסטן פונדאַמענט מיט שטענדיקע הכנסות.

צו דעם צוועק האָט מען באַשלאָסן (און אייסגערופן אין אַלע שולן, בתי־מדרשים און מנינים), אַז מען נעמט אַוועק די ביינער ביי די דינסטן (וואָס זיי פעלט אַזוי אויך נישט קיין הכנסות: לעש־געלט, געסט־געלט, קאָרטן־געלט, היינט בעל־בתיש שטיף־געלט וכדומה) און מען גיט זיי, דאָס הייסט די ביינער, איבער דער חברה בקור־חולים...

יעדן ערב ראש־חדש זאָלן די גבאים פון בקור־חולים שיקן יונגעלייט און בחורים אָבנעמען ביי די דינסטן די ביינער (און פון כשר פלייש איז דאָ ביינער אַ סך) און אָפּטראָגן און לייגן

אויפן שול-בוידעם, און עטלעכע מאָל אין יאָר (ווען עס ווערט זיך אָנזאַמלען אַ סך ביינער און דער חברה ווערט פאַרפעלן געלט), זאָל מען די ביינער פאַרקויפן פאַר ליציטאַציע...

אין אַנדערע „שטעט און שטעטלעך" איז מען אוודאי נישט לײדיק געגאַנגען. דאָ און דאָרט האָט מען געמאַכט „פסח" פאַר יידישע סאָלדאַטן אין די ביליקע קיכן...

דער אַלטער מנהג אַהיימצונעמען אורחים און צו זעצן מיט דער פאַמיליע צוזאַמען ביים טיש איז אפילו שענער און בעסער געווען, נאָר — נייע דורות, נייע מנהגים, און נישט ביי אַלע, וואָס נעמען אורחים, קאָן מען עסן... היינט מצות געבאַקן און עסן צוגעגרייט פאַר יידישע אַרעסטאַנטן...

היינט גלאַט פאַר אָרעמעלייט: קמחא-דפסחא, גרייטע מצות, וויין אויף ארבע-כוסות — „קוואַס" אָדער באָרקעס אויף קוואַס... אויף טייל ערטער האָט מען אייגנהענטיק, מיט די אָרעמעלייט צוזאַמען אין „פאָדריאַדן" געאַרבעט!

מעשים האָט מען געטאָן פאַר אָרעמעלייט...
אָבער צי זענען זיי עס ווערט?

עס ווייזט זיך אויס, אַז די אָרעמעלייט זענען, לאָ עליכם, גרויסע ליגנער, שקרנים גרויסע.

אָט וואָס מען שרייבט אונז פון אַ פּוילישער גובערניע-שטאָט (מיר ווילן זי נישט אָנרופן ביים נאָמען, מיר זאָלן נישט באַקומען קיין פאַלשע הכחשות);

„שלשים יום קודם החג" האָבן זיך אונזערע גבירישע אַפּטרופּסים פון דער קהלה צוזאַמענגענומען און געמאַכט צוויי צעטלעך: איין צעטל פון גבירים, וואָס דאַרפן געבן — און אַ צווייטן צעטל פון אביונים, וואָס דאַרפן נעמען — מעות-חטין...

עס איז אפילו געווען אַ חשד, אַז די צעטלען זענען נישט ריכטיק, אַז אַ טייל אביונים, וואָס נ ע מ ע ן, האָבן באַהאַלטענע אוצרות, און מאַנכע, וואָס גיבן „קנייפן זיך נאָר אין די באַקן, די פאַרב זאָל האַלטן" און וואָלטן גערן גענומען, נאָר אַ מענטש (און גבירים זענען אויך מענטשן) קאָן קיינעם אין האַרץ נישט קוקן...

און גאָר נאָענט שוין צו פסח האָבן זיך פאַרזאַמלט — די

גבירישע אפּוטרופּסים אין קהל-שטוב, די אָרעמעלייט אויפן הויף פון קהל-שטוב, און דורך אַ פענסטערל האָט מען אויסגעטיילט קמחא-דפּסחא...

אַזוי ווי אַלע יאָר! נאָר דאָס יאָר האָט מען קענן פּאַראַ-יאָרן צונויפגענומען האַלב געלט און פארשריבן האָבן זיך טאָפּלט אָרעמעלייט... האָט יעדע פאַמיליע באַקומען טאַקע נאָר אַ פערטל פון פאַראַיאָרן... אַכצן און אַ האַלב קאָפּיקעס פאַר אַ נפש...

איז נאָך ווייניק, האָט זיך נאָך דעם צעטיילן אויסגעוויזן, אַז אויפן הויף שטייען נאָך אַ סך אָרעמעלייט, וואָס זענען אויפן צעטל נישט געשטאַנען.

דעמאָלט האָבן זיך די גבירים אויפגעשטעלט, געוויזן דעם אָרעמען עולם, אַז יעדער פונקט פון צעטל איז אויסגעפילט, אַז דער זאַק פון געלט איז ליידיק און געזאָגט: פאַרפאַלן, מער גיט מען נישט...

די אָרעמע האָבן אָנגעהויבן שרייען (ווייבער אפילו: וויינען), נאָר עס האָט נישט געהאָלפן, די גבירים טענהן זייערס: „דער זאַק איז ליער, מען גיט נישט מער!" (גבירים האָבן מזל, גראמען פליען זיי, ווי געבראָטענע טויבן אין מויל אַריין), און די אָרעמעלייט אָבער האָבן אָנגעהויבן העכער צו שרייען:

— חמץ — האָבן זיי געשריגן, — וועלן מיר עסן, — אויף אייער חשבון, חמץ! דער „כרת" וועט פאַלן אויף אייך, אויף אייך!

און וואָס האָט זיך אויסגעוויזן?

די גבירים האָבן טאַקע וואָרט געהאַלטן, עס האָט מער קיינער קיין פעניג נישט באַקומען, אַ מאַן — אַ וואָרט! און די אָרעמעלייט?

קיין וואָר וואָרט גייט זיי פון מויל נישט אַרויס...

קיין איינציקער אָרעמאַן האָט קיין חמץ גאַנץ פּסח פאַר די אויגן נישט געזען, טייל אפילו אסרו-חג נישט...

3

22־סן מאי 1902

עלטערע מענטשן געדענקען נאָך אַלטע קהלות, שטילע קהלות, ווען עס האָט זיך שטיל־מתנגדיש געלעבט.

עס האָט נאָך נישט געהייסן מתנגדיש; עס זענען נאָך קיין חסידים נישט געווען, זיי זאָלן דעם נאָמען געבן! אָבער שטיל איז געווען...

דאָס מחלוקת פון חכמי צרפת קעגן רמב״ם און זיינע תלמידים איז פאַרגעסן געוואָרן! אַלע גרויסע פון ביידע צדדים זענען געשטאַנען הויך און גרויס אין ווייסע לייוונט און שווארצע לעדערנע רוקנס אין די הויכע גרויסע ספרים־שענק אין בית־המדרש... ר׳ נפתלי כ״ץ האָט זיך אָנגערירט רעכטס מיטן „בעל־עקדה״, לינקס מיטן רלב״ג און קיין איינציקער פון די דריי האָט קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט... און אויב זיי האָבן זיך שטי־לערהייט איבערגעוואָרפן, האָט זיי די חברה ש״ס מיט פשוטער גמרא פאַרהילכט...

איינער אין שטאָט, צוויי אין אַ מדינה האָבן געקאָנט זיין מקובלים, וואָס האָבן געזוכט דעם אמתן אמת, דעם „תוך״ פון „רעכטס און לינקס״, פון „אויבן און אונטן״, פון „כתבי־יד״ און ארץ־ישראל־ספרים... עס זענען אויך געווען שטילע „חוקרים״־שמשים, וואָס ערשט נאָך זייער פטירה איז מען געוואָר געוואָרן, אַז זיי האָבן קאָרעספּאָנדירט מיט אויסלענדישע אַקאַדעמיעס וועגן תקופות ומזלות, לקוי־חמהס וכדומה... זיי האָבן אָבער שטיל און באַהאַלטן בעלעבט, ווי די באַשיידענע פעלד־בלימלעך צווישן ווייץ און קאָרן...

פון זיי האָט קיינער נישט געוואוסט, עס האָט קיינער פון זיי קיין נחת און קיין צער נישט געהאַט.

און קהל איז געווען — איין קהל, איין פירוש אויף תורה — רש״י, איין קאָדעקס — דער שלחן־ערוך, איין סדור — איין נוסח צום דאַוונען...

אין שטעט און שטעטלעך זענען גאַנצע און מער ווי גאַנצע „אלף־בית־ן" רבנים געווען און — אָן מחלוקת וועגן רבנים! יאָר ביי יאָר פלעגן קלפּים זיין אויף אַלערליי גבאות, פאַר אַלערליי חברות (און צדקה האָט מען געטאָן אַ סך, און חברות זענען אַ סך געווען), און עס זענען נישט געפלויגן נישט קיין פּעטש, נישט קיין האָר פון באָרד און פּאות, נישט קיין פעדערן פון „כרים וכסות", נישט קיין מסירות...

„תפוצות ישראל" האָט אויסגעזען, ווי א שטיל, רוהיק, גלאַנצנדיק וואַסערל, אָן רעדלעך, אָן שרימפּן...

אויסער, אז עס האָט זיך אַ מכור באַוויזן, אָדער — אַז כען האָט פון דרויסן אַ שטיין אַריינגעוואָרפן...

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מעשה מיט חסידים, דערנאָך — מיט משכילים...

עס האָט אָפּגעקאָסט בלוט, עס זענען חרוב ונחרב געוואָרן קהלות, מען האָט פאַרפלוצט די תפיסות — און עס איז ווייטער שטיל געוואָרן...

די מתנגדים זענען אויסגעשטאָרבן, דאָס חסידות האָט זיך פאַרשפרייט פון אונטן, די השכלה האָט אָנגעהויבן ארומצעשווימען פון אויבן... מען האָט זיך צוגעוואוינט — ביז עס האָט ווייטער אָנגעהויבן צו רודערן...

נייע מחלוקת!

און וועגן וואָס?

וועגן ציוניזם!

אין אַ יידיש-פּויליש שטעטל (איך האָב לײדער דעם נאָמען פאַרגעסן) האָט מען געכאַפּט אַ פּריש־אַראָפּגעבראַכטן אײדעם ביי אַ מעשה-רע! מען האָט ביי אים אין וועסטל-קעשענע געפונען — אַ שקל־קוויטאַנציע... האָט מען אים צומאָרגנס אָפּגעגט מיטן ווייב (ביידע, שרייבט מען, האָבן ביים גט געוויינט ווי קליינע קינדער), בשעת גט — האָבן דערוויל די קרובים אַרויסגעכאַפּט די כלים

פון שטוב, די סחורה פון קליינעם געוועלבל, און — צוגענומען דעם יונגנמאַנס פּאַספּאָרט, דערנאָך האָט מען אים געמסרט און געלאָזט אָפּשיקן אַהיים מיטן עטאַפּ...

אין אָסטראָשיצקי האַראָדאָק (מינסקער גוב.) האָט זיך געעפנט אַ ציוניסטישער פאַריין. באַלעבאַטישע קינדער האָבן זיך אפילו נישט פאַרשריבן, ווייל אין פאַריין האָבן זיך געפונען אייניקע בעל-מלאכות -- דערפאַר איז צוגעשטאַנען אַ ישיבה-בחור, וואָס פלעגט עסן טעג. איז מען געוואָר געוואָרן, האָט מען אים די טעג אָפּגעזאָגט און אַרויסגעטריבן... דער קליינער פאַריין האָט אים קוים צוזאַמענגענומען אויף הוצאות און אַרויסגעשיקט פון שטאָט!

און וואָס איז געווען דער חטא פון קליינעם ציוניסטישן פאַריין: מען פלעגט זיך פאַרזאַמלען מ ש ב ת לשבת און לעזן י י ד י ש ע געשיכטע... אַזוי שרייבט מען!

אין וואָלינער גובערניע איז פאַראַן אַ שטעטל טשודנאָוו, דאָס גאַנצע שטעטל שטייט ווי אויף ברענענדיקע קוילן. עס איז קיינער מיטן לעבן נישט זיכער. דאָס שטעטל איז פול פון (לויט מען שרייבט) גנבים, גזלנים... מען רייסט פון די הענט, מען שלעפּט פון די קעשענעס, ביינאַכט ציטערט מען פאַר שרפות — פיר שרפות אַ וואָך איז נישט קיין זעלטנהייט! טשודנאָוו איז דאָס אָרט, וואו מען פאַרשיקט די גנבים פון זשיטאָמיר! און דאָך האָט דאָס שטעטל צו טאָן נישט מיט די גנבים, נישט מיט די גזלנים, נאָר מיט ציוניסטן!

צו אַ ל ט ע ציוניסטן, וואָס זענען געוואָרן פון די אַלטע חובבי-ציון, האָט מען זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט, מען האָט זיי אָנגעהויבן צו פאַרדייען, האָבן זיך פּלוצים באַוויזן קליינע, יונגע ציוניסטן — „בני-ציון״! יינגלעך האָבן אָנגעהויבן צאָלן שקלים, יינגלעך האָבן אָנגעהויבן צו לעזן י י ד י ש ע געשיכטע, י י ד י ש ע צייטונגען, און אויף דעם האָט שוין קהל נישט געקאָנט באַשטיין! עס זענען אפילו פ ר ו מ ע ציוניסטישע קינדער: אַ חוץ יידישע געשיכטע און יידישע צייטונגען, האָבן זיי נאָך צוזאַמען געלערנט חומש מיט רש״י, עין-יעקב און ווער ווייסט, וואָס נאָך פאַר אַ מוסר

ספרים! ציוניזם אליין איז אָבער שוין אַן אפיקורסות! און א גע-וויסן שיינעם העלן שבת בשעת קריאת-שמע האָט מען די בני-ציון אויסגעפּאַטשט, אָפּגעריסן אויערן און נעז און ארויסגע-וואָרפן פון בית-המדרש. דערביי האָבן שוין די עלטערע ציוניסטן אויך געליטן, ווייל זיי האָבן זיך אָנגענומען פאר די יונגע!

„ובערת הרע מקרבך” איז טאַקע אַ מצוה, נאָר, צי איז נישט גלייכער די מצוה מקיים צו זיין וועגן די פארשיקטע גנבים?

אין גראדאסק, אין פריילעכן חודש ניסן איז געשען אַזאַ מעשה:

עס איז געקומען אַ „מטיף ציוני”: אַ ייד, וואָס האָט גע-האַלטן דרשות וועגן ציון און ירושלים — האָט מען אים געמסרט, אַז ער פאַרט ארום אין די יידישע קהלות אָנצומאַכן מחלוקת, אַז ער קלויבט געלט אויף געהיימע צוועקן, און „בפירוש הותנה” מיטן „נאטשאלניק” פון פּאָוויאַט, אַז אויב ער וועט נישט איבערגעבן די זאַך צום „סליעדאָוואַטיעל” וועט מען אים אַליין מסרן...

און מען האָט קוים מציל געווען דעם בעל-דרשן פון פרעמדע הענט!

אין באַרדיטשעוו — מחלוקת און מסירות! פאַרוואָס? פאַר א „חדר מתוקן”. פריער האָט מען אַזאַ חדר, וואו מען לערנט לשון-קודש אויף לשון-קודש, געעפנט פאר באַלעבאַטישע קינדער, דערנאָך אַ צווייטן חדר פאַר אָרעמעלייט. די „עולה” האָבן שוין די מלמדים קאַלטבלוטיק צוקוקן נישט געקאָנט! מען האָט דער-לאַנגט וואו מען דארף אַ „דאָנאָס”, אַז דער „עברית בעברית” איז ריינער סאָציאַליזם; מען האָט אַרויסגענומען דאָס אור-אַלטע מתנגדישע און אַלטע חסידישע כלי-זיין און אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז „מען האָט אויסגעשניטן און אוועקגעוואָרפן צוויי ספרים פון דער תורה”... וכדומה, און, צי די חדרים וועלן אויסהאַלטן, צי ניין, דערווייל אָבער, שרייבט מען, „קאָכט באַרדיטשעוו ווי אַ קעסל”, און געוויס וועט זיך נישט איינער אָפּבריען!

און אַזוי איז כמעט אין אַלע, אַלע שטעטלעך, וואו עס באַווייזט זיך ציוניזם!

וואָס דאַרפט איר מער? וואַרשע איז שוין נישט קיין קליין שטעטל, עס זאָל „קאָכן אויף קעסל און כלים" און פירן מחלוקת... וואַרשע, ווייסט מען. איז אַ שטילע שטאָט, אַ רוהיקע שטאָט, וואָס לאָזט זיך פירן, אפילו אַרומפירן ביי דער נאָז... ווייניקסטנס — אין קהלשע, יידישע ענינים...

וויפל שטריימלעך עס הויבן זיך נישט איבער וואַרשע און— „אין מלכות נוגעת בחברתה" — יעדעס שטריימל גייט זיך זיין וועג, האָט זיך זיינע הכשרים, זיינע נולדים ונפטרים, זיינע בריתן, התונות. גטן — און, מאַכט זיך אַן אסיפה גדולה, קומען זיך אַלע שטריימלעך מיט די זילבערנע האָר צוזאַמען און רעדן גוטע רייד, זיסע רייד, ווי עס פאַסט פאַר תלמידי-חכמים...

עטלעכע הונדערט מבינים זענען פאַראַן אין וואַרשע, און מען הערט נישט, עס זאָל עמעץ געפּאַטשט ווערן וועגן אן עליה...

וואַרשע האָט אַ גרויסע קהל־שטוב — פערצן דאָזאָרעס, און יעדער טוט זיך זיין זאַך, כאָטש זיי באַשטייען פון דייטשן, באַלעבאַטים און האַלבע משכילים.

אַ דייטשע שול האָט וואַרשע, אַ סינאַגאָגע הייסט עס. קיין אָרגל האָט די דייטשע שול נישט, נאָר דערפאַר צוויי פריידיקער. און דער מזל האָט געוואָלט, אַז איינער זאָל זיין אַן אַ ל ט ע ר אַ ס י מ י ל אַ ט אָ ר און דער צווייטער אַ י ו נ ג ע ר צ י ו נ י ס ט... און פונדעסטוועגן, הערט דער עולם גאַנץ רוהיק דעם ערשטן טאָג יום־טוב, וואָס דער י ו נ ג ע ר דרשנט, און טראַכט דערביי — אפשר וועגן פּאָליטיק, אפשר וועגן דער בערזע, און שטיל! עס וועט צו קיין מחלוקת, חלילה, נישט קומען!

דאַכט זיך, גאָר א גן־עדן, נאָר אין גן-עדן באַווייזט זיך אויך די שלאַנג:

עס איז געוועזן אַן אַלגעמיינע אסיפה פון אַ צדקה-חברה „אחיעזר". עס האָבן זיך פאַרזאמלט עטלעכע הונדערט מענטשן, עס האָבן געזאָלט זיין בייע וויבאָרעס אין קאָמיטעט אַריין, עס האָט געזאָלט גערעדט ווערן וועגן וויכטיקע פראַגן איז דער

צדקה, און פון דער גאַנצער אסיפה איז נ י ש ט געוואָרן, ווייל מען האָט נישט געקאָנט אויסקלויבן אַ פּרעזעס (יושב ראש) צו דער אסיפה.

קוים האָט מען די פראַגן געשטעלט ווענען אויסצוקלויבן, האָט אַ האַלבער עולם אָנגערופן א יי ן נאָמען, די אנדערע העלפט — אַ צווייטן נאָמען... און עס איז געוואָרן אַ רעש, א גע־פילדער, אַ גיהנום! — מען האָט געבראכט פּאָליציי, עס האָט נישט געהאָלפן.

אַ העלפט עולם שרייט — י., די אַנדערע העלפט — ס...

איך פרעג איין צד: פאַרוואָס נישט י.? ענטפערט מען מיר: ער געהערט צו דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, קאָן ער ע"פ התקנות נישט זיין קיין פּרעזעס. אַן אמתער תירוץ.

פרעג איך דעם צווייטן צד: פאַרוואָס נישט ס.?

— ער איז אַ ציוניסט! — ענטפערט מען מיר מיט כעס, מיט האַס, מיט בזיון...

און מען איז זיך צעגאַנגען, אויב נישט מיט אָנגעשוואָלענע פּנימער, על כל פנים מיט אויסגעטריקנטע העלזער...

וואָס פלעגן די אַלטע שטילע יידישע קהלות טענהן, אז מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן שטיינער פון דרויסן?

וואָס פלעגן טענהן די ערשטע חסידים, אז מען האָט זיי מיט געוואַלט געגאָלט די בערד, געטריבן, געיאָגט, געמסרט און פאַרשיקט?

וואָס פלעגן טענהן די אלטע משכילים, ווען מען פלעגט זיי שמייסן אין די בתי-מדרשים אויף אָפענע קאָנקאָרדאַנציעס, אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן אָדער טרייבן פון שטאָט צו שטאָט?

און וואָס טענהן — היינט די ציוניסטן? (איך זאָג בפירוש היי נ ט, כל-זמן זיי זענען שוואַך, כל־זמן מען יאָגט ז יי).

אַלע טענהן אַן ערלעכע טענה:

אין ויכוח צווישן מוחות און הערצער דאַרפן ,יך די גראַבע הענט נישט אַריינמישן.

ווער עס כאַפּט אין מיטן ויכּוח אַ בענקל, איז אַ סימן, אַז דאָס בענקל איז קלוגער פאַר אים... ווער עס מסרט...

ניין, דאָס טאָר מען נישט זאָגן; עס וועט זיך געפינען אַן „אחר" און עפּעס צוליינן, אביסל צוזאַלצן און מאַכן אַ פיין לעקעכל פאַר „ראָלאַ", „גיוואָ־פּאָלסקיע" און אפשר פאַרן „גלאָס"?

מיט דער צייט וועט די „פּראַוודאַ" אַליין אָנהויבן אַזוינע לעקעכלעך צו נאַשן...

נאָר פון דעם אַן אַנדערש מאָל...

·9

29־טן מאי 1902

עס איז משוגע צו ווערן פון אונזערע קהלות!

דאַכט זיך „סדנא דערעא חד הוא״ — אויף פראָסט יידיש: אומעטום די אייגענע וועלט, קומט אַ קהלה קדושה און וואַרפט דיר ארויס אַזא מין קונץ־שטיק, אז דו בלייבסט שטיין, עפנסט דאָס מויל און גאַפסט!

פון שטעט און שטעטלעך שרייבט מען געוויינלעך וועגן יצר־הרע צו אַ כזיתל גבאות פון וואָס עס איז פאַר אַ חברה: „תקון וקוני ספרים״, וואָס האָבן קיינמאָל קיין דרייער נישט בייע ספרים צו קויפן און זענען יוצא מיט לופטערן די אַלטע אויפן שול־הויף פאַר דער זון און מיט זאַמלען שמות פון צעריסענע ספרים, וועלכע מען שיקט אַרויס אַמאָל אין אַ יאָר אין אַ גרויס צוקער־פאַס אויפן בית־עלמין...

פון אַ „לעזע־פאַריין״ — וואָס האָט נישט מער זיין אייגע־נעם, ווי אַ לאָפּאַכיקע חתימה פאַר בעטל־בריוו צו אויסגאַבן און רעדאַקציעס — מען זאָל ארויסשיקן ספרים און צייטונגען אומזיסט...

פון א חברה יין־קדוש, „כּאָדריאַדן״ פאַר פּסח מצות צו באַקן פאַר אָרעמעלייט אָדער צוזאמען מיט אָרעמעלייט וכדומה.

נהרג ווערט מען פשוט על פחות משוה פרוטה פון וואָס־עס־איז אַ חברהשן כבוד, א קהלשן כבוד!

קהלס פאַרזאָרגער וואַקסן דעריבער ווי אויף הייוון, ווי שוואָמען אין וואלד נאָך אַ רעגן...

חברות ווערן אומישנע געמאַכט, עס זאָל נישט פעלן קיין כבודים פאַר די מכובדים — פאַר גבירישע קינדער, זיידענע יונגעלייט, אויפגעקומענע עם־הארצים...

דעריבער הערט מען אַזויפיל קלפּים, פון אַזויפיל געלטערן; ביי יעדער קלפּי ווערט אַ מחלוקת לשם שמים, ווערן נעז און אויערן געריסן, סודות אַנטפּלעקט, קומט מען אום על קדוש-השם...

און אַז עס קומט די צייט צו שרייבן „שטעט און שטעט־לעך”. בין איך גרייט איינצוטונקען די פעדער אין גאַל און שרייען: גזלנים, עד מתי?!

גאַ־דיר!

די ערשטע ידיעה, וואָס קומט מיר אין דער האַנט אַריין, רעדט פונקט פון אַ שטעטל, וואָס איז גאָר קיין שטעטל נישט, וואו דער יצר-הרע פון כבוד און גבאות האָט גאָר קיין שליטה נישט, וואו די קלפּים זענען קיין קלפּים נישט, די גבאים קיין גבאים נישט און די קהלשע עסקים פאָרן און פירן זיך אַליין!

מאַכט זיך אַ וויכטיקער צופאַל — שיקט גבאי ראשון, וואָס איז באמת גאָר קיין גבאי ראשון נישט, זיינס אַ שטיקל קרוב, אַ נאָענטן צי אַ וויטן, נאָר מן־הכתם אַן אָרעמען קרוב, וואָס מען נוצט צו שליחות, און גיט אים אפילו נישט איבער נישט קיין שטעקן אין האַנט אַריין, נישט קיין וואָרט-צייכן אין מויל אריין, גאָרנישט! און ד ע ר טוט בשמו — בשם הגביר הייסט עס.

דאָס שטעטל הייסט ראַדאָמישל. עלף יאָר צוריק האָט דאָרט געדאַרפט זיין אַן אסיפה אויסצוקלייבן גבאים צו דער תלמוד־תורה. איז די אסיפה נישט צושטאַנדגעקומען; עס האָבן זיך ווייניק מענטשן פאַרזאַמלט. אַלזאָ, איז דאַכט זיך קיין אסיפה נישט גע־ווען, פונדעסטוועגן האָבן זיך אויסגעקליבן פינף גבאים: ה. ג. ק. צ. און ר.! אומבאַקאַנטע הענט האָבן אפילו דערויף אַ פּראָטאָקאָל געשריבן און געחתמעט, נאָר צריינגעשיקט וואו מען דאַרף, האָט מען דעם פּראָטאָקאָל נישט. זאָל זיין גבאים אָן אַ פּראָטאָקאָל, זענען אָבער די גבאים אַליין קיין גבאים נישט; זיי קומען אין תלמוד־תורה נישט אַריין. איין ה׳ ג. באַשעפטיקט זיך מיט דער תלמוד-תורה אַזויפיל, אַז פון צייט צו צייט שיקט ער אַהין זיין קרוב, געוואָר ווערן, וואָס עס הערט זיך...

און די תלמוד־תורה? זי גייט אַליין!

עפעס ענלעכעס איז געשען אין ביעכאַן אויך.

מען דארף אַ רב; דער אַלטער, געבען, האָט אויסגעדינט זיין צייט און איז נפטר געוואָרן. ביז אין דער לעצטער רגע האָט ער שאלות געפסקנט, פשרות געמאַכט, ביז עס האָט אים אָטעם פארפעלט.

הכלל, מען דאַרף אַ רב, קהל איז אָבער פויל צו קלויבן. קהל זאָגט, אַז מען קאָן יוצא זיין מיט דער אלמנה און יתומים פון אַלטן רב, וואָס מען דאַרף שפייזן און נישט נעמען אַ בייעם עול אויף זיך.

על פי דין מוז אָבער זיין אַ רב! מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט, עס מוז זיין.

געפינט זיך אַ ייד א גביר, קלויבט ער אליין אויס אַ רב.

קיין גרויסער למדן. לויט מען שרייבט, איז דער גביר אפילו נישט, קיין גרויסער ירא־שמים אויך נישט. נאָר א נאָז, זאָגט מען, האָט ער. און וועלכער גביר האָט עס ניט קיין נאָז? אַז מען איז אַ מבין אויף זינגען, איז מען אַ מבין אויף אַ רב אויך...

בפרט, אַז ער האָט באמת געטראָפן! — ער האָט אויסגעקליבן דעם רבינס זאָל לעבן אַ לייבלעכן קרוב — וואָס דאַרף מען מער?

איז דאָך אָבער אַ ייד, אפילו אַ גביר, אין גלות, און כאָטש קהל שווייגט און נעמט אָן אַלץ פאַר ליב, זאָגט דער פריסטאַוו: לאו! אַ רב, זאָגט ער, מוז זיין אויסגעקליבן פון קהל, עס מוז זיין אַ קלפי, על כל פנים — אַ פראָטאָקאָל, אַז עס איז געוועזן אַ קלפי! אַ דין מפורש, זאָגט ער!

מה עשה — וואָס טוט אַ ייד אַ גביר? אָפטרעטן וועט ער דאָך נישט. שרייבט ער זיך אָן (מיט פרעמדע הענט, נאטירלעך) א פראָטאָקאָל; מען זאָגט — גאָר אַ שיינעם פראָטאָקאָל, עכט רוסישע שפראַך און על פי הקי הקאַליגראַפיע! וואו נעמט מען אָבער דעם קהל צום אונטערשרייבן? מילא, צו די עטלעכע רייכע בעלעבאַטים, וואָס זענען פאַראַן אין שטעטל, שיקט ער אַהיים

דעם פּראָטאָקאָל צו דער חתימה, עס וועט אים קיינער נישט אָפּזאָגן; אָבער וואו נעמט מען דעם „המון?״

פאלט ער אויף אַ גבירישע המצאה. ס׳רוב „המון״ זענען בעלי־עגלות, אַביסל אָפּהענגיקע פון גביר און זיינע עסקים, הייסט ער זיינע מענטשן, זיי זאָלן פאַרטאָג פארגעמען די פערד פון באַשע און אַריינטרייבן צום גביר אויפן הויף.

וכך הוה!

און צומאָרגנס קריגט קיין איינציקער בעל־עגלה זיין פערדל נישט ארויס, ביז ער שרייבט נישט אונטער דעם פּראָטאָקאָל, און ברענגט נישט קיין התימה פון זיינע קרובים און גוטע פריינט!

און אויף אַזאַ אופן, הודות להגביר והסוסים, האָט קהל גע־קריגן א רב!

עס זענען פאראן קראַנקע, וואָס האָבן ל י ב זייער אום־גליק, וואָס „גראבלען״ שטענדיק אין די אייגענע וואונדן, וואָס האָען מורא אָן זיי אַ רגע צו פאַרגעסן. און אַזוי קראַנק זענען אַלע יידישע אינטעליגענטן, וואָס לעזן וואָך־וועכנטלעך און טאָג־טעגלעך אַנטיסעמיטישע בלעטער. מען האָט אַ משונהדיקע הנאה פון דעם גאַל אויסגיסן...

און איך, אויך אַ יידישער אינטעליגענט, האָב מיך אַזויפיל אָנגעלעזן אין די אנטיסעמיטישע בלעטער פון יידישער „סאָלי־דאַרנאָסט״, ווי מיר יידן זענען שטענדיק צווישן זיך „קנעפּל־ביי־קנעפל״, ווי צוזאמענגעוואַקסן אונזערע נשמות זענען, אז איך האָב טאַקע געגלויבט, אז אויב מען גיט אַ פּאַטש אַ ייד פון יענער זייט סמבטיון, ציטערט ראָטשילד אין פאַריז און פּארקערט...

בפרט די לעצטע צייט: אַ יידישער קאָנגרעס! מארבע כנפות הארץ פאָרן זיך יידעלעך צוזאַמען! האַלטן עצות! א יידישע באַנק — פון מזרח, פון מערב, פון צפון, פון דרום שווימט צוזאַמען יידיש־קבצניש קליין־געלט און עס ווערט צו אוצר, אַ מטמון מיט גאָלד,[1]

און פון אלע עקן פון דער וועלט, פון הינטער די הרי-חושך, אויסער איין קעלצער גובערניע — פליען שקלים אויף אָרגאַניזאַציע! היינט רעדט מען נאָך פון א נאַצ־אָנאַל־פאָנד, פיינע מארקעס אָפּגעדרוקט!

איך האָב געמיינט: זיי האָבן גערעדט און גערעדט, ביז זיי האָבן אויסגערעדט אין אַ מזלדיקער שעה, אין א גוטער שעה! פון היינט אָן וועט זיין „קוש־וואָך", טאַקע ווי אין חודש־בענטשן שטייט: עם כל ישראל אחיהם!

בפרט, אז איך האָב געלעזן, ווי ווינער יידן קלערן, וואָס מען טוט מיט רומענישע יידן! וואָס זיי וועלן טון, איז אפילו נאָך אַ סוד, נאָר גענוג — מען קלערט!

אי וואָס, דער וואַרשעווער ד"ר הערץ, וואָס זאָגט־צו אין „פּשעגלאָנד טיגאָדניאָווי", אַז ער וועט קיינמאָל זיך נישט אָפּטרענען פון דער כנסת ישראל, זאָגט זיך פונדעסטוועגן אָפּ פון די פויזנער יידן, ווייל זיי זענען נישט קיין שאַרפע פּאָליאַקן— פּטור! אַ מענטש פון אַלטן דור, דער טאָפּ איז שוין אַן אָנגעזאַפּטער!

אי וואָס, אין זדונסקאַ־וואָליא ווילן די היימישע פּוילישע יידן נישט אַריינלאָזן אויף שבת צום שטאָט־בעקער קיין ליטווישן קוגל, ווילן קיין ליטוואַק נישט צולאָזן צו קיין עליה אפילו שמחת־תורה, און פסח־צייט — אַנטלויפט מען פאַר א ליטוואַק, מען זאָל נישט עובר זיין אויף „בל־יראה" — ווער רעכנט זיך מיט אַזוינע לעכער, ווי „זדונסקא־וואָליאַ"? אויך מיר אַ קהלה — א גענעץ!

אי וואָס, אַז „הרב הגאון" ריינעס קומט אין אַ ליטווישע שטאָט אַריין דרשענען, שפּרינגט ארויף א פּרוש אויפן בעלעמער און כאַפּט אים ביי דער גרגרת, און אַז „בני־ציון-יינגלעך" באַווייזן זיך אין אַ חסידישן מקום־קדוש, רייסט מען זיי אָפּ די נעז און זיי עפּענען מיט די יונגע הייסע קעפּ די טיר — מאי כולי האי? עס איז אַ סימן פון לעבן. מתים קומען נאָר וואַרגן און דוקא ביינאכט אין שלאָף; פון נעז רייסן האָבן זיי גאָר קיין ידיעה נישט׳ און דאָס לעבט אין שיינעם העלן טאָג!

אין אייגענעם טעפּל מעג זיך קאָכן, אָבער בנוגע צווישן אונז און אנדערע, אָ! דאָ איז יד אחת: איינער פאַרן צווייטן, יעדער פאַר אַלע.

הער איך אָבער, אַז פון אמיר ביי יעקאַטערינאָסלאַוו טרייבט מען אַרויס זעקס הונדערט יידישע פאַמיליעס (זייט אייך משער, וויפל נפשות), ווייל דער אַרענדאַטאָר פון דער ערד, אַ ייד — איר הערט? — אַ ייד, וואָס האָט איך נישט אין זין צו פאַרלאָזן די כנסת ישראל, אויכצוטוישן דאָס רענדל (מען זאָל זיינע פּטור ווערן) — ווייל דער יידישער אַרענדאַטאָר האָט נישט געלאָזט, אַז די יעקאַטערינאָסלאַווער דומע זאָל מאַכן פון אַמור אַ פאָרשטאָט צו יעקאַטערינאָסלאַוו...

ער האָט נאָך מער געטאָן — ער האָט צוגעזאָגט (און איז, דאַכט זיך, אַ ייד אַ גביר און וועט אוודאי האַלטן וואָרט!) צו מסרן די יידן, וואָס וועלן בלייבן. וואָס ווילן, חס ושלום, וועלן פאַלש בלייבן...

און אפשר איז די מעשה נישט אמת, און דער אַמורער אַרענדאַטאָר איז נישט אַזאַ ווילדע באַרבאַרישע בריאה? וואָס פאַרדינען מיר דערביי? איז דער שרייבער, וואָס איז דאָס מודיע, טויזנט מאָל ערגער!

אָבער יידישע רחמנות איז שוין א זיכערע זאַך?

אויף דעם מעג מען מויערן שטעלן?

אמת, אַן אָנגעגעסענער דייטשער ייד פלעגט מבזה זיין אַ הונגעריקן פוילישן שנאָרער! אָבער היינט?!

אמת, אין אַ סך (בפרט פוילישע) שטעט זענען אַלע צדקות אָר פאַר היימישע יידן, דאָס הייסט פאַר די, וואָס די פּאָליציי האָט פאַר היימישע פאַרשריבן. און אַ פרעמדער מעג אויסשטרעקן די צונג...

אַ גמרא: „עניי עירך קודמין" — פאַרזאָרג פריער היימישע אָרעמעלייט. אי וואָס, די גמרא מיינט נאָר די. וואָס געפינען זיך אין שטאָט, און פאַרלאַנגט נישט, זיי זאָלן געבוירן ווערן אויפן

הייליקן גזשיבאָוו, אָדער די פּאָליציי זאָל זיי איינשרייבן — טייטשן זיי אנדערש די גמרא!

אָבער אמת־היימישע, געבוירענע אָרעמעלייט?

איך רעד נישט פון רבנים, זיי געהערן צום בעל־טאַקסע; פון פשוטע אָרעמעלייט רעד איך. פון פשוטע יידן, וואָס האָבן נישט קיין „מחזקות" מיט דער קאָראָבקע, מיט קצבים, מיט הכשרים — צי וועט אַ יידישע קהלה לאָזן אַזעלכע שטאַרבן פאַר הונגער? און בפרט יתומים?

שרייבט מען דוקא פון מיראָפּאָל (וואָלינער גוב.), אַז עס טרעפט זיך אַזוינס!

אין מיראָפּאָל איז געווען אַן אלמן מיט קליינע קינדער...

און דער אלמן איז געווען אַ קראַנקער, געוואוינט אין אַ „הינטער־שטיבל" (אין וואָרשע וואָלט ער געוואוינט אין אַ פינס־טערער נאַסער סוטערינע, אויב די פּאָליציי וואָלט זיך נישט דעריוואוסט), און געלעבט אין נויט און אין דחקות מיט די קליינע קינדער...

איינמאָל האָט זיך אים געלאָזט בלוט פון האַלז, האָט ער נישט געהאַט קיינעם צו שיקן נאָך אַביסל מילך, נאָך אַ רופא — קליינע קינדער און האַלב־נאַקעטע, און עס איז ווינטער־צייט...

האָט ער זיך געמאַטערט איבער דער נאַכט...

אינדערפרי איז דורכגעגאַנגען אַ סופר — מן־הסתם אין מקוה אַריין פאַר אַ „שם" און אפשר פשוט דאַווענען.

באמערקט ער דורכן פענסטער, ווי דער אלמן ליגט נאָך אין בעט מיט די קליינע קינדער, און די קליינע קינדער שפּילן זיך מיט דעם פּאָטערס באָרד.

זיפצט ער אָפּ, דער סופר.

ער איז מקנא אַ ייד, וואָס קאָן זיך ערלויבן אַזוי לאַנג צו ליגן אין בעט, און נישט צו ציטערן, ווי ער, אין גאַס אויף דער קעלט...

דערנאָך טראַכט ער: נאַרישע קינדער! מיט וואָס זיי שפּילן זיך — מיט אַ באָרד!

און אפשר פאַלט אים איין, אַז אַ באָרד איז אַ דבר שבקדושה און מען דאַרף זיך מיט קיין באָרד נישט שפּילן.

טרעף, וואָס אַ געפּרווירענער סופר האָט אין זין!

נאָר צוריק־צו־וועגס, אין אַ פּאָר שעה שפּעטער, קוקט ער ווייטער אין פענסטערל אַריין, און זעט — אַז דער „גליקלעכער" ייד ליגט נאָך מיט די קינדערלעך אין בעט, פאַלט אים ערשט איין צו דערשרעקן זיך, אויפצוהאַקן אַ שויב, אַריינצושפּרינגען אין שטוב אריין און געוואָר צו ווערן, אַז די קליינע קינדערלעך האָבן זיך געשפּילט מיט אַ טויטן טאטנס באָרד!

און די שטאָט?

די שטאָט האָט זיך געכאַפּט און געבראַכט דעם נפטר צו קבר ישראל... דערנאָך האָט זי אָפּגעדונגען די יתומים אויף קעסט. נאָר געצאָלט פאַר קעסט האָט זי נישט...

האמת נתן להגיד; די שטאָט האָט זיך איר אייגן פּעקל. לויט מען שרייבט: צוויי רביים, עטלעכע „שיינע" אייניקלעך, צוויי רבנים, אַן אלמנה פון אַלטן רב, אויך מיט אייניקלעך...

נאָר די יתומים האָט מען אַרויסגעוואָרפן אין גאַס אַריין...

אפשר איז דאָס אויך נישט אמת?

נאָר צי איז אמת, אַז אין שטעטל ח. לאָזט אַ יידישער אונטער־סטאַראָסטע, און דווקא אַ כשרער ייד, מיט אַ כשרער באָרד, נישט אַרויסנעמען פון „סמעטנע געלט" צוועלף טויזנט רובל אויף צרכי־צבור — צווישן אַנדערע זאַכן אויף אַ תלמוד־תורה, ביז מען וועט אים נישט געבן „לא־יהרץ"־געלט, גאַנצע צען פּראָצענט, ד. ה. צוועלף הונדערט רובל פאַר זיין אייגענעם געברויך?

צי איז עס אמת, אַז דער אייגענער אונטער־סטאַראָסטע, געוואָר־ווערנדיק, אַז יונגעלייט ווילן אים נישט לאָזן ראַבעווען קהלס געלט, אָנטרינקען זיך מיט יידישן שווייס און בלוט, אַז דער אייגענער יידישער אונטער־סטאַראָסטע האָט אָנגעגעבן אַ פאַלשן דאָנאָס, אַז די יונגעלייט קומען זיך צונויף מכלומרשט

לעזן יידישע געשיכטע, יידישע צייטונגען, נאָר מיינען מיינען זיי־גאָר עפּעס אַנדערש, זיי ווילן, נישט מער נישט ווייניקער, נאָר איבערקערן די גאַנצע מדינה מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף?

צי איז אמת, אז כאטש עס האט זיך אויסגעוויזן, אַז דער דאנאס איז פאַלש, האט דאך קהל מורא פאַרן אונטער־סטאַראָסטע, ער זאל נישט מאכן קיין נייע דאנאסן און נישט שטעלן פון זיין חברה קיין פאַלשע עדות אויך?

צי איז אמת, אַז דער טשודנאָווער רב באַקומט נישט קיין שכירות, ווייל ער האט מורא צו פסקענען אַ דין־תורה, און צי־טערט פאַר אַ גט, וואָס אַנדערע רבנים מאכן כלאחר־יד, קיי־אין־שפיי אַבי אַ קערבל, — דעריבער גייט ער אויס פאַר הונגער?

און צי איז אמת, אַז דער סלובצער רב, וואָס איז נישט קיין בעל־פחדן, האָט זיך דאָך פאַרשולדיקט ביי אַלע בעלי־בתים מיט קליינע הלואות, ביים בעקער פאַר ברויט, ביים שניידער און שוסטער פאַר קליידער און שיך, און אַז קהל שווייגט און צאָלט נישט קיין שכירות, גייט די רביצין און רייסט־אָפּ שטיקער פון אייזערנעם בעלעמער אין בית־המדרש, רייסט־אויס ברעטער פון דער פאָדלאָגע, ציגל פון דער וואַנט אויף ברויט; און אַז דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, האָט זיך דער רב, וואָס איז, ווי גע־זאגט, קיין בעל־פחדן נישט, באַנוצט מיט דער געלעגנ־הייט, וואָס אַ שוחט איז נפטר געוואָרן, און פ אַ ר ק ו י פ ט די שחיטה עפּעס אַ „שאינו יודע לשאול”, בפרט אַ „חלף־שטעלן”?

און צי איז אמת, שוין אַ קלייניקייט (מען קאָן דאָך קיין „שטעט און שטעטלעך” מיט טראַגעדיעס נישט ענדיקן), אַז אין קאלוגא גייט אַרום די געלזוכט פאַר קנאה?

„דער רב — שרייבט מען — קרענקט, פאַרוואס נישט אַלע קויפן זיינע הייוון, פון וועלכע ער האט הכנסה; דער חזן־און־שוחט צוזאַמען, פאַרוואס מען נעמט נאָר צוויי חדשים אין יאָר קיכ־לעך(?) און נאָר גענזענע פיסלעך; דער דיין — פאַרוואס מען רופט אים הינטער די אויגן מיט בזיון „יאשקע”. נישט ר׳ יוסף;

דער גביר פון שטעטל — פארוואָס האָבן אויסער אים אַנדערע בעלי־בתים אויך פרנסה, און די בעלי־בתים — פאַרוואָס זענען זיי קיין גבירים נישט?

צי איז עס אמת?

אויף דער לעצטער, אויף דער קאַלוגער מכה וואָלט זיך אַ רפואה געפונען.

זאָל קאלוגע אַראָפּשיקן אַ שליח מיוחד מיט עטלעכע גילדן קיין וואַרשע.

אין וואַרשע, מוזט איר וויסן, קרייזלט אַרום אין די גאסן אזאַ מין מודעה:

„אן ערפינדונג צו היילן פאַרשידענע קראַנקייטן: נערוואָזע, שווערע קרענק, רימאַטן, מערידן, מאָגן־בלוט (?), שווענדזעניע, אַסטמאַ, אויגן, ציין, קאָפּ, ווייבערישע זאַכן, און איר (?) ווייזט ווען איר האָט געהאָלפן (?). פון אכט פרי ביז צוועלף און פון פיר ביז אַכט אָוונט אויף דער שמאָלע מילע נומער פינף און צוואנציק וואוינונג אכצן”.

נאָר אויב קאלוגא וויל זיך היילן, מוז זי זיך איילן; דער־ווייל קאָן זיך אַריינמישן די פּאָליציי און דעם שווינדלער אַרעסטירן...

וואָס טוט מען אָבער מיט די אַנדערע קרענק?

איין גאָט ווייסט.

JEWISH SOCIALIST LIBRARY
... BRUNSWICK AVE.

5

5־טן יוני 1902

„איינס קעגן דאָס אַנדערע האָט גאָט באַשאַפן" און „וואָס עס געפינט זיך אויף דער יבשה, געפינט זיך אין ים אויך", נאָר עס זעט אַנדערש אויס, און אַ וואַסער־הונט און אַ ים־קאָטער ווילן זיך מיט אונזערע הינט און קעץ נישט הברן...

אזוי אויך אַלץ, וואָס עס הערט זיך אין דער גרויסער וועלט. טרעפט זיך אין אונזער קליינעם וועלטל אויך, נאָר עס האָט אַביסל אַן אַנדער פּנים; עס איז אַביסל קלענער, אַביסל פאַרקרימטער אויך...

למשל, נישט ווייט צו זוכן — שטרייקן.

מיינט איר אפשר, אַז ביי אונז איז דער געמאַכטער, צוגעבעטענער „שבת" נישט נוהג? — אין די קלענסטע שטעטלעך!

נאָר לאָמיר די זאַך באַהאַנדלען נישט פון אויבן אויף, נאָר גרינדלעך, טיף, ווי עס פּאַסט פאַר א דייטשן פּראָפעסאָר; איך בין אייגנטלעך קיין דייטשער פּראָפעסאָר נישט, נאָר „הוה למד מכל אדם", בפרט פון אַ דייטשן פּראָפעסאָר.

קודם־כל וועלן מיר זיך ווענדן צו דער ליטעראַטור.

אין דער אַלטער ביבלישער ליטעראַטור געפינען מיר נאָר איין שטרייק, וואָס מיר האָבן געמאַכט קעגן פרעהן מיט פּתום ורעמסס. געפירט דעם שטרייק האָט משה רבינו. און כדי מען זאָל אַלע נישט טרייבן צוריק צו דער ארבעט, האָבן מיר געמאַכט פּליטה אַריבערן ים — ואיננו...

דאָ האַקט זיך דער פּאָדעם אָפּ. נישט אין ש"ס און פּוס־

קים, נישט ביי גאונים, ראשונים ואחרונים — קיין זכר פון אַ שטרייק. נעלם געוואָרן איז ער!

שוימען שווימט ער ערשט אַרויס אין דער לעצטער צייט, אין דער נייער ליטעראַטור.

אין פרצס „רייזע־בילדער" געפינען מיר אַן אָרעמען קליינ־שטעטלדיקן רב, מיט אַ כאַלאַט פון שפּינוועבס, וואָס שטעלט זיך אָפּ, „זאַבאַסטיוועט", הערט אויף שאלות צו פּסקענען, אפילו שאלות־נשים, וויל אפילו נישט גיין צו דער חברה־קדישאס קלפּי און פאַרלאַנגט, מען זאָל אים מוסיף זיין צוויי גילדן אַ וואָך אויפן שכירות. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס דער רייזע־באַשרייבער איז אָפּגעפאָרן פון שטעטל, איידער עס איז צווישן רב און קהל געקומען צו א פשרה, און מיר ווייסן נישט, ווער עס האָט אויסגעפירט — דער אָרעמער רב, צי דאָס קבצנישע שטעטל...

דוד פרישמאַן דערציילט אין דעם פּאַראַיאָריקן „יוד" פון אַ שטרייק, וואָס די יידישע (העברעישע און זשאַרגאָנישע) שרייבער האָבן געמאַכט קעגן רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער. זיי האָבן זיך אָפּגערעדט, געמאַכט יד־אחת, איבערגעשלאָגן מיט אַ ציצה, און עס איז געבליבן, אַז עס וועט קיינער נישט אויסציען קיין פּעדער, אויב מען וועט זיי נישט מוסיף זיין כאָטש צוויי גילדן אויף א ריז פּאַפּיר פון גרויסן פאָרמאַט. אַ געוויסע צייט איז חושך געוועזן ביי די רעדאַקטאָרן, די אַרויסגעבער זענען אַרומגעגאַנגען ווי פאַרסמטע מייז, די „קוראים נכבדים" האָבן ממש קריעה געשניטן, ביז מען ווערט נישט געוואָר, אַז דוד פרישמאַן איז אַ גרויסער לץ, אַ חוזק־מאַכער; אַז עס איז א פּשוטער פּעליעטאָן, משמח צו זיין דעם עולם,—און עס איז ווייטער שטיל געוואָרן.

אחרון אחרון חביב: ספּעקטאָר באַשרייבט אין איינער פון זיינע נאָוועלן, אַז קבצנים האָבן אַמאָל געמאַכט א שטרייק. עס איז געוועזן ביי אַ רייכן ישובניק א חתונה. מען האָט נאָך זיי געשיקט אַ „דראַביניאַסטע־וואָגן" אין שטאָט אריין, און — די קרומע, לאָמע, הויקערדיקע און פאַנפאַטע קבצנים האָבן געמאַכט א שטרייק: פאַר ווייניקער ווי א רובל אויף אַ פּאַרשוין וועלן זיי זיך נישט רירן פון אָרט. און מען האָט זיי געגעבן.

א יידישע חתונה וועט זיך גיכער באגיין אָן קלעזמער, אָן דרשה־געשאנק, אפילו אָן נדן, אָבער נישט אָן אן אָרעמער סעודה: און אן ארעמע סעודה אָן אָרעמעלייט איז אזוי מעגלעך, ווי א טיש אָן א בלאט און אָן פיס!

אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דאָס דער איינציקער שטרייק פון די, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער ליטעראטור און וואָס האָט זיך גוט געענדיקט אי פאַר די קבצנים, אי פארן מחבר, ווייל די נאָוועלע איז זייער גוט אויפגעשריבן.

פון דער ליטעראטור, וואָס איז נאָר דער ווידערשיין, דער שאָטן פון לעבן, וועלן מיר זיך נעמען צום לעבן אליין.

מיר וועלן רעדן פון אונזערע יידיש-קהלשע שטרייקן.

פון אלע זייטן פון פוילישע שטעט און שטעטלעך הערט מען פון שטרייקן, וואָס די דעמאָקראטישע חברה נושאים מאכט קעגן דער אריסטאָקראטישער חברה־קדישא, וואָס לייגט נישט די הענט אין קאלטן וואסער אריין, און נעמט צו ניינציק פראָצענט קבורה-געלט, בשעת די חברה־נושאים גייט ארום מיט טרוקענע הענט.

קיין דין־תורה קאָן מען מיט דער חברה־קדישא נישט האָבן, ווייל דער רב מיט די דיינים האלטן מיט די חברה־קדישא-לייט, וואָס גיבן רח״ש, יום-טוב-געלט און פורים-געלט און לאָזן איינמיסן יאָר אויך אמאָל אָפּלעקן א ביין. וואָס טוט חברה נושאים? מאכט זי „שבת״ — זי רירט זיך נישט פון אָרט, ביז מען דינגט נישט אויס א גרויסן פראָצענט אויף יי״ש...

טיילמאָל שטעלן זיך די חברה-קדישא-לייט „שטאָרצעם״, דינגען אַנדערע נושאים — דאמאָלט ערשט ווערט אַ געשלעג, עס פליען ציין פון בעלי-בתישע מיילער, מתים פון די מטות אַראָפּ, דיינים און רבנים פון די בענקלעך, ביז מען גיט נאָך די עם־הארצים!

אין טייל גרעסערע שטעט האָבן יידישע דאָקטוירים געוואָלט איינפירן „מציצה״ מיט אַ מאשינקע, וואָס זאָל אויסנאָגן אַ „כשיעור״ בלוט, אַבי מען זאָל נישט אָנשטעקן די קינדער דורך פאַרשטונקענע מיילער מיט פוילע ציין, נאָר זיי האָבן אין ערגעץ,

אַפילו אין וואַרשע, נישט אויסגעפירט: ערשטנס זענען די רבנים נישט צופרידן מיט נייע המצאות (אויסער המצאות, וואָס מען נעמט אויף זיי הכשרים, ווי למשל: כשרע זייף, פסחדיקע פּאַפּיראָסן, פּוטער פון גראָז וכדומה) און צווייטנס, האָבן די מוהלים געזאָגט: לאו! קיים וועט זיין אַ „זויג־מאַשינקע", מאַכן זיי אַ שטרייק און ציען קיין מעסערל נישט אויס! און וואו נעמט מען אַנדערע מוהלים?

אַצינד שרייבט מען אונז פון צוויי נײַ־מאָדישע שטרייקן.

ערשטנס — א מאָדנער שטרייק, אַ כהנים־שטרייק אין וועסיאָלאָיע (מעליטאָפּאָלער אויעזד, טאַווריטשער גוב.)

אייגנטלעך דאָס שטעטל הייסט נאָר „וועסיאָלאָיע", איזן איז עס א פאַרוואָרפן ווינקל, אַ פּיצעלע דאָרפישער קהל און עס איז דאָרט גאָרנישט פריילעך. אפילו „משנכנס אדר", באַמערקט מען קוים, אַז עס גייט אַוועק מער דיניע־קערלעך, ווייטער נישט, — נאָר וויפל מענטשן הייסן אלכסנדר מוקדון און אַנטלויפן פאַרן אייגענעם שאָטן און ציטערן, אז די אייגענע פאָלעס פון דער קאַפּאָטע קלאַפּן זיי ביינאכט אין די פיס? און דאָך האָט דאָס שטעטל זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שטרייק פון כהנים.

די מעשה איז אזוי געווען:

ווי דער מנהג איז, רופט מען אויף צום ספר כהן, דערנאָך לוי, דערנאָך ערשט גייט ישראל... אונזער גבאי ראשון פון שול איז אָבער אַמאָל איינגעפאלן עובר צו זיין אויפן מנהג (אַן אַלטער מאַן — אַנדערע עברות פּאַסן שוין נישט) און פריער אויפצורופן דווקא אַ ישראל! זענען די כהנים איבערגעצייגט געוואָרן! זיי האָבן אָבער נישט געזאָגט אַ וואָרט, נאָר, אַז עס איז געקומען צו כהנים־דוכנען, האָט זיך באַוויזן אַן אָפּגערעדטער שטרייק! קיין איינציקער כהן האָט נישט אויסגעטאָן די שיך. און דער איינציקער לוי האָט נישט גענומען דעם וואַש־בעכער, די כהנימס הענט צו באגיסן.

איינמאָל פאר אַלעמאָל: נישט. און קהל האָט געמוזט זיך דאָס מאָל באגיין אָן „יברכך", און די קליינע קינדער האָבן נישט געהאַט פאַרגעניגן בגנבה צו קוקן אויף כהנים־דוכנען!

אָבער נאָך אַ מאָדנערער שטרייך איז פאָרגעקומען אין ק״ק װלאַדיסלאַװאָ (סװאַלקער גוב.) — אַ טענצער־שטרייך:

עס איז דאָרט געװען אַ באַלעבאַטישע חתונה און, װי דער שטייגער איז, זענען אָנגעקומען צו דער „גרויסער װעטשערע" טעלעגראַמען און װינטש־קאַרטן...

זייט עס איז בטל געװאָרן דער מנהג פון חתנס דרשה, איז מען זיך נוהג אין תפוצות ישראל צו פאַרברענגען די צייט ביים לאַנגן טיש מיט טעלעגראַמען און װינטשקאַרטן־לעזן. געװיינלעך נעמען זיך עס אונטער צװיי יונגעלייט (בחורים זענען נאָך בעסער), זיי טיילן זיך מיט די טעלעגראַמען און װינטשקאַרטן, איינער לייענט איין טעלעגראַמע, דער צװייטער די צװייטע — די מעלה דערפון איז, אַז בשעת װען איינער לייענט, קוקט דער צװייטער דורך, װאָס ער דאַרף לייענען, און עס גייט צו געשװינד און אָן אַ גרייז — אויסער די קינסטלעכע גרייזן, װאָס מען מכװן אומישנע, דער עולם זאָל לאַכן.

אַזוי איז אויך געװען אויף דער װלאַדיסלאַװער באַלעבאַטישער חתונה, — צװיי לייט (אפשר שוין קיין בחורים) אין שװאַרצע פרעק, װייסע װעסטן, העמדער און קראַװאַטן, מיט רויטע זיידענע טיכלעך, װאָס קוקן אַרויס פון פאָרנט פון אונטערן װעסטל־זוים, אין מיט פיינע שטימען, האָבן געלעזן, װי אַ װאַסער, און געשיט מיט װיצן, װי אַ װאַסער, — פלוצים װערט איינער פון זיי בלאַס, דערנאָך רויט, װאַרפט מיט כעס אַ װינטשקאַרטע אויף דר ערד, צעטרעט זי מיט די פיס, און קומט קוים צו זיך און לעזט װייטער...

צװישן עולם איז אַביסל אומרוהיק געװאָרן: געװיס אַן אונטערגעװאָרפענער פאַשקװיל, אפשר קעגן חתן, אפשר קעגן דער כלה...

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעװיזן, אַז עס איז געװען עפעס ערגערס, װי אַ פאַשקװיל, עס איז (הערט און כאַפט אייך אָן ביי די האָר) אַ יידישע װ י נ ט ש ק א ר ט ע געװען! אויף אַזאַ חתונה, אויף אַ חתונה מיט פרעק, װייסע קראַװאַטן, װייסע האַנטשוך, קאָלירטע זיידענע טיכלעך, האַלב־נאַקעטע דאַמען, װאָס שלאָפן פון

הינטן, וואָס עס פעלט זיי פון פאָרנט, אויף אַזא חתונה האָט מען די העזה געהאַט אַ יידישע ווינטשקארטע צו שיקן.

שרעקלעך!

און, אז עס האָבן זיך נאָך געפונען צוויי מיידלעך (אַזוינע קאָן מען „מאַמזעלן" נישט רופן!), וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַר יידישע, צעטרעטענע קאַרטן — האָבן די יונגעלייט אָנגערעדט זייערע חברים און מען האָט צוזאַמען געמאַכט אַ שטרייק, און אויפגעהערט צו טאַנצן!

עס פאַסט נישט צו טאַנצן אויף אזא חתונה, וואו עס געפינען זיך אַזוינע קאַרטן, אַזוינע מיידלעך...

מיר וועלן נאָך אפשר דערלעבן אַ שטרייק פון מלמדים!

אַ מלמדים־בערזע איז שוין דאָ, און טאַקע אין קרעמענטשוג...

קרעמענטשוג איז אַ געבענטשטע שטאָט, וואָס גיט אַרויס מאַסן מלמדים, און זיי האָבן זיך געמאַכט אַ מין בערזע פאַר דער שול, אויפן מיסטיקן פּלאַץ, וואו מען שטעלט חופּות...

דורך דער בערזע האָט אויפגעהערט די קאָנקורענץ צווישן מלמדים, דער בין־הזמנים מיט חניפה, מיט רכילות, מיט הכנעה פאַר עם־ארצישע בעלי־בתים. די מלמדים שטעלן זיך אויס אויפן בערזע־פּלאַץ. ווי די אַמאָליקע קנעכט אויף די גריכישע מערק, און ווער אין קרעמענטשוג אָדער אין דער געגנט דאַרף אַ מלמד, קומט פאַר דער שול, אויף דער מלמדישער בערזע, און קלויבט זיך אויס, וואָס זיין האַרץ גלוסט!

און די פּרייזן זענען צווייערליי.

אַ מלמד, וואָס קען נאָר חומש מיט רש"י, באַקומט פופציק רובל אַ זמן; אַ מלמד מיט אביסל דקדוק, ווער שמועסט מיט חשבון און רוסיש, באַקומט ביז פינף־און־זיבעציק רובל.

דערפון גייט אָבער אַראָפּ מעקלעריי, ווייל אָן אַ מעקלער קויפט קיין ייד קיין קערצל ווייץ נישט, דינגט קיין דירה נישט און באַשטעלט קיין מלמד נישט...

נאָר — האַלטן זיך די מלמדים צוזאַמען, קאָן קומען צו אַ שטרייק; זיי וועלן נאָך אַמאָל מאַכן יד־אחת און פארלאַנגען, מען זאָל זיי מוסיף זיין כאָטש צו רובל אויף אַ זמן...

און אויב זיי טוען עס נישט, האָבן זיי געוויס פחד פאר ירושלים דליטא, וואָס קאָן איינע אַליין פאַרפלייצן די גאַנצע וועלט מיט מלמדים, און דאָרט, זאָגט מען, קענען אַלע דקדוק...

לאָמיר האָפן, אַז עס וועט צו קיין שלעכטס נישט קומען!

.6

10־טן יוני 1902

אין דער ליטע (שרייבט א וויציקער קאָרעספּאָנדענט ק.), אין אַ גובערניאַל־שטאָט, וואָס דער נאָמען אירער הויבט זיך אָן מיט אַ גימל (די לעזער וועלן אַוודאי מיינען: גראָדנע), האָט דער שטאָט־חזן, נאָכן יום־טובדיקן דאַווגען, די זכיה געהאַט צו הערן פון איינעם פון די פיינסטע בעלי־בתים אַ גרויסן „יישר־כח".

— מה היום מיומים? — פרעגט דער חזן פארוואונדערט.

ער ווייסט, ער האָט נישט בעסער געדאַוונט, ווי אַלעמאָל, ער האָט קיין נייעם ניגון, קיין טרעל אפילו, קיין איינציקן דריי נישט מחדש געווען! פאַרקערט, ער האָט, דאַכט זיך, ערגער גע־דאַוונט, ווייל זייט דער גרויסער שרפה פאַרלירט ער ביסלעכווייז דעם קול; ער האָט געראַטעוועט און פאַרקילט זיך.

אין בעל־הביתס אויגן באַווייזן זיך לאַכנדיקע פינטעלעך און מיט אַ „זיך טרייסלענדיקן" בייכל ענטפערט ער:

— פאַרשטייט איר מיך, איר האָט שכירות געהאַט, איז אייך קיין „יישר־כח" נישט געקומען, איר זייט מחויב געווען צו דאַווגען! אָבער היינט, אַז איר האָט שוין קיין שכירות נישט, קומט אייך טאקע אַ דאַנק!

ווי קומט עס — וועט איר אוודאי פרעגן, אז אין אַזאַ גימלדיקער גובערניאַל־שטאָט אין דער ליטע, אין גראָדנע, למשל, זאָל דער שטאָט־חזן, ווי א טערקישער אָפיציר בשעת מלחמה, קיין שכירות נישט באַקומען?

דערציילט דער קאָרעספּאָנדענט אַזאַ מעשה: פאַר אַ יאָר צוויי־דריי איז איז גראַדנע ווי דער מנהג איז בכל תפוצות ישראל,

אַ גרויסע שרפה געווען... אַ הויך בעלי-בתּישע הייזער זענען אַוועקגעגאַנגען מיטן רויך בתּי־מדרשים און שולן און צווישן זיי די גרויסע שטאָט־שול אויך...

פעלט צו דער אַסעקוראַנץ פיר טויזנט רובל, מען זאָל זי צוריק אויפבויען...

דאַכט זיך, אַז פאַר אַזאַ גימלדיקער שטאָט זענען פיר טויזנט רובל קיין מטמון מיט גאָלד נישט; און והא-ראיה — מען האָט די בתּי-מדרשים שוין צוריק אויפגעבויט! מאכט זיך אָבער א שאלה: ווער דאַרף צוריק אויפבויען די שול? קהל זאָגט: די בעלי־בתּים, וואָס האָבן „שטעט אין שול" פון מזרח ביז דער מע־ב-וואנט! די אַלע, וואָס האָבן נחת פון קריאת-התּורה, פון פעטע עליות, פון חזן, פון דרשות, וואָס ווערן אמאָל געזאָגט, וכדומה הנאות פון שול... און די בעלי-בתּים פון די שטעט טענהן: מיר האָבן טאַקע די שטעט, די בענק מיט די טישן, מיט די שטענדער, אָבער די ווענט, די שול אינגאַנצן איז א קהל-זאַך, אַ קנין-הקהל, און דעריבער מוז מען די פיר טויזנט רובל צעוואַרפן אויף גאַנץ קהל!

מן-הסתּם וועט זיין אַ דין-תּורה, מען וועט אַמאָל די שול צוריק אויפבויען... דערווייל אָבער דאַוונט מען אין אַ ווייבערישער שול: אַ קליינער עולם, אָן אַ סדר, אָן הכנסות, און דער חזן האָט דעריבער זיין שכירות נישט...

אין זאַמאָשטש (לובלינער גובערניע) געשעט נאָך עפּעס שענערס!

גראָדנע בויט צוריק נישט אויף קיין שול, וואָס איז ערשט צוויי-דריי יאָר אָפּגעברענט; די גראָדנער שול לאָזט זיך לכל-הפּחות פּאַרטרעטן מיט אַ ווייבערישער שול, און עס גייט וועגן אַ סכסוך צווישן קהל און שול-בעלי-בתּים אויף גאַנצע פיר טויזנט רובל... און ווער ליידט דערפון? אומשטיינס געזאָגט אַ שטיקל חזן! און אין זאַמאָשטש אָבער, אויף אַן „עיר ואם בישראל" מיט ציוניסטן און גלאַט משכילים, חסידים און פיינע בעלי-בתּים, אין לאַנגע און קורצע קליידער, און „יונגוואַרג" מיט ביליאַרדן, פרע-

פּערנאַס און סטוקעלקע, אַחוץ ראָמאַנען אין אַלערליי לשונות, — אין דעם זאַמאָשטש בויט מען צוריק נישט אויף דאָס שפּיטאָל פאַר קראַנקע אָרעמעלייט, וואָס איז שוין נאָך שלשים! — אָפּגעברענט' הייסט עס, שוין מער ווי אַ יאָר דרייסיק! כאָטש עס איז קיין ככוּך צווישן בעלי־בתּים נישט פאַראַן, געלט ליגט גרייט מיט טויזנט, פופצן־הונדערט רובל איבערן אָנשלאָג („סמעטע”), און אַ פּלאַץ גיט אומזיסט דער מאַגיסטראַט! עס פעלט נאָר אַ קלייני־קייט! עס פעלט נישט מער, נאָר דעם ראש־הקהל צייט, ער זאָל אָפּשרייבן און אונטערשרייבן אַ „פּראָשעניע” צום מאַגיסטראַט, צום גוּבערנאַטאָר, וועלכן פּלאַץ מען בעט!

דער ראש־הקהל האָט אַבער ווירקלעך קיין צייט נישט!

ערשטנס, איז ער, קיין עין־הרע, אַ ייד אַ סוחר און אַ גוטס־באַזיצער דערצו — האָט ער זיינע געשעפטן; אויסער דעם איז ער אַ מאַכער אין אַ פּיליע, וואָס דאָרט האָט געעפנט אַ לאָדזשער ק־עדיט־באַנק, דריטנס, האָט ער וויכטיקערע קהלשע געשעפטן: ער מוז יאָגן און פּלאָגן דעם ניי־שטעטישן רב פון הינטער זאַמאָשטש; מן־הסתּם דערפאַר, וואָס ער איז פאַר אים ווייניק אונטערטעניק געווען...

און דורך דעם ביסל צייט, וואָס עס פעלט דעם ראש־הקהל, האָט זאַמאָשטש קיין שפּיטאָל נישט!

איך קלער אפשר, אַז עס איז אַן עבירה, וואָס די גראָדנער באַלעבאַטים לאָזן אַ חזן אָן פּרנסה; און בפרט — וואָס זאַמאָש־טשער קהל לאָזט אָרעמע קראַנקע אָן אַ שפּיטאָל — —

קאָן זיין! זוער האָט אָבער היינט מורא פאַר אַן עבירה?

פרומע באַלעבאַטים אוודאי און אוודאי נישט. געשווינדער שטעלט זיך אַמאָל א דייטש און גיט אַ קרעכץ: און וואָס וועט מען דאָרטן זאָגן? צי אין טעאַטער, באַרוישט פון דער שענ־סטער מוזיק; צי אויף א באַל, טאַנצנדיק מיט האַלב־נאַקעטע דאַ מען, גיט אַמאָל אַ עטאָך ביי אַ „גלות אין האַרץ... דאָס פּינטעלע־

פון אינטערן אש פלאַמט אַמאָל אויף און מען פרעגט זיך: הייסט דאָס לעבן? און שוין? דאָס איז עס

אָבער אַ פרומער באַלעבאָס?

אַזעלכער איז אַסעקורירט! ערשטנס, זאָגט ער דריי מאָל אין טאָג „אשרי״! און צווייטנס — די נייע המצאה! די סמאָט־ריטשער (פאָדאָליער גוב.) נייע המצאה, אַ יידישע נשמה זאָל תיכף ומיד נאָך דער קבורה ארויפפליען, ווי א ווייסע טויב מיט ווייס־זילבערנע פליגל, אָן אַ פלעק, אָן אַ זכר פון אַ פלעק, גלייך אין ליכטיקן גן־עדן אריין — כאָטש ער האָט זיך דאָ געבאָדן אין זינד, ווי א דבר־אחר אין אַ רינשטאָק!

אין סמאָטריטש איז נפטר געוואָרן א ייד (ה. וו. — זיינע ראשי־תיבות!).

אפילו אַ פרומער ייד, נאָר ווי אין פסוק שטייט: אין אדם... ולא יחטא! פון עולם־הזה א ביין אָפּלעקן מוז מען... אפילו אַ פרוש פון ליבאוויטשער בית־המדרש, וואו מען שמייסט פאַרוואָס עס איז פון אַ פיצל קלות־ראש...

האָבן די כשרע זין טאַקע מורא געהאַט, די חטאים זאָלן נישט גורם זיין... עס זאָל נישט זיין, הס־ושלום, „חבוט הקבר״ דאָ, און אַ „המשך יבא״ מיט פייערדיקע ריטער דאָרט...

מה עשו? וואָס האָבן די כשרע זין געטאָן? האָבן זיי באַלד נאָכן קדיש, פאַר דער עדה יידן אויפן בית־עלמין אויסגע־רופן, טאַקע מכריז ומודיע געווען, אַז ברצונם הטוב, נישט אָפּגענאַרט און נישט באונס, און אָן א מודעה, און מודעה דמודעה עד סוף כל הדורות — נעמען זיי דעם פאָטערס זינד אויף זיך!

אַ פשוטע זאַך!

און אַז אלע קדישים וועלן עס טון, וועט דער גיהנום בלייבן פוסט, ווי דער טראַמוויי אין יידישע שטעט אום שבת, די דייטשע שולן אינדערוואָכן: מען וועט דאָרט קיין ייד נישט זען, ווי מען זעט נישט אין וואָוועלבערגס וואַרשעווער צדקה־הייזער...

מען דאַרף נאָר די המצאה פאַרשפרייטן...

און מיינט נישט. אַז עס וועלן, חס־ושלום, אויפהערן: צדקה, מצוות און מעשים טובים!

אז דער בעל־שם האָט אַמאָל מחיה געווען א מת כּנגד דעם רצון פון דער גאַנצער פּמליא של מעלה, און עס איז אַרויס אַ בת-קול, אז ער האָט פארלוירן דערפאַר זיין חלק לעולם הבא— האָט ער אונטערגעטאַנצט פאַר פרייד: פון היינט אָן וועט ער זיין אַן אמתער „עובד מאהבה״ —

דאָס אייגענע וועט זיין מיט די „קהלות הקודש״; מען וועט טון מצוות, צדקה ומעשים טובים פאַר ליבשאַפט!

ערשטנס, פאר ליבשאַפט צום „טוב־ומטיב״ — צו זיין ליבן נאָמען!

צווייטנס, פאַר ליבשאַפט צו דער מצוה אַליין! ווער האָט עס נישט קיין הנאה פון אַ שיינער סוכה, אַן אתרוג אַ הדר, אַ כשרן לולב מיט גרינע צודאַטן! און בפרט אַנדערע מצוות...

און דריטנס, פאַר ליבשאַפט צו אָרעמעלייט אַליין!

אַ קאטאָווּעס, ווי די ליבשאַפט ברענט!

אָט, אין אָרינין (אויך פּאָדאָליער גוב.) האָט מען פאַר גרויס ליבשאַפט צו אָרעמעלייט געגרינדעט אַ חברה „לינת־הצדק״ פון „סאַמאָראָדנע יונגוואַרג״, וואָס האָבן „געזשערטע־וועט צו קערבל און צוויי איינקויף־געלט״, און צאָלן וואָכנגעלט פון צוויי ביז גאַנצע פינף קאָפּיקעס!

חול-המועד פּסח האָט מען געמאַכט אַ „סטשאָט פון פּרי־כאָד און ראָסכאָד״ פון א גאַנץ יאָר, און עס האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז הוצאות זענען געוועזן פערצן רובל מיט גאַנצע אַכט־און-פערציק קאָפּיקעס; הכנסות: אַכט־און־פערציק רובל מיט גאַנצע אַכט־און־ניינציק קאָפּיקעס...

און דער צוועק פון דער חברה איז, אַחוץ דער לינה, צו קויפן פאַר קראַנקע אָרעמעלייט רעצעפּטן און אלע אַנדערע מיטלען...

דער דאָקטאָר פון קריסטלעכן שפּיטאָל, וואָס פאַרשרייבט די רעצעפּטן מיט די אַנדערע מיטלען, און דער אַפּטייקער, ביי וועלכן די רעצעפּטן מיט די אַנדערע מיטלען ווערן געקויפט,

זענען (לויט דער קאָרעספּאָנדענט שרייבט) זייער צופרידן פון גייעם „מוסד"...

און הגם (שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט) אַזוינע חברות האָט מען שוין ביי אונז נישט איינמאָל געמאַכט און זיי האָבן נישט „מוציא שנתו" געווען, האָפן מיר, אַז אונזער חברה וועט אייביק לעבן. ווייל יענע חברות האָבן געמאכט אַלטע יידן, און די חברה, ווי געזאָגט — סאמע יונגוואַרג...

אַלץ גלייבער, ווי גאַנצע טעג אין ביליאַרד שפּילן און ביי־נאַכט — אין קאָרטן וכו'...

און אַזוינע פעסטע צדקה־חברות האָבן מיר, ברוך השם, אין גאַנצן גושן!

לינת הצדק, הכנסת אורחים, תקון וקוני ספרים און נאך, און נאָך...

און די חברות וואָלטן לאַנג געלעבט און אפשר אויך מער הוצאה והכנסה געהאט, און אָרעמעלייט, אויסער ביליקער מצה, ספרים און רעצעפּטן, מיט נאָך עפּעס פארזאָרגט, ווען נישט די צוויי גרויסע „מניעות"...

ערשטנס, זענען די שטעטלעך אָרעם, אַז עס פייפט!

צווייטנס, דער עול פון גוטע יידן!

וואָס זאָל מען טון? נישט פאָרן צום רבין מיט אַ פדיון? קומט ער צו פאָרן איז נאָך ערגער! מוז מען נאָך אָפּגעבן פאַר הוצאות!

און ווידער פאַרקערט, וואָס זאָל דער רבי טון, אַז מען קומט נישט צו אים? נ י ש ט פאָרן! וואו נעמט מען פרנסה?

אָט, למשל, דער ביאַלער רבי! קיין רב קאָן ער נישט זיין, ער איז, לא עליכם, קיין גרויסער למדן נישט; קיין מלמד אויך נישט; אַ ווייכער מענטש, זאָגט מען, קאָן קיין קאַנטשיק אין האַנט נישט האַלטן; ער האָט נאָך אפילו קיין איינציקן ציוניסט נישט געפּאַטשט! קיין זעלנער קאָן ער אוודאי נישט זיין; ערשטנס, נאָך די יאָרן, צווייטנס, לא עליכם — היגקט ער!

און צו וואָס קאָן ער טויגן מיט זכות־אבות אין אַלע ביי־נער, אין יעדן טראָפּן בלוט?

און די הוצאות זענען גרויס, אַ גרויסע משפּחה... די רביצין מיט די שניר דאַרפן דאָקטוירים, פאָרן יאָר־ביי־יאָר קיין אויס־לאַנד... און אַז מען פאָרט קיין אויסלאַנד, קויפט מען איין פאַר־שיידענע זאַכן בזול; זאָגט מען נישט אויס אויף דער גרענעץ — אַ שאָד יידיש געלט! טרעפט זיך אַן אַנטיסעמיט — באַזוכט ער, קאָסט נאָך מער געלט!...

אין ביאַלע מוז מען אויפהאַלטן אַ הויף, אינמיטן אַ שיי־נעם גאָרטן — דאָס אַלץ קאָסט געלט!

זיצן און וואַרטן, ביז חסידים וועלן קומען מיט געלט, הייסט: זיצן ביים ים און וואַרטן אויף אַ שיין וועטער! אַ גרויסע קאָנקורענץ מיט רביים, וואָס זענען פּרה־ורבה כבני אדם, און מיט דאָקטוירים, וואָס באַזעצן זיך אין די קלענסטע שטעטלעך אריין! וואָס זאָל ער נעבעך טון? לאָזט ער זיך ארויס אויף דער וועלט... שלאָגט ער אָן, אויף דער רונד־רייזע, אין כעלם (לובלי־נער גוב.), ווייזט זיך דאָרט אויף בילעטן, אַ רובל פּערציק קאָ־פּיקעס אַ בילעט, און שלעפּט אַרויס פון קלוגן כעלם איבער טויזנט רובל!

ז.י. ווייס נישט, צי איז אין כעלם דעריבער בטל געוואָרן אַ גראָשנדיקע „לינת־הצדק", נאָר פאַר די באָברויסקער נשרפים האָט שוין כעלם קיין גראָשן נישט געהאַט!

נאָר כעלם, אויב עס איז נישט באַקאַנט פאַר איבריק קלוג, איז עס, ווייניקסטנס אַ כּרך, וואו אַ ייד, כאָטש איינער אויף דרייסיק, האָט פּרנסה... און, ווי געזאָגט, דער ביאַלער רב — אַ ייד אויף דער עלטער, וועט שוין קיין אַנדער לעבן נישט קאָנען פירן... און אויך, האָט ער אָפּגעגעבן זיינס און אַוועקגע־פאָרן, און עס קאָנען אַוועקגיין יאָרן, איידער ער, אָדער זיינס־גלייכן, וועט קומען נאָכאַמאָל שערן די לעמער, — אָבער דאַכעוו?

אויף לובלינער גובערניע, אַן אָרעם אָפּגעפּאַלן שטעטל, און געקומען איז אַ יונגער, צוויי־און־צוואַנציק יעריקער שנעק: „משה־מרדכילע, ר׳ יעקב־לייבטשע טריסקערס אַ זון" און האָט אַרויסגעכאַפּט, אַזוי שרייבט מען, אַ שאַרפן פּדיון, און האָט זיך נאָך מישב געווען און בלייבט אין ראַכעוו!

אַ יונגערמאַן, אויב נישט לערנען, האָלץ־האַקן וואָלט ער זיכער געקאָנט. און ברויכט עס נישט נויטיק: דער פאָטער, זאָל לעבן, „פּירט. און „פּראַוועט" און מאַכט געלט, און קאָן געבן „אייביקע קעסט" — און איז דאָך געקומען שערן די אָרעמע לעמער...

און ער האָט נאָך פריער מודיע געווען, אַז ער וועט קומען, און מען איז אים אַקעגנגעגאַנגען כּיט גרויס שמחה, מיט גרויס פּאַראַד... און דאָס שטעטל איז אים געפעלן: אַ טעלעגראַף פאַר חולים און יולדות; אַ גוטער טראַקט, חסידים זאָלן קומען און ער זאָל אַרויספאָרן...

און פונדעסטוועגן איז ער אומזיסט נישט געבליבן! קהל מוז צוצאָלן! פאַר דער שחיטה מוז די בהמה געבן מילך! קהל און רב האָבן געמאַכט אַן אסיפה, מען האָט דעם רבין אַוועקגע-געבן די הייוון, מען האָט פון זיינעטוועגן געהעכערט די שחיטה; דרייסיק קאָפּיקעס אויף אַ גסה, צוועלף אויף אַ דקה...

און ערשט דעמאָלט האָט ער צוגעזאָגט צוריקצוקומען און באזעצן זיך אין ראַכעוו...

און ראכעוו — דאָס הייסט די ראַכעווער באַלעבאַטישקייט — איז צופרידן! אָרעמעלייט וועלן ברענגען פּדיונות, און די גאַסט־הייזער און קראָמען און גאָרקיכן וועלן זיך הויבן...

נישט צופרידן איז נאָר די רביצין. אַז דער מאַן איז אַהיים־געקומען פון דער אסיפה, האָט זי אים אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד מיט אַ געשריי.

— שוטה איינער, בטלן! פאַרוואָס ביסט דו קיין רבי נישט?

קאָנסט נישט קיין תורה זאָגן, פדיונות נעמען?
קאָנסט נישט אָפּשפּרעכן קיין בוימאייל און לאָזן זיך אויפ־שרייבן קמיעות צום פאַרקויפן?
קאָנסט נישט אָפּשפּרעכן קיין עין־הרע, די אויגן פאַרגלייסן, אָפּזיפצן און ענטפערן: גאָט וועט העלפן?
קאָנסט נישט מתפלל זיין?

און דער רב האָט חרטה. ער וואָלט שוין נאָכגעגעבן דער רביצין, עס איז אָבער, ליידער, צו שפּעט! אַצינד וועט מען אים הערן, ווי אַ רב!

.7

26־טן יוני 1902

זייט מיר מוחל, רבותים, — דורך אַ סיבה, וואָס וועגדט זיך נישט אָן מיר, וועל איך אייך די וואָך נישט אויסזאָגן די נעמען, נישט פון די שטעט און נישט פון די מענטשן, פון וועלכע איך וועל אייך דערציילן... און איר וועט דערפון קיין היזק נישט האָבן, ווארום נישט די מענטשן און נישט די שטעט און אפילו נישט די „מעשיות״, וואָס מען שרייבט פון די שטעט, זענען דער עיקר; דער עיקר איז דער מוסר, וואָס מען דאַרף זיך אַרויסנעמען דערפון...

איר ווייסט אוודאי, אַז עס זענען נאָך פאַראַן אַ סך אַלטע מענטשן, וואָס טויגן שוין נישט אין דער נייער וועלט אַריין, און, אַז אויסערדעם זענען פאַראַן יונגע, נאָר אַלט־געבוירענע מענטשן, וואָס פּאַסן נאָך ווייניקער פאַר דער נייער וועלט...

אַזאַ אַלטער, אָדער אַלט־געבוירענער יונגער מענטש, לעבט אייביק אין טעות.

ער מיינט אַלץ, אַז אַ מענטש דאַרף בטבע צו זיין „כּלו מוקשה״ -- שטאָל און אייזן, כאָטש מויערן דורכצוברעכן!

און א מענטש, מיינט ער, מוז זיין „מצור־אחד״ — פון איין שטיק אַ גאַנצער מענטש; נישט קיין „כּל־בו״, צוזאמענגעשטעלט פון שטיקלעך, וואָס רייסן זיך פון אים אָפּ ביי יעדן צוים ביי יעדן נאָגל און דאָרן, ביז ער בלייבט נאַקעט, ווי אַן אָפּגעזויגטע גאַנז!

און שטייף דאַרף זיך אַ מענטש האַלטן, גלייך ער וואָלט

נאָך קינדווייז, לכל הפחות צו בר-מצוה, איינגעשלונגען אַ שטעקן, און דער וואַקסט אינעווייניק מיט אים צוזאַמען!

און אַ וועג מוז האָבן אַ מענטש אַ גראָדן, אַן איין־איינציקן גראָדן וועג פון וויג ביזן קבר אַריין; אָנגעצייכנט פון אריסטו, צי, להבדיל, פון „ראשית חכמה" — אַבי גראָד, און מען טאָר נישט אָפּבויגן נישט רעכטס און נישט לינקס... ווייל פאַר דעם קריגט אפילו בלעמס אייזל שמיץ!

אויך מוז אַ מענטש האָבן אַ פעסטע אידייע, אויפן גאַנצן לעבן אַ נשמה־יתרה, נישט גראָד אין קוגל־טאָג. די נשמה־יתרה — די אידייע מוז זיין דער תוך פון זיין לעבן, פאַר איר דאַרף ער גיין א־ן פייער און אין וואסער; פאַר איר דאַרף ער גרייט זיין — אפילו קרעפּלעך אַוועקצושטעלן! ווייל אָן איר זענען קרעפּלעך קיין קרעפּלעך נישט, דאָס לעבן — קיין לעבן נישט א. אַז. וו.

און אַז פון יענער זייט גרענעץ איז צוריקגעקומען אַ לשון־קודש-שרייבער, אַ דאָקטאָר אפילו, און האָט אַ געשריי געטאָן: להד"ם! איך הער אייך ווי דעם רב! איך בין נישט ערב היינט פאַר דעם, וואָס איך האָב נעכטן געזאָגט, און קאָן מאָרגן, אפילו נאָר אייך להכעיס, זאָגן פּונקט קאפויר ווי היינט; אידייען זענען קיין „שטאָל און אייזן" נישט, קיין „גאַסן-שטיינער" נישט; זיי לאַזן זיך בו־גן, זיי לאָזן זיך קנעטן, זיי דאַ־פן זיך אפילו לאָזן גיסן — „אידייען מוזן פליסיק זיין", — איז געוואָרן אַ גערוי־דער; איז מען דעם אָרעמען ד"ר באַפאלן, ווי די היישעריקן; האָט מען געזשומעט אַרום אים און געביסן, ווי די בינען; האָט מען גע־ריסן פון אים שטיקער, ווי קליינשטעטלדיקע ציגן פון נידעריקע. פוילע דעכלעך; האָט מען אים אַרומגעלייגט מיט עסיק-בייסנדיקע קריטיקן, ווי מיט שפּאַנישע פליגן... און — געזידלט האָט מען אים, רבונו של עולם! נאָך ווי הייסט געזידלט! עוכר ישראל! משוגעת, איבערמענטש, אומרו, לעדערנער דישל, ניטשע, דאכט זיך אפילו: פויל־דע קאָק...

טאַקע „כאחד הריקים" — ווי „אחד הריקים" זידלט..

און וואָס ווייזט זיך אויס?

אַז דער אָרעמער דאָקטאָר האָט נישט איבערגעפּעקלט קיין

בייעס, אַז מען איז אויף אים אומזיסט אַן אומגישט אָנגעפאַלן — אַז גאַנץ תפוצות ישראל האָט שוין לאַנג „פליסנדע אידייען", און ממש ווי אַ וואַסער!

פון א גרויסער שטאָט, וואָס האָט אַ סך רבנים, אַלטע און נייע, שרייבט איינער (וואָס חתמעט זיך „יעקל־יאָקל", נאָר דאָס איז קיין אמתער נאָמען נישט). אַז ער איז געווען ביי איינעם פון די נייע רבנים אויף מלוה מלכה...

אָנגעקומען איז ער, ווען דער רב האָט פאַר אַ גרויסן חסי־דישן עולם גערעדט וועגן ירושלים בפרט און ארץ־ישראל בכלל.

און ער האָט שטאַרק געלויבט ירושלים... ע"פ מקרא, ע"פ ש"ס ופוסקים און אפילו על פי קבלה געלויבט!

„ירושלים — האָט ער געזאָגט — אַ שפּאַס, ירושלים! יע־דער שטיב איז דאָרט הייליק, די לופט איז קודש־קדשים! אין, כידוע ליודעי חן, שטייט ירושלים פון אונטן פונקט קעגנאי־בער דער ירושלים פון אויבן, אויב נישט פון זיבעטן הימל!

און ירושלים — שטייט פונקט אונטערן „צנור השפע" — פריער ווערט געבענטשט ירושלים וארץ ישראל, און דערנאָך ערשט אַלע אַנדערע מדינות און — —

„ירושלים שטייט טאַקע אין טבור הארץ, פונקט אין דער אמתער מיט פון דער וועלט; ווייל עס איז דער שורש פון דער וועלט! און ווייל יעדע זאַך ציט צו זיין שורש (דאָס האָט אפילו דער ערל טמא אריסטו געוואוסט), דעריבער פאַרט מען, אויב מען געהערט צום אמתן שורש, קיין ארץ־ישראל שטאַרבן, און די מתים פון דאַנען וועלן זיך אַהין קייקלען גלגול מחולות, לעבעדיק צו ווערן!

„און דעריבער וועט ארץ־ישראל זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן פון דער קללה פאַר אדם וחוהס חטא!... ברויט און קליידער וועלן וואַקסן אומגעפלאַנצט, אומגעזייט; בשעת ווען אין שאר־ארצות וועט מען אייביק דאַרפן די פויערן מיט די גראָבע מאכלים און גראָבע קליידער צו דער גראָבער אַרבעט!...

„און דעמאָלט, אַז משיח וועט קומען, און די קללה וועט אַראָפּ פון ארץ־ישראל, וועט אויך אַראָפּ די טומאה פון כל־ישראל,

און כל ישראל וועט עסן תרומה (פון וואנען?) און כל ישראל וועט זוכה זיין צו קדשים... און אַלע, אפילו נשים און תינוקות וועלן שטיין אַרום מזבח, זוכה זיין צו זעען עין בעין די כרובים! און אפילו דאָס קדשי־קדשים וועט זיין אָפן פאַר כל־ישראל...

„און דעם יצר־הרע וועט מען דעמאָלט אויסרייסן דאָס צווייטע אויג און אַ בלינדן וועט מען אים פאַרטרייבן אין שאר־ארצות אַריין...

„און די תורה הקדושה וועט צוריק זיין דער קאָדעקס פאַר כל ישראל.. און די רבנים וועלן זיין די שופטים..."

און נאָך, און נאָך... — ער האָט זייער הייס גערעדט, נאָר די היץ אין שטוב איז גרעסער געוואָרן, און ער (יעקל־יאָקל) איז אַנטלאָפן און האָט איבערגעלאָזט דעם דרשן מיטן גרויסן עולם אין איין שוויס, אין סאַמעראָדנע פייער...

— דאָס הייסט חבת ציון, — האָט יאָקל־יעקל געטראַכט!

אין א פאָר טעג אַרום האָט ער זיך אָבער נאָכאַמאָל גע־טראָפן מיטן אייגענעם רב! נאָר שוין אין אַן אנדער הכרה. אַ געוויסער גביר האָט אויפגעמויערט אַ נייע שול און געמאַכט אַ חנוכת הבית. דער אייגענער רב האָט געדרשנט, נאָר פאַר אַן אַנ־דערן עולם, נישט פאַר חסידים! אַרום דער בימה זענען געשטאַ־נען „קאַפּעלושן", אפילו ציליגדער, אפילו ווייסע שטרויענע היט,— וואַרשעווער גבירים, וואַרשעווער מיוחסים — שטאָט־לייט — דאָזאָרעס!

און עס איז אויך אַ גרויסע היץ געווען, נאָר דער רב האָט גאַנץ אַנדערש געדרשנט. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אויף „מה טובו", אייגנטלעך אויפן „מה" אַליין; אַ שעה האָט ער גערעדט „מה"־לשון און האָט אויסגעוויזן מיט ראיות ברורות, טאַקע מיט מופתים חותכים — אַז ער קען אַזויפיל דקדוק, וויפל אַ וואַרשע־ווער תלמוד־תורה־יינגל ענגליש, און פלוצלינג, כמעט פון דער העלער הויט איז ער אַריבער צו אַ גמרא: עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות — ארץ־ישראל — טייטשט ער אויס אויף יידיש — וועט זיין אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט, אין קרוין־פּוילן אוודאי!...

אויב יעקל־יאָקל שרייבט אמת, צי הייסט עס נישט פּלי־סיקע אידייען?

און נאָך מער קונץ — פון אײן גמרא אַרויס!

אַז איר וועט אין וואַרשע, למשל, אַרויסגיין אין גאַס אַריין און פרעגן: אויף וואָס באַשטייט יידישקייט? וועט מען אייך פאַרשיידן ענטפערן, און לויט דער תשובה, וואָס מען וועט אייך געבן, וועט איר וויסן גענוי, ווער דער מענטש, וואָס ענטפערט אייך, איז. וועט עמעץ שווייגן — איז עס גלאַט אַ וואַרשעווער... אָבער טאָמער ענטפערט מען אייך, אַז יידישקייט שטייט אויף „עברית־בעברית", זייט וויסן, אַז דאָס איז א רעדאַקטאָר פון אַ לשון־קודשער צייטונג, אָדער אַ לערער פון אַ חדר מתוקן!

טאָמער ענטפערט מען אייך: אויף מציצה! וועט איר אַליין טרעפן, אַז דאָס איז אַ ספּעציאַליסט אַ מוהל...

וועט איר טרעפן אויף איינעם פון די פּופּצן צי צוואנציק וואַרשעווער מקוה־האַלטער, בין איך אייך ערב, אַז די תשובה וועט זיין: אויף נעגל שניידן!

הלל הזקן, וואָס האָט געשטעלט יידישקייט אויף „ואהבת לרעך כמוך" — איז שוין לאַנג, מיט אַלע תנאים ואמוראים, אויפן עולם־אמת...

און טאָמער טרעפט איר אויף אַ וואַרשעווער פרומען דיק־בייכיקן גביר און א גערער חסיד, וועט ער אייך, מיט אַ ריינעג־דיק מויל און אַ הייזעריקן קול פאַר תאוה, ענטפערן: אויף כשר פלייש, אויף צן אמת כשר שטיקל פלייש!

און אַזוי וועלן אייך ענטפערן אלע פרומע, דיק־בייכיקע חסידיש־גבירישע באַלעבאַטים פון אלע שטעט און שטעטלעך, וואו די קבצנים ווערן דעריבער געיאָגט און געפּלאָגט און טראָגן דעם שווערן עול פון רבנים, דיינים, שוחטים און אַלערליי מש־גיחים אַזוי לאַנג, ביז זיי וואַרפן אים אַראָפּ פון זיך אויף אָרעמע־לייט... נגידים עסן הינער און אינדיקעס!

און פונדעסטוועגן שרייבט מען פון אַ יידישער שטאָט אַזאַ

מעשה

בײַ אונז — שרײַבט מען — איז פֿאַראַן אַ ייִד אַ שוחט (דעם נאָמען ווי געזאָגט, היפּער איך איבער...) מילא, אַ שוחט איז מן־הסתּם אַ ייִד — אַ למדן, מן־הסתּם אַ פֿ ר ו מ ע ר ייִד, אַ ירא־שמים מיט אַ זיכערער היפּאָטעק אויף אַלע ש״י עולמות, אַ קלייניקייט אַ שוחט!

און אויף ד ע ר וועלט פֿעלט אים אויך נישט! ער איז פּונקט אַ „צדיק וטוב לו״! און מיינט נישט חלילה, אַז עס שפּײַזן אים קראָען, אַז מען וואַרפֿט אים אַראָפּ פֿון הימל, אָדער ער אַרבעט על פּי קבלה מעשית; חס־ושלום! ער טוט טאַקע די האַנט אין קאַלט וואַסער אַרײַן! אויף קעסל און כּלים אַרבעט ער:

ערשטנס, איז ער דאָך אַ שוחט; און אַ טאָפּלטער שוחט; מיטן חלף און מיט דער צונג, וואָס זאָל שאַרפֿער זײַן ווי אַ חלף! די צונג באַנוצט ער אויסערדעם נאָך צו שדכנות — אויך נישט קיין שלעכטער צושפּרונג צו פּרנסה! אויסערדעם האַנדלט ער נאָך מיט ערדענע כּלים... אַ חוץ דעם אַלעם האָט ער זיך נאָך באַשלאָסן אונטערצוהאַלטן ייִדישקייט אין געשטאַלט פֿון אַ שטיקל אמת־גלאַט־כּשר פֿלייש, און האָט זיך געעפֿנט — אַ יאַטקע...

מהיכא תּיתא, אַ שוחט איז דאָך נישט ערגער פֿאַר אַ קצב!

האָט ער אָבער, דער שוחט, בײַ אַלע כּלאָכות מיט אַ כך ברכות, קיין צײַט נישט אַליין אין יאַטקע צו שטיין, פֿאַרטרעט ער זיך ביסלעכווײַז מיט אַ געוויסן „אגטאָן״, וואָס הורתו ולידתו איז ג י ש ט בקדושה און קיין גר צדק איז ער עד היום אויך נישט!

און רבֿ־און־קהל, וואָס פֿלעגן יאָגן יעדן קצב פֿאַר אַ חשש, פֿאַר אַ שאָטן פֿון אַ חשש־בחשש, שווײַגט —

פֿאַר די קצבים זענען זיי געווען „שטאָל און אײַזן״, ביים טאָפּלטן שוחט איז פֿון זיי געוואָרן אַ ווייך שטיקל וואַקס... גאָר ווייך, גאָר קנעטנדיק, כּמעט פּ ל י ס נ ד י ק...

אין אַן אַנדער שטאָט, אויך אַן אמתע עיר ואם בישראל, איז פאַראַן אַ שול, און אַ רייכע שול מיט כּלי־כּסף־וזהב, מיט מעשענע לייכטער, מיט עטרות מיט גלעקלעך, ידן מיט לאַנגע פינגער, און מיט גבאים — גרויסע לייט, ערלעכע לייט, וואָס, אַז זיי דערהערן, אַז עמעץ איז עובר אויף לא־תגנוב — פיו! אין קייטן אויף סיביר וואָלטן זיי אים געשיקט!

איינער אַ גבאי האָט דעריבער טאָקע אפילו אַ נאָענטן קרוב, אַ מענטש אין געשעפט, פאַר אַביסל גרעסערע הוצאות, וואָס ער האָט געמאַכט אויפן וועג, פשוט איינגעזעצט... אַן אַנדערער ווייטער האָט אַזוי פיינט גנבים, אַז ווען ער דערזעט אַ גנב, בפרט ביינאַכט, זאָגט ער אַליין, ווערט ער איבערגעצויגן, ווי מיט אַ געגזענער הויט! ער קאָן נישט! אַ שפּאַס „לא תגנוב!"... און דאָס זענען פעסטע מענטשן, ערנסטע מענטשן, „שטאָל און אייזערנע" מענטשן, אויף זייערס אַ וואָרט איז מויערן צו שטעלן, פון כּשרע הלוואה נישט צו רעדן! אומגעציילט צדקה־געלט! אַז מען ווייסט, אַז די לייט זענען בטבע שונאי־בצע, בפרט לא־תגנוב־געלט!

און צום סוף האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גרויסע לייט, די גבירישע גבאים, די קהלשע מיוחסים, זענען אויך נישט „מעור אחד"... שטיקלעך גנבים שטעקט אין זיי!

וואָרום, אַז באָברויסק איז אָפּגעברענט געוואָרן און מען האָט געוואָלט אויסרופן אין שול. מען זאָל צוזאַמענקלייבן נדבות פאַר די נשרפים און אריינטראָגן צו די גבאים, האָט דער עולם געגנוג הויך געזאָגט: לאו! מען האָט זיך דערמאָנט אין בריסק דליטא... בריסק דליטא איז אויך אַמאָל אָפּגעברענט געוואָרן; מען האָט אויך אויסגערופן אויף נדבות, און מען האָט געקליבן נדבות, און מען האָט זיי אַריינגעטראָגן, די עטלעכע מאות, צו די גבאים, און די גבאים — —

די גבאים, האָט זיך אויסגעוויזן, זענען, ווי געזאָגט, נישט מעור־אחד, האָבן פליסיקע אידייען מיט קלעבעדיקע פינגער און דאָס געלט איז נעלם געוואָרן, דערטרונקען געוואָרן!

און ווי פּליטיק מוזן זיין די אידייען פון אַ באַלעבאַטישן מסור?

אין א געוויסער שטאָט איז פאראן א ייד א באַלעבאָס, איז ער שוין אָפּגעוועזן אַלץ אין דער וועלט. אַ קאַנדידאַט אויף אלערליי גבאות און אפּוטרופּסות, אַ האלב — צי א דרייפערטל יעריקער ציוניסט, סיי ווי סיי קומט אים א רעשט פון א שקל... ער איז שוין געוועזן אַ הייסער חסיד און אַ קאַלטער מתנגד, און סוף־כּל־סוף, אז דאָס אלץ האָט נישט געהאָלפן צום כבוד, איז ער געוואָרן א מסור!

און א מסור בריש־גליה! האָט ער אריינגעשריבן, וואו מען דארף, א בריוועלע, באשר בכן — די לערער פון דער שטאָטישער תלמוד־תורה זענען „סיציליסטן", לערנען עברית בעברית, פירן איבער די קינדער, מאכן פון זיי זאָל גאָט היטן וואָס.. און האָט מודיע געוועזן פון דער מסירה דעם רב פון שטאָט און די אפּוטרופּסים פון תלמוד־תורה, זאָלן זיי וויסן..

צען מאָל האָט ער זיך געביטן דער וואקסענער „מענטש", איידער ער איז מסור געוואָרן!

און די פּליסיקע אידייען האָבן נישט געשאדט, נישט דעם „דוכאָווני", וואָס בויגט זיך אין די דרשות, ווי אַ לעדערנער דישל, נישט דעם רב, וואָס האָט אַן אנדער יורה־דעה פאַרן שוחטס קראָם, נישט די גבאים, וואָס האָבן טיילמאָל פיינט גנבות, ווי טיילמאָל ליב אַ גנבהלע, אפילו נישט דעם „אומרו" דעם מסור.. זיי אַלע לעבן און לעבן, ווי עס פּאסט פאר „דוכאָווניס", רבנים, גבאים און שיינע באַלעבאַטים... בפרט זייט מען האָט אויסגעשטראָכן „הלכות מוסר".. און פונדעסטוועגן—פּראָסטע מענטשן שאדט עס!

איך וועל אייך נאָך דערציילן אַ מעשה פון אַ שניידער אין פּראַגע, הינטער וואַרשע... (פּארפאַלן, איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט! „וואָס עס איז אָנגעשריבן מיט דער פּען, זאָל אויסהאַקן יוער עס קען") —

הכלל, א שניידער, און אפילו נישט קיין אמתער שניידער, וואָרום ערשטנס, האָט ער קיין בגד אויפנייען לחלוטין נישט געקאָנט; אָט אַ לאַטע לייגן, אַ ריס צוצערען, עפּעס פאַר אַ דייטש אויסצופּרעסן, דאָס האָט ער געקאָנט. צווייטנס, האָט ער קיין שניידערישע טבע נישט געהאַט; נישט איבעריק געשוואוירן, נישט געשאָלטן, נישט איבערגעהאַלטן די צייט, נישט צופיל געבעטן און — צוריקגעגעבן יתור, אפילו אַ פאָדעם!

האָט טאַקע דער עולם געגאַפט! בפרט, אז מען איז געוואָר געוואָרן, אַז דאָס שניידערל קען אַ פּסוק חומש מיט רש״י, פאָרט צו ר׳ צדוקלען קיין לובלין און קומט אַהיים, און חזרט איבער זיינע תורות, האָט מען זיך אוודאי געוואונדערט... און פרומע ווייבער האָבן באַלד געקלערט: צי איז ער נישט אַמאָל אַ נסתר— אַ למד־וואָווניק?

ער האָט זיך אָבער זיינס געטאָן!

איינמאָל האָט זיך אָבער געטראָפן אזא מעשה: אַ יידענע אַ שכנה איז שווער געגאַנגען צו קינד, קיין דאָקטאָר איז נישט געווען, קיין אַקושערקע אויך נישט, די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים, און דער מאַן איז ארומגעלאָפן פאַר דער שטוב, ווי משוגע, און אונזער שניידערל איז פּונקט אַהיימגעגאַנגען פון גאַס מיט א פּאָר מכנסים צו פאַרלאַטען, און האָט אים געטראָפן, און גרויס רחמנות געקריגן, און אָנגעכאַפּט דעם שכן ביי דער האַנט, און געזאָגט ערנסט און מיטן גאַנצן הארץ: וואָס לויפט איר ארום ווי משוגע? מען טאָר נישט. גאָט וועט העלפן! אַ מענטש מוז בטחון האָבן! און גאָט האָט געהאָלפן — — איז שוין געפאַלן אויפן שניידער אַ חשד, אז ער איז פאָרט קיין פּראָסט שניידערל נישט...

דערנאָך, אז די מקשה לילד איז געזונט געוואָרן, פלעגט זי שטענדיק, ווען זי איז נאָר דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם שניידערלס פענסטערל, אריינוואַרפן אַן אויג, צי וועט זי נישט עפּעס דערזען, צי טוט ער נישט עפּעס בסוד. עס מוז פאָרט אינם שניידערל עפּעס שטעקן!

און איינמאָל האָט זי דערזען...

עס איז געווען אַ שיינער זומער-טאָג, אַ הייסער ליכטיקער נאָכמיטאָג! און דאָס אָרעמע שניידערל איז זיך געשטאַנען ביי זיך אין שט־בל ביי דער וואַנט און האָט געדאַוונט, מן־הסתם מנחה, און אין דער הויך אויפן שווארצן סופיט, פּונקט איבער זיין קאָפּ, האָט געטאַנצט אַ ווייסער פלעק, אַ ליכטיקע קרוין!

אין אַ שעה אַרום האָט גאַנץ פּראַגע געוואוסט, אַז ווען דאָס שניידערל איז „מתפּלל", שטייט איבער זיין קאָפּ אַ ברענענדיקע גאָלדענע קרוין... און זי טאַנצט, און שאָקלט זיך, אַזוי ווי זיין קאָפּ שאָקלט זיך!

א טאָג שפּעטער האָט די אייגענע אַמאָליקע מקשה לילד ווייטער אַריינגעקוקט אין פענסטערל צום שניידערל און ווייטער געזען, ווי די אייגענע „ליכטיקע קרוין" טאַנצט אויפן אייגענעם אָרט אין סופיט, כאָטש דאָס שניידערל דאַוונט נישט, און זיצט גאָר ערגעץ און לאַטעט אויף אַ דאָרף; צום דריטן טאָג איז דאָס שניידערל שוין צוריק אין דער היים געווען און האָט ווייטער געדאַוונט, צי מתפּלל געווען, נאָר קיין ליכטיקע קרוין איז איבער זיין קאָפּ נישט געווען, נישט געציטערט, נישט געטאַנצט, ווייל עס איז קיין זון נישט געווען... עס האָט גערעגנט!

די יידענע האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט, נאָר עס איז שוין צו שפּעט געווען — גאַנץ פּראַגע, אַלע ווייבער, אָקסן־הענדלער, קעלבער־טרייבער און ליידיק-גייער האָבן שוין געוואוסט, אַז דאָס שניידערל איז קיין פּראָסט שניידערל נישט, אַז ווען ער איז מתפּלל, שטייט אים אַ ג אָ ל ד ע נ ע קרוין אויפן קאָפּ!

איין שניידערל, וואָס האָט נישט געגלויבט! וואָס האָט זיך געהאַלטן „שטאָל און אייזן" דערינען, אַז ער איז נישט מער ווי אַ „שניידערל", אַז ער ווייסט גישט פון קיין קרוינען; — אַז יתור פון לאַטעס גיט ער אָפּ, ווייל ער האָט זיי נישט וועמען צו פאַרקויפן, מען קען דערפון אפילו קיין קינדעריש היטעלע נישט מאַכן, אַז ער אַליין פאָרט צו ר' צדוקלען...

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער איז אַנטלאָפן, און די ווייבער, מיט די אָקסנהענדלער, מיט די קעלבער־טרעגער, זענען אים נאָכגעלאָפן; איבער וואַלד און איבער פעלד, איבער באַרג און איבער טאָל, ביז זיי האָבן אים געכאַפּט, געניוט, פשוט מאַנס געוועזן! און זיי האָבן אויסגעפירט! דאָס האַרטע שניידערל איז ווייך געוואָרן, זיין שטאַגדהאַפטיקע ערלעכ־קייט האָט זיך געבויגן, איבערגעקנעטן, ווייך געוואָרן און צעגאָסן. און ער איז געוואָרן, וואָס מען האָט פון אים געוואָלט, און ער גיט עצות מיט קמיעות, און נעמט מטבעות עד היום הזה...

נאָר געשאַדט האָט עס אים!

פליסיקע אידייען זענען אפילו אַ סגולה צו פרנסה, טיילמאָל צו עשירות אפילו... אָבער דער נשמה, בפרט אַ פּראָסטער שניי־דערשער נשמה, שאָדן זיי!

מען האָט אים אַזוי לאַנג געבויגן, געקנעטן, ווייך געמאַכט, ביז ער האָט באַקומען „פליסיקע אידייען", ביז די פליסיקע, אַמאָל פעסטע שניידערשע נשמה, האָט זיך אים אויסגעגאָסן, ווי וואַ־סער, און עס איז אים טרוקן געוואָרן אויפן האַרץ, אין האַלז, אין אַלע אברים, און ער האָט אָנגעהויבן צו טרינקען, זוכן זיך נייע פליסיקע נשמות אין גלעזל, אין קוואָרטן, אין גאַנצע שטאָפן...

און ער טרינקט, ווי נישט קיין מענטש. חסידותטעס זאָגן: ווי אַ מלאך; מתנגדים: ווי אַ פויער... און וואַלגערט זיך שכור־ערהייט אין די גאַסן, ווי גאָר עפּעס אַנדערש...

און די פרומע ווייבער זאָגן: גאָט ווייסט, וואָס ער זוכט...

און איך ווייס: די אַלטע נשמה זוכט ער!

אַזוי, אַזוי, ברודער: פליסיקע אידייען זענען אַ מעלה בײַ פילאָזאָפן; זיי קומען צונוץ און זענען געזונט פאַר רבנים, כלי־קודש, פיינע באַלעבאַטים, אָבער פּראָסטע מענטשן, שוסטער, שניי־דער, צי אַנדערע בעל־מלאכות, זיי שאָדן זיי.

נישט דעם גוף — דער נשמה שאָדן זיי

מען פאַרלירט באַלד די נשמה. —

8

3־טן יולי 1902

דעם פרייטאָג, ווי אַלע פרייטאָג, זייט איך בין מגולגל געוואָרן אין אַ „בין”, האָב איך מיך גענומען צו מיין זיסער אַרבעט.

איך האָב מיר אָנגעלייענט אַ גרויסן באַרג צייטונגען, אַ קליין בערגל בריוו, איינגעטונקט די פעדער — —

דין־דין־דין!

עס קומט אַריין אַ גוטער באַקאַנטער, אַ יונגערמאַן, ער זעט, וואָס איך טו, אייגנטלעך — וואָס איך וויל טאָן, און פאַרציט די נאָז:

— ווייטער?

— מען מוז!

— ניין, — דעם אמת זאָגנדיק, עס איז נישט פאַר דיר, דו ביסט אַ צו אַלטע בין, גיסט ווייניק האָניג, דערפאַר בייסן — בייסטו צופיל; די גאַל וואַקסט מיט די יאָרן; דאָס האַרץ, אפנים — נישט! לאָז אַ יונגערן אויף דיין אָרט... לאָז ער קוקן אויף שטעט און שטעטלעך מיט העלערע אויגן...

— מיט ראָזיקע ברילן?!

— זאָל זיין אַזוי! ביי דיר ווערט שוואַרץ פאַר די אויגן.

עס איז באַקאַנט: אַ גוטער פריינט זאָגט מוכר; אַ ייד קאָן בעסער...

— אדרבא — זאָג איך — פרוב דו אַמאָל, פאַרטרעט מיך איין־איינציקע וואָך... זעץ דיך.

ער שמייכלט און זעצט זיך. „נאַ — דאָ ציימונגען, דאָ בריוו — אַרבעט! פּאַפּיר, ווי האָלץ!“
איך גיי שפּאַצירן...

איך האָב אָפּגעשפּאַצירט, אָפּגעדריקט הונדערט פאַרשוויצטע הענט, חרוב געמאַכט אַ קאַפּעלוש מיטן גריסן זיך, אויסגעפּלוי־דערט „וואָס נאָר אין דער קוואַרט“ און קום צוריק — —
מיין פריילעכער יונגערמאַן זיצט זויער, ווי א ציטרין; א טרוקענע פעדער אין האַנט, אַ ליידיקער בויגן פּאַפּיר פאַר דער נאָז... די ציימונגען מיט די בריוו צעוואָרפן...
— נו!
— ווייניק מאַטעריאַל...
— איז נישט! — ענטפער איך, מכלומרשט קאַלטבלוטיק... און גלאט פרעג איך — וואָס הערט זיך בייעס?
— אין מאָסקווע ווערט מען אפשר יאָ צונעמען יידישע סטודענטן... קיין סלאוויאַנסק לאָזט מען נישט קומען... אין מאַסן גימנאַזיעס נעמט מען קיין יידישע פּאַפּירן נישט צו; עס זענען געבליבן צען פּראָצענט פון פאַראַיאָרן...
— נו, דאָס ווענדט זיך נישט אין אונז... אָבער פון אונ־זער צד...
— פון אונזער צד — זייערט ער פון צווישן די ציין — צוויי „סצענקעס“...
— למשל!
— אין הייסין (פּאָדאָליער גובערניע) גייען אַרום צוויי יונ־געלייט, אפשר בחורים, צוזאמענעמען נדבות אויף באָברויסקער נשרפים. זיי קלינגען אָן ביי אַ גרויסן עלעגאַנטן הויז, מען לאָזט זיי אַריין אין פאָדער־שטוב. פון סאַלאָן הערט זיך אַ ויכוח. דער גביר רעדט הויך מיט דער גבירטע. עס גייט וועגן „יאָ געבן, נישט געבן“ — ערשטנס, באָברויסק — מעבר לים, און צווייטנס — ווער גייט? יונגעלייטלעך, אוודאי אפיקורסים, לכל הפחות — ציוניסטן, נאַציאָנאַליסטן און אפשר גאָר „סיציליסטן“...

נישט געבן איז אויך נישט גלייך... צום שלים־מזל קאָנען די יונגעלייטלעך שרייבן. באַלד וועלן קלינגען די גאַזעטן... אַזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז עס איז געבליבן, די גבירטע זאָל אַרויס־טראָגן צוואַנציק קאָפּיקעס... אַריינלאָזן די „שקצים״ אוודאי נישט! און די גבירטע האָט גענומען ביים גביר פיר צענערלעך און איז אַרויסגעקומען צו די יונגעלייט אין פאָדערהויז אַריין, און דערלאַנגט אַ גילדן! אַ צענערל האָט זי זיך באַהאַלטן...

— און זיי האָבן גענומען?

— גענומען, פאַר אַ מצוה געהאַלטן...

— און די צווייטע סצענע? — פרעג איך.

— די צווייטע באַשרייבט דער הוראָדנער רב.

— דער הוראָדנער רב שרייבט סצענקעס?

— עט... עס גייט וועגן דעם, וואָס מען באַשולדיקט די רבנים, אַז זיי פירן שלעכט די מעטריקע־ביכער... פאַרשרייבן „נח מיט זיבן גרייזן״ די לעבעדיקע, מעקן נישט אויס די טויטע; לויט זייערע ביכער האָבן חתונה באַווייבטע מיט אשת־אישן, עס גטן זיך בחורים מיט בתולות... מיט איין וואָרט אַ מיש־מאַש מיט גרייזן, און „ר׳ יעקב משלם״, מען צאָלט קנס פאַר נישט געשטויגענע יינגלעך!

— געוויס!

— איינער, למשל, האָט איין זון, קוים געקריגן אַ בן־זכר, אויף אַ צווייטן אַזוי גיך רעכנט מען נישט, דער איז אָנגעקומען מיט... מיט דער הילף פון דאָקטוירים און רביים. גיט ער אים כאָטש צוויי נעמען; נאָך זיין פאָטער און נאָך איר פאָטער... דער רב האָט קיין צייט נישט, פאַרשרייבט ער דערווייל איין נאָמען... דער בן־זכר וואַקסט, האָט חתונה, מאַכט מען אַן אַקט, פאַרשרייבט דער רב אויך נאָר איין נאָמען. נאָר פונקט דעם צווייטן... פון איין זכר ווערט דעריבער צוויי... און שפּעטער באַצאָלט ר׳ יעקב זעקס הונדערט רובל קנס, בשעת ווען דער איינציקער בן־זכר איז אויפן עולם אמת, אָדער ער האַט מלחמה אַלס ענגלישער סאָלדאַט מיט די בורן, אָדער אַלס אַרגענ־

טינער קאָלאָניסט — מיטן הייזעריק, און ר׳ יעקב האַלט אויף אַן אלמנה צי אַן עגונה מיט קינדער...

— דאָס שרייבט דער הוראָדנער רב? דער עולם הויבט אָן זיך אַליין צו שמייסן?

— ניין, דער הוראָדנער רב זאָגט, אַז דאָס אַלץ איז אמת, נאָר נישט די רבנים זענען שולדיק, ער שטעלט פאָר אַ סצענע:

עס קומט אריין אַן אַלטע יידענע:

— גוט מאָרגן, רבי.

— גוט יאָר. וואָס פאַרלאַנגט איר, באַלעבאָסטע?

— אַ שיינע באַלעבאָסטע, נאָר נישט אין דעם בין איך אויסן... כ׳האָב נישט קיין צייט, נישט דעם קאָפּ דערצו... אָט ליגט א יולדת. א טיר-אָן־טיר, אָן, אומשטיינס געזאָגט, אָן א העמד...

— ווילט איר, הייסט עס, אַ נדבה?

— חלילה... און אפשר דאָס אויך — נאָר דערווייל בין איך געקומען פאַרשרייבן דעם בן־זכר... א שיינער בן־זכר — שיין ווי א ציטרין, נאָר פאַרשרייבן מוז מען דאָך... משהלע הייסט ער...

— און וואו איז דער פאָטער?

— וואו ער איז? איך ווייס, וואו ער איז! אוועקגעפאָרן איז ער! זיין נאָמען, רבונו של עולם, זאָל אהיים קומען! איבערגעלאָזט אן עגונה מיט קינדער און אין אכטן חודש... הייסן הייסט ער, דער פאָטער, יענקל...

אַז „יענקל“, קאָן זיין יעקב; עס קאָן אויך זיין יאַקוב; עס קאָן זיין: יעקל, יאָקל; אמת, — עס קאָן זיין „יענקל“ אויך...

— ניין, באַלעבאָסטע, אזוי שרייבן קאָן מען נישט. האָט איר נישט זיין מעטריקע, אדער אן אנדער כתב, מען זאָל וויסן, ווי ער הייסט? אקוראַט, ווי אזוי ער שרייבט זיך!

— א נייער רב — זיפצט די יידענע — מיט נייע גזרות! וואו זאָל איך נעמען כתבים? איך בעט אייך, רבי, צי האָב איך צייט דערצו? עס ליגט א יולדת, עס נאַגט זי ביים הארץ, איך בין

אַ פּרעמדע, נאָר פּאַר רחמנות... נו, זאָל איך אייך זוכן כּתבים: איך בעט אייך, רבּי, אויף גאָטס באַראָט האָב איך זי איבער־געלאָזט...

דער רב פּרובט זיך נאָך!

— אָן דעם קאָן מען גישט! — שטעלט ער אָן אַ שאַרף פּנים מיט אַ האַרטן קול...

— גאָט איז מיט אייך, רבּי — צעניסט זיך די יידענע— צי זייט איר קיין ייד נישט, צי האָט איר קיין יידיש האַרץ נישט? איר זייט אַזאַ מחותּן מיט דער זאַך, ווי איך... פּאָרט איר קיין אַמעריקע זוכן ביים ימח־שמוניק כּתבים... וואָס ווילט איר פון מיינע אַלטע יאָרן, נעכט שוין נישט געשלאָפן!

און דער רב פּאַרשרייבט, אַז אַ זון געהאַט האָט „יענקל"— אַ ברירה האָט ער?

דערנאָך וועט זיך אויסווייזן, אַז אַ נאָמען געגעבן האָט מען אים „עקיבא". פאַרשריבן אויף אומות העולם לשון האָט מען קובאַ. פון קובא איז שוין געוואָרן יאַקוב, און פון יאַקוב — ביי שלעכטע צייטן, וואָס איז די גדולה? קראַנק צו הייסן פּראָסט יענקל? אויך אַ מיוחס, אָן אַ ביסן ברויט אין מויל...

— קאָן זייער זיין...

— געוויס, אַ סך אמת שטעקט דערינען... פונדעסטוועגן... מיין יונגע ציטרין שווייגט, איך אויך. מוסר זאָגן איז אין שטעט־און־שטעטלעך קיין אָרט נישט.

— און אַזוי וואָס הערט זיך? — פרעג איך ווידער אי־בער אין אַ ווײַלע אַרום

— פון קאַנעלע, קיעווער גובערניע, שרייבט מען אַ מזל־טוב. מען האָט געעפנט אַ נייעם קלויז, אַ טאַלנער קלויז!

— שולן און בתּי־מדרשים פעלן!

— נישט אין קאַנעלע! לויט מען שרייבט: אַ גרויסע שול, אַ בית־המדרש, אַ מאַקאַרעווער מנין. אומעטום גרויס. מען שוויצט נישט אפילו יום־כּפּור צו נעילה! מען באַגראָבט אין כמעט ווייסע טליתים...

— וואָס דען?

— א מעשה: „כבודים פאַר מכובדים“ — אַ נייע קלויז — צוויי נייע גבאים; אַ חוץ גבאים, — צוויי נייע משגיחים, מען זאָל נישט רעדן ביים דאַוונען!

— און נייע מחלוקת וועגן פעטע עליות...

— מחלוקת פעלט סיי־ווי־סיי נישט! ערשטנס, איז אַ פראָצעס וועגן אַ ירושה... אַ ייד איז געשטאָרבן און איבערגע־לאָזט ח״י זהובים ירושה... דערויף צוויי זין... איינעם אויפן אָרט, דעם צווייטן אין ירושלים; אַנטלאָפן פאַר „גלגול מחילות“... דער היימישער האָט צוגענומען די גאַנצע ירושה; קהל שרייט, אַ רחמנות אויף אַ ירושלים־ייד... מען לאָזט דעם גזלן נישט דאַוו־נען בצבור! טייל האַלטן פון גזלנס צד...

צווייטנס, האָט גאָט אראָפּגעשיקט אַ פייער און אין זיין גרימצאָרן פאַרברענט דאָס באָד — לכל הפחות — אַן עסק אויף יאָרן...

און דריטנס?

— דריטנס? לאָזט זיך אַ ביסל הערן וועגן אַ גירוש... די שטאָט איז נישט זיכער שטאָט... קהל הענגט אויף אַ האָר!

מיר שווייגן ווייטער אַ ווײַלע.

איך וויל דאָך מיין יונגן גוטן פריינט אויסנוצן אינגאַנצן און פרעג:

— און וואָס הערט זיך וועגן צדקות, וועגן נייע חברות, וואָס טוען אונזערע יונגעלייט?

— אונזערע יונגעלייט הויבן זיך און פאַלן...

אין פלאָצק (פוילן) האָבן יונגעלייט געגרינדעט אַ לעזע־ביבליאָטעק... אַליין געקויפט, פון „מפיצי השכלה“ ספרים באַקו־מען... שוין טויזנט ביכער בצוועזן... אַבאָנענטן אַ הונדערט, לעזער — כפל־כפלים, ווי דער שטייגער איז! דער יונגער עולם איז אָבער, שרייבט מען, מיד געוואָרן, די ביבליאָטעק פאַלט...

אין ווילנע (ירושלים דליטא) האָט מען פאַרמאַכט די יידישע אָוונט־שול; עס איז קיין געלט נישטאָ צו פירן...

— צו אוונט־שילן דאַרף מען דאָך „קליין־געלט“. דירה

קאָסט נישט, אימזיסטיקע לערער געפינען זיך.. וואָס? באַלייכטונג, לער-מיטלען...

קליין געלט פעלט אויך אמאָל... אין דימער (קיעווער גוב.) זיינען אָפּגעפאַלן יונגעלייטשישע „בקור חולים", „גמילות חסדים", „להם אביונים" — געבליבן זיינען די בשורות טובות, וואָס מען האָט געדרוקט, ביים עפענען, אין די צייטונגען; געבליבן זיינען די אָרעמעלייט; געבליבן זיינען אויך די אַ ל ט ע חברות: חברה קדישא, חברה משניות, עין-יעקב, „שומרים לבקר", חברה תהלים..

אין מאלין (אויך קיעווער גובערניע) האָבן זיך פאַר אַ פּאָר יאָרן די יונגעלייט אויפגעכאַפּט, אַוועקגעריסן זיך פון פּרעפּעראַנס און סטוקולקע און „ראַזוויוואַיען" דורכאויס יידישע טעכטער, און געגרינדעט אַ תּלמוד-תּורה... אויך פאַר קליין געלט. דער לאָקאַל — די ווייבערישע שול; מלמדים, ווי געוויינלעך, בחצי חנם: משכילים — לערער אומזיסט, סאַמע „פּאַטשאָטנע"... עס האָבן זיך אָנגעקליבן איבער הונדערט אָרעמע קינדער... צוזאַמענגענומען אַלטווארג, אַביסל צוגעקויפט און געקליידט...

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, דער יצר-הרע פון קאָרטן און יידישע טעכטער „ראַזוויוואַיען" איז גרויס; יונגעלייט זיינען אויך צוריק צו זייער אַרבעט, און אין דער ווייבערישער שול זיצן אָפּגעריסן הונדערט תּלמוד-תּורה-קינדער און קוקן, ווי די מלמדים זיצן און טרינקען טיי מיט צוקער, דאָס איינציקע, וואָס די אָרעמע קינדער קאָנען זיי ברענגען...

— און שוין?...

— כמעט שוין.. עטלעכע פּראָצעסן... יידן פאָרן קיין פּעטערבורג און מאָסקווע אָן ערלויבניש און דער מיראָוואָי פּסקנט קנס, צען רובל, פופצן רובל, ווי אמאָל, ווי ווען...

וואַרשעווער יידישע שפּיטאָל-דאָקטוירים פּראָצעסירן זיך מיט וואַרשעווער קהל, מען זאָל זיי באַפרייען פון אָפּצאָל אויף קהלשע זאַכן. ערשטנס, זיינען זיי „געענדיקטע" און וואָלטן אין דעם איבעריקן רוסלאַנד נישט געצאָלט קיין קאָראָבקע; צווייטנס, זיינען זיי „טשינאָווניקעס", און טשינאָווניקעס זיינען על-פּי-דין

פטור פון אַלערליי אָפּצאָלן... „אַקושאָרקעס״ אין ליטע און אין דרום־רוסלאַנד פירן פראָצעסן קעגן בעל-טאַקסעס, באשר בכן — זיי זענען אויך „געלערנטע״ און עס קומט זיי כשר פלייש אָן „קאָראָבקע״ אויף יידישע זאַכן... א פּראָצעס אין אָדעס צווישן צוויי מוהלים וועגן אַ בלבול... אַן אַלטער מוהל אָן אַ פאַרטוך, אָן דעזינפעקציע און אָן וויזיט-קאַרטן, האָט מוצא־שם־רע געווען אויף א נייעם מוהל מ י ט אַ פאַרטוך, וויזיט־קאַרטן, דעזינפעקציע און אַ גאַנץ קעסטל כלים פאַר זיך, — אז ער, דער נייער מוהל, כאָטש ער דרוקט אויף זיינע וויזיט-קאַרטן: „ספּעציאַליסט, יידישער ריטואַל אָפּעראַטאָר״, קאָן נישט אויסציען קיין מעסערל... און דער נייער מוהל האָט זיך געפונען באַליידיקט און „איינגעגעבן אין סוד״...

— וואָס נאָך?

— אין פּאָלטאַווע וועט זיין אַ גרויסער משפט... אַ משפט פון אַן אָרגאַניזירטער באַנדע צו באַפרייען פון מיליטער מיט דער הילף פון פאַרשיידענע קונצן, אַלערליי קראַצערייען און פאַריכטע־רייען אין מעטריקעס און ביכער, ווי אויך פון פאַרשידענע קינ־סטלעך געמאַכטע פעלערן.

די באַפרייער, באַטירלעך, זענען נישט קיין „בני־ברית״, צום סאמעראָדנע שטראָדל לאָזט מען קיין ייד נישט צו — אָבער די מעקלער, די דאָקטוירים: האָלווערג, נאַבינסקי, גאָלדבערג, — דאָס זענען שוין יידן... ס׳רוב באַפרייטע — אוודאי...

— נאַ!

און ער ווארפט אַוועק די פעדער און שטייט־אויף פון אָרט.

— שרייב דו!

איך זעץ מיך גאַנץ רוהיק אויפצושרייבן דאָס געשפּרעך.

— עיקר שכחתי — ניט ער צו — די השכלה ג ײ ט, זי פ אָ ר ט... זי איז שוין געקומען אפילו קיין ירושלים... עס האָט זיך דאָרט אַ ווייבל געסמט!

— פאַרוואָס?

— דער מאַן האָט זי נישט געוואָלט גטן...

און ער אַנטלויפט מיט מאָדנע פינטלדיקע אויגן...

ט

10־טער יולי 1902.

אַלץ איז אָנשטעקנד, אַלץ גייט ווי אַן איבערגאַנג, נישט
נאָר שרפות, נישט נאָר קרענק...

פּאַטשט מען זיך אין סאַנדעגירער קלויז אין טשודנאָוו אי־
בער אַן עליה, פליען באלד פעטש, ווי האָלץ אין דער גרויסער
שול איבער אַ קלפי... אין דער גרויסער שול, ווי דער מנהג איז
ביי קלפים, האָט זיך געגאָסן בראָנפן און בלוט, און באַלעבאטים
זענען אַרומגעלאָפן ווי נישט דערקוילעטע גענז, און צו דער סאַנ־
דעגירער קלויז זענען זיי צוזאמענגעפלויגן גאַנצע מחנות שוואַלבן
אויפצוקלייבן די אויסגעריסענע האָר פון חסידישע בערד, אַלס
דאָס פיינסטע מאַטעריאַל צו נעסטן...

און אַזוי פּאַטשט מען זיך אין גאַנץ תפוצות ישראל...

און פונדעסטוועגן, ביי דעם גאַנצן גערעש און געפּילדער
שלאָפן איין צדקה־חברות. די קולות גייען עד לב השמים, מחנות
שופטים ושוטרים ווערן אויפגעשטעלט אויף די פּיס, און חברה־
לייט פון אלערליי צדקות ליגן און שלאָפן אַזוי רוהיק, אַזוי פיין,
אַז מען הערט נישט זייער פּארע...

אין דעם אייגענעם טשודנאָוו, למשל, וואו עס קאָכט „אויף
קעסל און כלים”, וואו די שענסטע באַלעבאַטים גייען ארום מיט
פינף־פינגער פּאָרטרעטן אויף די פּנימער און שרייען אויף די
ציין, איז איינגעשלאָפן א גאנצער קאָמיטעט, וואָס איז ערשט
נישט לאַנג געגרינדעט געוואָרן צו הילף פאר אָרעמע קימפּעטאָ־
רערינס... אין ווילנע זענען איינגעשלאָפן די אָוונט־שולן פאר בעלי־
מלאכות, אין וואַרשע שלאָפן אַלע ציוניסטישע רעדער און רעד־
לעך וכדומה —

ווערט אַן „איבערגאנג״ אויף שלאָפן, איז פארפאַלן, וועסט מיט האַרמאַטן נישט וועקן!

און אַז מען איז מודיע פון קאָוונער ישיבה אויף סלאָבאָד־קע, אַז די משגיח׳ים האָבן אויסגעשלאָסן (אויף פּראָסט יידיש — ארויסגעוואָרפן) כמעט דריי-פערטל בחורים פאַר ציוניזם און דער־ביי מיט אַ צירקולאַר מודיע געווען די עלטערן, אַז די קינדער זייערע, זייער גאַנצע פרייד און האָפנונג, זייערע קדישים און שטולן אין גן־עדן, זענען אַרויס לתרבות רעה און געוואָרן ער־גער ווי געשמדט; אַז מען האָט אין דער אייגענער ישיבה גע־מאַכט א תקנה, נישט צוצונעמען צום נייעם „זמן״ קיין בחורים, וואָס וועלן נישט שווערן בנקיטת חפץ, על כל פנים געבן „תקיעת־כף״, אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין „מגע-ומשא״ מיט מעשה־ביכ־לעך, דקדוק, תנ״ך און קאָלאָניאַל-באַנק — — קומט באַלד די־זעלבע ידיעה פון ט ע ל ז, און פון מ י ר הערט זיך נאָך שענערס: דאָרט האָט מען געכאַפּט אַ בחור מיט אַ שערל ביי דער באָרד, און דערגאַנגען איז מען, אַז די רעשט תלמידים זענען אויך, נישט פאַר אייך געדאַכט, אָנגערירט, — האָט מען דעם גאַנצן עולם מיט אַמאָל „מקים פסק״ געווען: מען האָט אַריינגערופן פּופּציק גאַסן-מענטשן, טרעגער און אַזוי אַרבעטער, און מען האָט דורכגעשמיסן גאַנצע צוויי הונדערט תלמידים, און די ישיבה פאַרמאַכט!

אין אז עס הערט זיך פון אמתן י ר ו ש ל י ם, אַז די אָפּ־געלעבטע אַלטע יידן, וואָס זענען אַהינגעקומען שטאַרבן, ווילן באין-אופן נישט אָפּטרעטן דעם יונגן דור, האַלטן זיך, אַלס סגולה קעגן מלאך-המות, מיט אַלע פיר ביי די הערנער פון מזבח; און האָבן, ווי אויף להכעיס, חתונה מיט יונגע מיידלעך, געקויפטע פאַר קליין חלוקה-געלט און אַ חלק לעולם־הבא, און אַרבעטן מיט געניירטע כחות אויף „חזוק הדת״ מיט פּאַשקווילן, קללות און חרמות, און מ ס י ר ו ת; — שרייבט מען באַלד פון ירושלים דליטא, אַז דאָרט האָבן ערלעכע פרומע יידן געמסרט די סטראַ־שונער ביבליאָטעק ביי דער אלטער שול, באשר בכן, אין איר געפינען זיך אַ חוץ ש״ס ופוסקים נאָך אנדערע י י ד י ש ע ספרים

אויך, און — מען האָט די ביבליאָטעק פאַרמאַכט!

איין וועלט — איין איבערגאַנג...

נאָר עס זאָל זיך טרעפן, אַז דאָס רוב קאָרעספּאָנדענטן פון א וואָך זאָלן ענדיקן זייער בריוו מיט פראַגע־צייכן, אַז אַלע זאָלן פרעגן: פאַרוואָס? אויף דעם וואָלט איך מיך נישט געריכט... עס דעמאָנט אפילו אין „מה־נשתנה", וואָס האָט אויך געדויערט א גאַנצן חודש. אָבער אזויפיל „פאַר וואָסן"?

און דאָך האָט זיך עס די וואָך געטראָפן, ווי איר וועט באַלד זען.

„פאַרוואָס" איז אויך אַן איבערגאַנג!

די „טעקסטן" ווי איר ווייסט, איז אַ פאַרשלעפטע, אַלטע קרענק.

טייל אַלטערטומס־פאָרשער קלערן, אַז אויב זי איז נישט משׁשת ימי בראשית, און די בעלי־טאַקסע זענען נישט באַשאַפן געוואָרן צוזאַמען מיט די מלאכי חבלה ערב שבת בין השמשות, איז די מכה דאָך עלטער פאַר דער „תוכחה"; זי איז שוין אין מצרים געווען. ערשטנס, על פי שכל: וואו עס איז פאַראַן אַ ג ו ש ן, מוז זיין אַ ט אַ ק ס ע — אַ באַזונדערע אָפּצאָל אויף באַזונדערע צדקות, כלי־קודש און בית־עלמינס... צווייטנס, אַס אין ראיה לדבר יש זכר לדבר — עס איז כמעט ווי געדרונגען פון אַ פסוק: „זכרנו את הדגה" שטייט; די אָרעמע, הונגעריקע יידן האָבן זיך דערמאָנט אין וויסטן מדבר אָן די פ י ש, וואָס זיי האָבן אין מצרים געגעסן. פאַרוואָס נישט פלייש? אַפנים, עס איז א טאַקסע געווען, און מען האָט ביינער געגעסן, נישט קיין פלייש...

און פונדעסטוועגן פרעגט מען פון רעטשיצע (מינסקער גוב.) צוויי מאָל פ אַ ר ו ו אָ ס.

איינמאָל: פ אַ ר ו ו אָ ס קאָסט פאָרט אין אַזא קליין שטעטל צוואנציק קאָפּ. אַ פונט ביינער? און דאָס צווייטע מאָל נאָך אַ האַרבערע שאלה: פ אַ ר ו ו אָ ס ווערן די לעצטע צייטן די בהמות

פון פריי־קצבישער שחיטה דאָס רוב טריף, און די בהמות פון בעל־טאַקסעס שחיטה זענען אַלץ כשר און כשר?

און איידער איך האָב צייט זיך מישב צו זיין, פּאַרוואָס זאָל טאַקע אין גאַנץ תפוצות ישראל אַראָפּפאַלן דאָס פלייש פון אָרעמע יידן און צוקלעפּן זיך צו די בעלי־טאַקסעס און זייערע קצבים, שוחטים און רעשט כלי־קודש, פרעגט מען נאָך אַ האַרבע שאלה פון טשודנאָוו! טשודנאָוו איז אַ שטעטל מיט ווייניק טעפּל־לעפל שאלות, אויסער עטלעכע באַלעבאַטים, כמעט קאַלטע קוימענס, על כל פנים אָן פלייש; עס קומט זעלטן פאָר אַ שאלה פון בשר וחלב — די גרעסטע רבנישע זאָרג. דערפאַר איז עס אַ שטעטל מיט אַ סך הלייב, קראַנקע פאַר דאגות, קראַנקע פאַר הונגער, אַ חוץ קראַנקע פון אַרבעט, פון חדרים און דאָסגלייכן — פּאַרוואָס־זשע, — פרעגט מען — האָט טשודנאָוו צוויי רבנים און אינגאַנצן איין דאָקטאָר?

וויל איך מיר שוין, מיט דעם פאַרנעמען, פאַלט מען אַריין פון טשערקאַסי (קיעווער גוב.) מיט קלאָץ־קשיות:

פּאַרוואָס גייט אויף תלמוד־תורה אַוועק אַזוי פיל געלט און אַזוי ווייניק קינדער לערנען זיך אויס „עברי״?

פּאַרוואָס קאָסט אַזויפיל דאָס יידישע שפּיטאָל, און אַז איר פאַלט אַוועק, געפינט ער קיינמאָל קיין אָרט נישט. און צוויי אָרעמע לייט זענען ערשט ניעט לאַנג געשטאָרבן אין „רבינס־שול״?

פּאַרוואָס שטייט אין קהלשע חשבונות שוואַרץ אויף ווייס, אַז פון קהלשן געלט גייט אויף מושב־זקנים זעקס הונדערט רובל אַ יאָר, דער גבאי פון „מושב זקנים״ זאָגט, אַז ער באַקומט נאָר פיר הונדערט, און דער קאַזיאָנער רב שרייט, אַז מען גיט אים, דעם גבאי פון מושב זקנים, גאָר אַכט הונדערט קאַרבן אַ יאָר?

און נאָך פּאַרוואָס! פּאַרוואָס פלעגט צוריק מיט עטלעכע יאָר אַרויסנעמען פון קאָראָבקע אויף קהלשע זאַכן זעקס טוי־זענט רובל אַ יאָר און זייט עטלעכע יאָר, גאַנצע צען, כאָטש

עס איז קיין איינציקע צדקה נישט צוגעקומען און קיין איינציקע חב״ה איז נישט רייכער געוואָרן?

און נאָך מער שאלות פרעגט מען פון קאָוונע:

פאַרוואָס טרינקט גאַנץ קאָוונע זיסע מילך און די קראַנקע אין הקדש — זויערע?

פאַרוואָס פאַרזאָרגט דער קאָוונער רב די גאַנצע וועלט מיט יידישקייט, אַ חוץ זיין אייגן קאָוונע?

פאַרוואָס, בשעת ווען פיר טויזנט יידישע אַרבעטער־פאַמיליעס האָבן, אַ דאַנק דעם האָלץ־קריזיס, פאַרלוירן זייער פרנסה ביים סאָרטירן און בינדן דאָס געהילץ, וואָס פאַסירט דורך קאָוונע איבערן ניעמאַן און וויליע, און גייען ממש אויס פאַר הונגער — שווייגט דער רב, און אין דערזעלבער צייט האָט ער צוזאַמענגעקליבן אַ מאסע געלט צו פאַרזאָרגן די ווייבער פון אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים מיט אַ רייכער פיינער מקוה?

און פון ביאַליסטאָק פרעגט מען:

פאַרוואָס איז פון די זיבצן טויזנט רובל קהלשע געלט, וואָס זענען געלעגן ביי איינעם פון די שטאָטישע בעלי־טובות אויף אויפבויען אַ באָד, ביז מען וועט אויסקלייבן אַ פּלאַץ וואו צו בויען, געבליבן איז גאַנצע דריי הונדערט רובל? צי האָבן די מייז אויפגעגעסן דאָס געלט? און, אויב ביאַליסטאָק האָט אַזוינע געפערלעכע מייז, אַזוינע געלט־פרעסער —

פאַרוואָס לאָזט מען, דורך אינטריגעס וועגן עלטסטע אין קאָמיטעט, אַזוי לאַנג ליגן גאַנצע זיבציג טויזנט רובל, וויסאָצקיס נדבה אויף אַ געווערב־שולע, און מען שטעלט זיך נישט בויען! ווער איז ערב, אַז אויף וויסאָצקיס נדבה וועלן די מייז קיין שליטה נישט האָבן?

— פאַרוואָס — פרעגט מען פון בריסק דליטא, האָט זיך „הרב מרן שליט״א״ מיטן „בד״ץ דפה״ פלוצלינג דערמאָנט, אַז פאַראַ־יאָרן, נישט היינט געדאַכט, בשעת דער בריסקער שריפה, האָבן יידעלעך געראַטעוועט, אומגעפרעגט דעם רב, צי די שרפה איז פקוח נפש, און געוויס מחלל שבת געווען, — און האָבן דעריבער, צו דער יאָר־צייט פון דער שרפה, אַרויסגעגעבן

דער שטאָט אַ תשובה: אַלע „גדולים״ זאָלן פאַסטן און „נשים און חלשים״ זיך אויסקויפן — און אַז אַ פּראַצענטניק איז מחלל שבת מיט „אמירה־לנכרי״ און הייסט דעם פּריסטאַוו דעם אָרעמען בעל־חוב שבת אראָפּנעמען די בעטש־לייכטער, שווייגט „מרן הרב שליטא״, שווייגט דער בד״ץ און מען גיט אים קיין תשובה נישט אַרויס?

און פּ אַ ר וו אָ ס, פרעגט מען פון קאַליש, ש ווי י ג ט קהל און רב זעענדיק, ווי צוויי תלמוד־תורה־מלמדים האָבן אויפגעשטעלט פאַר קהליש געלט אַ גרויס תלמוד־תורה־הויז און פאַרשריבן עס אויף זייער נאָמען?

און אין ליפּנא וואונדערט מען זיך: פּ אַ ר וו אָ ס פּטרן אַלע רבנים די מקוואות, נ א כ ן אפלאזן דאס וואסער, מיט מ י ם שאובין, נאָר איין ליפּנער רב מיט מילך, אזוי אַז עס האָט פאַרפעלט דעם לעצטן שבועות מילך צו פּוטער־געבעקס?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מער קאָן איך נישט; דער קאָפּ דרייט זיך פון די פאַרוואסן!

אַז איך בין אַמאָל אַ פּראסטער מענטש געווען, פלעג איך האבן פאַרשיידענע חלומות, גוטע און בייזע... אַמאָל פלעגן זיך חלומען מלחמות מיט ערד־ציטערניש, אַמאָל אָבער שוואַרצע, בלויע, גרויע און אלערליי שיינע אויגן; פון אַ קורצער צייט, זייט איך בין לא־עליכם אַ ב י ן געוואָרן, זע איך נאָר: שוואַרצע כלי־קודש, פעטע בעלי־טאַקסעס, העקער־יונגען מיט די העק איבער נשים הצובאות ביים קלאָץ — אצינד וועל איך זען סאַמע פראַגע־צייכן...

רבונו של עולם: אני שלך וחלומותי שלך!

1־טן יולי, 1902

קענט איר די פיך־בלימלעך?

אויפן אויג גאַנץ שענע, פיינע בלימעלעך; קיילעכדיקע קינסטלעך געשניצטע קעפּלעך... נאָר, אַז איר נעמט אזא בלימל אין דער האַנט אריין, מוזט איר איינהאַלטן דעם אָטעם; פון קלענסטן בלאָז צעפליט זיך דאָס קעפּל אין דער לופט און ביי אייך אין דער האַנט בלייבט אַ גרוי־שטרויען שטענגעלע.

מענער רופן די בלימעך: „פרויען־טרייהייט״; די ווייבער רופן זיי „מענער־טרייהייט״. מן־הסתם זענען ביידע צדדים גערעכט און דאָך האָב איך פאַר די בלימלעך אַ בעסערן נאָמען, אייגענט־לעך דריי נעמען; יידישע חברות, יידישע צדקה, יידישע מעשים טובים... קלייבט אייך אויס, וועלכן איר ווילט?

דאָס מוזן אַלע מודה זיין, אַז די שטאַרקסטע יידישע באַ־וועגונג איז די ציוניסטישע, און פון שטעט און שטעטלעך שרייבט מען:

„עס איז געקומען דער „מטיף״ הלא הוא... און מיט זיינע פייערדיקע רייד האָט ער דערוואַרעמט די קאַלטע הערצער פון אונזער שטעטל... מענער אין דער מענער־שול האָבן געקרעכצט מיט אַ צעבראָכן האַרץ, און דאָס געוויין פון דער ווייבערשער שול האָט זיך געגאָסן ווי א וואַסער... דאָס איז געווען שבת. באַלד שבת־צו־נאַכט האָט מען געמאַכט אן אסיפה, מען האָט גע־גרינדעט אַ חברה „בני־ציון״, „שערי ציון״, „אהבת ציון״ אָדער גלאַט אַזוי „ציון״! געפאַלן זענען דרייצן שקלים, פאַרקויפט און גענומען האַנט־געלט אויף גאַנצע דריי אקציעס — זונטאָג אין דער פרי איז דער מטיף אַרויסגעפאָרן; מען האָט אים באַגלייט ביז אַ

האַלב מייל הינטער דער שטאָט, מען איז צוריקגעקומען, און מאָנ־
טאָג איז שוין דאָס שטעטל צוריק איינגעשלאָפן.
מען שרייבט אויפן זאַמד, אויפן ד[illegible]ר...

אַפּט איז אַן אַלטע שטאָט. אַן אַלט רבישע פרומע שטאָט.
נסים פלעגן זיך דאָרט וואַלגערן אין די גאַסן. די גאַסט־הייזער
פלעגן פול זיין מיט אויסגעהיילטע און האַלב־אויסגעהיילטע משוגעים.
און דער קול פון די אַפּטער לומדים פלעגט לעכערן פריער דעם
דאַך פון גרויסן בית־המדרש און דערנאָך ערשט אַלע זיבן הימלען;
התלהבות איז געווען — אין לשער!

מיט דער צייט איז עפּעס קאַלט געוואָרן אין אַפּט. עס
האָבן זיך באַוויזן באַהאַלטענע און אַביסל אָפענע משכּלים, און
עמעץ האָט אויסגעזאָגט אַ סוד, אַז די מלמדים האלטן נישט פון
„דינא דמלכותא״ און האָבן קיין רוסישע לערער נישט אין די
חדרים. עס איז אָנגעקומען צום אינספּעקטאָר און ער האָט געלאָזט
אָנזאָגן מיט דער גראָבער פּען די מלמדים, אַז אויב זיי וועלן נישט
צינעמען קיין לערער אויף רוסיש, וועט ער זיי אַלע די חדרים
פאַרמאַכן... די מלמדים זענען געלאָפן מיט אַ געשריי צו קהל.
מיט אַ צוואַנציק צו דרייסיק יאָר צוריק, וואָלט קהל געלאָפן מיט
אַ געשריי צום רבין. דער רבי וואָלט גוזר תענית געווען, מעשים
געטאָן ביז ער וואָלט נישט מבטל געווען די גזרה...
היינט האָבן די באַלעבאַטים פּשוט אַן אַסיפה געמאַכט. אַ באַלע־
באַטישע אַסיפה. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די אַלטע קאַרפּן־
קעפּ, זיי האָבן פאַרקנייטשט די אַלטע שטערן, געקייט די לאַנגע
גרויע בערד אין מויל און מען האָט געקלערט און געקלערט, ביז
מען האָט אָפּגעקלערט און באַשלאָסן, אַז —

1) היות די גזרה איז, ווי עס זעט אויס, נישט צום בטל
ווערן, דאָס מלכות וויל טאַקע באמת אַפּטער יידישע קינדער
זאָלן לערנען רוסיש, — און מן הסתם האָט זי עפּעס אַ טעם דע־
רינען! און פאַלגן דאָס מלכות מוז מען, וואָרום, אַז נישט, וועט מען
אפשר טאַקע פאַרמאַכן די חדרים, או פון די מלמדים מאַכן אַ תל;

2) היות אָבער פון צווייטן צד — קאָן מען אין די חדרים קיין רוסיש נישט לערנען, ווייל רוסיש לערנט מען נישט בעל־פּה, און אויפן אייגענעם טיש, וואו עס ליגן הייליקע ספרים, וואָלטן זיך געלעגט „גראַמאַטיקעס" מיט „כרעסטאָמאַטיעס"... און דער דין איז: מעלין בקודש ולא מורידין!

3) און נאָך מער, אַז מען קאָן גלאַט קיין לערער נישט צונעמען, וואָרום — וועמען וועט מען נעמען? אַ ייד? איז ער חשוד אויף ציוניזם מיט סיציליזם, אויפן טיש וועלן ליגן כרעס־טאָמאַטיעס, און לערנען וועט ער גאָט ווייס וואָס! א קריסט צו־נעמען איז אויך שלעכט, וואָרום לכבוד דעם קריסט וועלן זיצן די קינדער בגלוי הראש, און אַ חדר מיט ספרים און מזוזות איז כמעט אַ מקום קדוש

על כן:

4) אַזוי ווי דאָס מאַגיסטראַט האַלט אויף פאר דער שטאָט אַ שקאָלע, וואו מען לערנט נאָר (ביי זיי הייסט יענץ אויך „לער־נען") פאַרמיטאָג, און נאָכמיטאָג שטייט די שקאָלע ליידיק — זאָלן די יידישע חדרים־יינגלעך אהין גיין נאָכמיטאָג אויף צוויי שעה אין טאָג, לערנען ווי די ממשלה וויל, רוסיש און —

5) דעם לערער זאָל מען צאָלן פינף און דרייסיק רובל אַ חודש שכר בטלה, זאָל ער נישט זיין אַזא מתמיד!

געזאָגט – געטאָן!

די יידישע חדר־יינגלעך גייען יעדן נאָכמיטאָג (אויסער שבת און זונטאָג, אונזערע און זייערע ימים טובים) אין שול אריין ד א מ אָ ל ט, ווען די קריסטלעכע גייען ארויס... זיי טרעפן זיך אויפן וועג, די קולות גייען עד לב השמים, יידישע קינדער קומען אהיים מיט געשוואָלענע בעקלעך און איינגעפּלאַטשטע נעז. אָבער אַפּט האָט אויסגעפירט! קיין לערער, נישט קיין יידישן, נישט קיין קריסטלעכן, אין חדר נישט אריינגעלאָזט —

וואָס, נישט אָפּגעאַרבעט אַ שטיק?!

אַ מאָדנע שטעטל איז דאָס בעסאַראַבישע הינטשעסט!

אַ שטיל שטעטל, אַ ציכטיק שטעטל. נישט אַזוי פרום ווי

אָפּט, נאָר דערפאַר „שטיל ווי אין ריוועטש". אין אָפּט טרעפט זיך אַמאָל אַ מחלוקת, עס קאָכט אויף קעסל און כּלים וועגן רבנים, שוחטים, ציוניסטן, נאַציאָנאַליסטן און אפילו איבער אַ האַ־בּע שאלת־הריאה. אלטע לומדים! אין הינטשעסט הערט מען אין גאַס, ווי די זייגער קלאַפּן אין די שטיבער, דאָס זשומען פון דעל שהאַכסטער פליג אין דער לופט! און מענטשן ארום שטילע, מיט בלייכע מידע פּנימער, האַלב פארלאַשענע אויגן, אויסער — אז מען הייצט אין באָד! דאַמאָלט זעט מען אַמאָל מענטשן איילן זיך, לויפן מיט פלאַמענדיקע בליסן, מיט די בעזימלעך אין די הענט — עס לעבט! ווערט דאָס באָד אָפּגעקילט, קילט זיך אָפּ און ווערט פארשטאַרט די שטאָט און די באַלעבאַטים פאַלן צוריק אין דער „הינערפלעט" אַריין...

אַזא שטיל שטעטל האָט מן הסתם א שטילן רב

מען צאָלט אים נישט קיין וואָכן געלט, — איז נישט; באַ־גייט ער זיך און שווייגט! אין זיין אייגענער שטוב כאַפּט אים עמעץ אָן ביי א לאַץ, צי גיט אים א גרעבערן גלעט איבער דער באַק — ער רעדט נישט אַ וואָרט; קהל שווייגט אַוודאי! אַ שוחט איז אויך פאַראַן א שטילער, אן אַלטער קרעכצנדיקער ייד. קומט אַ קצב און גיט אים אַ מתּנת יד, פאַרוואָס ער איז נישט געקו־מען אינמיטן דער נאַכט קוילען, באַגיסט ער זיך מיט דער „רויטער יויך" און שווייגט: דער רב אויך, קהל אוודאי, א קל־וחומר פון רבּס פּעטש!

עס איז דאָ אַ בעל־בשר — אַ בעל־טאַקסע; פלייש איז צו טייער, די וואָג צו קנאַפּ — קהל און רב שווייגן, ווי אין פּרק שטייט: מרבּה בשר — מרבּה רמה, און צוליב די ווערים אין קבר איז נישט כּדאַי זיך אריינצולאָזן מיטן בעל־טאַקסע!

דאָס שטעטל איז אַזוי פארשלאָפן, אז פיר יאָר האָט גע־דויערט, איידער מען האָט צוגענומען אַ צווייטן שוחט. די מעשה איז אַזוי געווען. קהל האָט אַמאָל איינגעזען, אז לויט דער שטאָט און לויט די בהמות, וואָס מען קוילעט פאַר דער שטאָט, איז איין שוחט. בפרט אַן אַלטער און קראַנקער, צו ווייניק.

אויף דעם סמך האָט זיך אַ יונגערמאַן אַוועקגעלאָזט למקום

תורה, אויסגעלערנט זיך שחיטה און אהיימגעקומען צום רב מיט אַ פיינעם חלף; און אַ פולן בויך מיט הלכות שחיטה.

דעם רב איז געפעלן געוואָרן אי דער יונגערמאַן, אי דעם יונגענמאַנס חלף; נאָר אויף זיך אליין שטעלן האָט ער נישט געוואָלט און געלאָזט רופן די באַלעבאַטים פון שטאָט אויף אַן אַסיפה.

און עס זענען זיך צונויפגעקומען די הינטשעסטער קאַרפן־קעפ, און האָבן זיך אויך אַוועקגעזעצט, און אָנגעהויבן שאָקלען מיט די קעפ אין דער לענג און אין דער ברייט, און בייסן די שפיץ בערד אין די אָפענע מיילער, און קנייטשן די גרויסע, ברייטע שטערן, ביז עס איז געבליבן „בהסכם כלם“, פון קהל און רב הייסט עס, אז קהל און רב קאָנען זיך אויף זיך אליין נישט פאַרלאָזן און מען מוז שרייבן צום רבין.

עס האָט געדויערט איידער מען האָט געשריבן צום רבין. נאָר געשריבן האָט מען; מען האָט געפונען אַ שרייבער מיט אַ פיינעם „לכבוד“, אַ לפ״ק מיט א „לפ״ג“ און מיט אַלעם גוטן!

דערנאָך האָט געדויערט, איידער עס איז געקומען אַ תשובה פון רבין. אַ פאַרנומענער מענטש דער רבי! נאָר געקומען איז זי־די תשובה איז אָבער קיין קלאָרע תשובה נישט געווען... באשר בכן — אויף אַ בריוו קאָן דער רבי נישט שטעלן, מטריח זיין וועגן דעם דעם רוח־הקודש אָדער אליהו הנביא איז נישט כדאי, על כן — זאָל דער יונגערמאַן אַליין קומען, ער מוז מיט אים רעדן פה־אל־פה...

עס האָט געדויערט איידער דער יונגערמאַן האָט זיך געשאַפט אויף הוצאות, נאָר געפאָרן איז ער. עס האָט דערנאָך געדויערט איידער מען האָט אים צוגעלאָזט, נאָר צוגעלאָזט סוף־כל־סוף האָט מען אים!

און ער איז אָפגעזעסן אַ צייט, און דער רבי האָט אים צוריק אָפגעשיקט צום רב!

א טביעת־עין, קיין עין־הרע, האָט ער דער רבי, נאָר אויפן אויג אַליין — שרייבט ער צום רב — קאָן מען זיך נישט פאַר־

לאָזן! און געהערט פון שוחט האָט ער כמעט גאָר נישט: על כּן זאָל אים דער רב נאָך אַמאָל פאַרהערן...

און אַזוי איז דער "יונגערמאַן" געפאָרן במשך פון פיר יאָר פון רב צום רבין, פון רבין צום רב, ביז דער רבי האָט עפּעס דערזען צי דערהערט, און דאַמאָלט ערשט האָט אים די שטאָט אויפגענומען פאר אַ שוחט...

איבער די פיר יאָר האָבן די קצבים דעם אַלטן שוחט — געפּאַטשט!

דאָס אַלץ איז אייגנטלעך נאָר אַ מאמר המוסגר. דער עיקר מיין איך די צדקה פון שטעטל!

און נישט איין צדקה, אַ סך צדקות: הכנסת כלה, בקור חולים, תלמוד תורה, הכנסת אורחים און נישט צעוואָרפן, נאָר אַלץ אויף איין אָרט און דווקא אין אַ חורבה!

און הערט ווי אַזוי:

אַמאָל האָט דאָס שטעטל געהאַט אַן אייגן הויז — אַ דירה פאַרן רב.

אַז דאָס הויז איז איינגעפאַלן, האָט זיך דער רב איבערגעצויגן אין אַ געדונגענער דירה אַריין ער האָט אפילו קיין וואָרט נישט גערעדט; אַ שטילער רב, ווי עס פּאַסט פאַר אַ שטיל שטעטל.

אַז דער רב האָט זיך איבערגעצויגן, האָבן זיך מן־הסתם אויף זיין אָרט שדים אַריינגעצויגן. עס האָט געקלאַפּט, געפייפט פון דער חורבה, אַמאָל שטיינער אַרויסגעוואָרפן.

פונדעסטוועגן, אַז עמעץ איז געקומען אַמאָל פון דער סביבה צום דאָקטאָר. בפרט בייטאָג, האָט ער זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און אָפּגעשטעלט זיך אין דער חורבה; קיין גאַסט־הייזער וועגן אין שטעטל נישטאָ.

היימישע אָרעמע קראַנקע האָבן געזען, אַז דער דאָקטאָר קומט אָפּט צו דער חורבה, האָבן זיי אָנגעהויבן אויך אַהין צו גיין און עצות פרעגן. און פון זיך אַליין איז מיט דער צייט פון דער חורבה אַ בקור־חולים געוואָרן. די שטאָט שווייגט! אַז עס האָט זיך אַליין געמאַכט, איז אַ סימן, אַז מען דאַרף

דערנאָך האָבן געזונטע, נאָר אָרעמע לייט פון דער סביבה, אויך אָנגעהויבן קומען צו דער חורבה, כאָטש אַוועקלעגן דאָס אָנגעבעטלטע פעקל, און בשעת הדחק, כאָטש מיט גרויס ציטערניש איבערנעכטיקן! און פון דער חורבה איז געוואָרן מיט דער צייט אַן „הכנסת אורחים“ — — —

עס טרעפט פאַרט, אַז די חורבה שטייט כאָטש אַ פּאָר מאָל אין וואָך ליידיק; עס קומען קיין קראַנקע נישט בייטאָג, קיין שנאָרער ביינאַכט, און די לצים לאָזן זיך ערגעץ אויף עטלעכע ווינטע־נעכט אין וועג אריין, אַראָפּצופירן שליטן מיט סוחרים פון דרך הישר... איז דער שטאָט אַ שאָד, דינגט זי אַ מלמד און הייסט אים פאַר דריי רובל אַ וואָך לערנען אין חורבה מיט אָרעמע קינדער און אינאיינוועגס וואוינען אין איר — וואָס טוט נישט אַ ייד פאַר פרנסה? שטעלט ער זיך איין דאָס לעבן, ציט זיך אריין אין דער חורבה און עס ווערט פון איר אַ תלמוד־תורה!

און מען ווייסט שוין אַליין נישט, וואָס אין ווען די חורבה איז! קומט א קראַנקער, וואַרפן אים אַרויס די אורחים: אַז הכנסת אורחים איז נישט קיין בקור־חולים... אמאָל קומט אַן אורח מיט אַ פּעקל, באַגעגנט אים די מלמדקע מיט אַ בעזעם: עס איז אַ תלמוד־תורה! אַמאָל ווייטער קומען חליים, ציען זיך אויס אין די שטיבער — עס איז פאָרט אַ בקור־חולים...

דערווייל דאַרף אַן אָרעמע כלה חתונה האָבן; קומען די קרובים פון ביידע צדדים און מאַכן מיט געוואַלד פון דער חורבה אַן — הכנסת־כלה...

און אַמאָל האָט גאָר עמעצער אַ טעות, וויל גיין אין באָד אריין און טרעפט צו דער חורבה, ווייל דאָס באָד איז אויך פונקט אַזאַ חורבה...

אַך, די פיינע פוך־בלימעלעך!

נעמט, למשל „פילוויירריק“ פון קאמעניעץ־פאָדאָלסק: מאַסן בעלי־טובות, מיט אָפּענע, ווייכע הערצער! זיי ווילן, נעבעך, טון לטובת הכלל. נאָר וואָס?

ווערן זיי איינמאָל געוואָר אַז אויף דער יידישער וועלט איז היינט „תלמוד־תורה“ אין דער מאָדע: מאַכט מען אן אַסיפה, און

מען עפנט אַ תלמוד תורה. עס ווערט אַ קאָמיטעט, מען קלייבט אויס צוויי גבאים, אַ גבאי ראשון און אַ גבאי שני, צוויי ר אה־חשבונס, אַכט אויפמאָנער פון וואָכן־געלט, באַשטעלט זעקס (בפירוש זעקס) חתימות, ווייל אָן זיי איז אַ חברה קיין חברה נישט, און אַ סעודה האָט מען אויך געמאַכט, „וואַרעניקעס״ געקאָכט!

דאַכט זיך גוט? האָט מען אָבער צוויי מ כ ו ב ד י ם ג י ש ט אויסגעקליבן. וואָס טוען זיי? זונדערן זיי זיך צפּ. מאַכן נייע אסיפות, נייע צעטלעך אויף וואָכן־געלטער, קלייבן אויס נייע „כלי קודש״ פאַר כבוד, און מען עפנט אַ צווייטע תלמוד־תורה; מלמדים צאָלן נישט, קינדער אויך נישט!

עס זענען אָבער פאָרט נאָך לייִדיקע מכובדים געבליבן, עס האָבן נאָך שליפעס פאַרפעלט, און דערווייל ווערט מען געוואָר — איז אַריין ביליקער קרעדיט אין דער מאָדע. האָט מען ווייטער אסיפות געמאַכט און געעפנט — אַ באַנק אויף אַקציעס, צען רובל אַן אַקציע — פאַר קליינע סוחרים, בעלי מלאכות... און מען האָט די רעשט שליפעס צעטיילט, נייע „וואַרעניקעס״ געקאָכט, אפילו, לויט מען שרייבט, אַ גוט ביסל משקה געטרונקען!...

עס זענען אַוועקגעגאַנגען נישט קיין גאַנצע דריי חדשים:

דאָס געלט פון דער באַנק איז אויסגעטריקנט געוואָרן, גלייך עס וואָלט אין וואַרעניקעס מיט דער משקה אַריין... די צווייטע תלמוד־תורה איז זיך צעפאַלן, ווי אויסגעטריקנטער זאַמד, און די ערשטע תלמוד־תורה הענגט נאָך אין דער לופט אויף אַ האָר!

און נישט דווקא אין די קליינע שטעטלעך וואַקסן די פּוך־בלימלעך! אַזוינס טרעפט אין גרויסע שטעט אויך, אַפילו אין וואַרשע...

ווערט געוואָר אויף טוואַרדע גאַס נומער דרייצן!

אַז נישט, וועל איך אפשר אַליין אַמאָל די מעשה דערציילן.

ו

24טן יולי 1902

סאַמע נסים, סאַמע מערכות

ווען נישט די נסים, ווען נישט די מערכות, ווייסט איין גאָט, וואָס עס וואָלט געווען!

אין קאַזימיניק, קאַלישער גובערניע, איז אין טאָג פון אַ חתונה פאַרשוואונדן געוואָרן די ח ו פ ה...

מיינט נאָר נישט, חלילה, קיין שלעכטס! עס האָט קיין יבם נישט געוואָלט נעמען די יבמה, ווי אין דער תורה שטייט; עס האָט, להכעיס דער תורה, קיין כהן קיין גרושה נישט גענו־מען! עס האָט נישט געזאָלט זיין קיין חתונה אָן עלטערנס וויסן; מען האָט נישט ארויסגעגנבעט נישט די כלה, נישט דעם חתן! עס איז נישט געווען קיין חופה צו פאַרכאַפּן צו דער צייט, עס זאָל עמעץ ל ה כ ע י ס צונעמען די חופה; עס איז אפילו קיין פאַרליבעניש נישט געווען! עס איז געווען א כשרע יידישע חתונה. די כלה פון קאָזימיניק, דער חתן פון דער פרעמד; נישט ער האָט זיך א י ר, נישט זי האָט זיך א י ם געחלומט. אַן אמתער זיווג: אַ שדכן האָט אָנגעשלאָגן, די מחותנים זענען זיך געפעלן... און אז מען האָט זיך איסגעגלייכט וועגן נדן, קעסט, מלבושים, מתנות און רח״ש, האָט מען מגביל געווען זמן החתונה, תנאים געשריבן; צו דער צייט האָט מען, צו מזל־וברכה, איינגעקויפט פיש, פלייש און אַביסל משקה, מען האָט קלעזמער באַשטעלט און א מארשעליק, — אַלץ, וואָס מען דאַרף. און דער חתן איז געקומען צו דער צייט — — נאָר דאָ הויבט זיך אָן די מעשה! דער חתן איז געקומען, האָט זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט, און עס האָבן זיך באַלד באַוויזן אַלערליי גבאי צדקה! דערלאַנגט שלום־

עליכם, געווינטשט מזל-טוב און — אויסגעשטרעקט די האנט נאך דבות. דער חתן האָט אַלעמען געגעבן, און אַלע זענען אַרויסגעגאַנגען צופרידן, א חוץ איין גבאי פון חברה-קדישא. דער גבאי פון חברה־קדישא האָט געהאַלטן די נדבה פאַר צו קליין, ער האָט זיך באַליידיקט, און איז אַוועקגעגאַנגען אין שול אַריין, האָט צוגענומען די חופה מיט די חופה־שטאַנגען, און ערגעץ פאַר־טראָגן און באהאלטן!

די כלה איז שוין באַדעקט, באַשיט מיט האפן, אפגעשוירן ווי אַ שאף; די ווייבער האבן שוין אויסגעוויינט אלע טרערן, אויסגעזיפצט אלע קרעכצן און לויפן ארום מיט רויטע טרוקענע אויגן. דער מאַרשאליק האט שוין אויסגעשאטן אלע זיינע גראַמען מיט ראשי־תיבות און לפ״ק, און שטייט ליידיק, ווי א פאס, און הייזעריק, ווי האלץ; די קלעזמער האבן צום דרייצנטן מאל אנגעהויבן דעם „שטייגער״, אז עס איז שוין פון דער הויט ארויסצושפרינגען, — און, קיין חופה איז נישטא!

— א מערכה — שרייבט מען פון קאזימיניק — וואו „תורה, דא חכמה״!

א לייטישער יונגערמאן האט אן עצה געגעבן; פיר יידן האבן זיך ארויפגעשטעלט אויף פיר שטולן (איין שטול האט געלאמט, האט מען מיט עפעס אונטערגעשפארט). די פיר יידן אויף די פיר שטולן האט מען דערלאנגט פיר עק פון א טלית, יעדן ייד איין עק, און תוך כדי דבור איז געווארן א חופה מיט לעבעדיקע חופה־שטאנגען...

אדם וחוה אין גן-עדן געדענקט איר? איר האט דאך אין א חדר געלערנט!

— זיי זענען — דערציילט דער פסוק — ארומגעגאנגען אין גן-עדן אדם־נאקעט, טאקע ווי גאט האט זיי באשאפן! ווי אזוי אדם־הראשון האט געדאוונט אָן א גארטל, ווייסט מען נישט עד־היום, און וואס מער וואונדער איז — ולא יתבוששו...

אַז אַ דעלעגאַט פון דער חברה „מפיצי השכלה" איז אַראָפּגעקומען קיין וואָלאָטשיסק (וואָלינער גובערניע), האָט ער אין תלמוד־תורה געפונען עטלעכע בערג מיסט און צוויי עלטערע תלמוד־תורה־קינדער, און זיי האָבן אים געטייטשט: ולא יתבוששו — און זיי האָבן זיך נישט פאַרזוימט!

אפשר ווייסט איר, ווי קרחס ווייב האָט געהייסן? ניין? די אייגענע צוויי עלטערע תלמוד־תורה־קינדער האָבן געוואוסט: „בן־יצהר" האָט זי געהייסן! אַ בפירושער פסוק. „ויקח קרח בן יצהר"! און די צוויי וואָלין־וואָלאָטשיסקער לומדים האָבן געטייטשט: און „קרח" האַט גענומען „בן־יצהר" פאַר אַ ווייב!

און זאָל אייך נישט וואונדערן, פאַרוואָס די וואָלאָטשיסקער תלמוד־תורה קינדער קענען אַזויפיל פסוק. די מעשה דערפון איז אַזוי:

וואָלאָטשיסק איז, ערשטנס, וואָלינער גיבערניע, וואו תורה איז פון קדמונים אינדערהיים...

צווייטנס, איז עס אַ לייטישע שטאָט: תלמוד־תורה האָט אַ פיין הויז, אַ גרויס הויז, און מען קאַרגט נישט קיין הוצאות: פינף און צוואַנציק רובל אַ וואָך און מער! מלמדים נעמט מען צו די בעסטע: פון קאָפּולע — אַ מקום־תורה הינטער וואָלאָטשיסק, וואו די בעסטע וואָלינער מלמדים וואַקסן! און די משגיחים פון תלמוד־תורה זענען נישט „אבי ווער"! סאַמע פיינע באַלעבאַטים, די וואָלאָטשיסקער סמעטענע!

— און פון דער סמעטענע הויבט זיך עס אָן!

די משגיחים פון תלמוד־תורה צעפּאַלן זיך אויף צוויי פּאַרטייען, איין צד וויל, מען זאָל אין תלמוד־תורה לערנען נאָר גמרא. איי וואָס, עס זענען ס'רוב בעל־מלאכה־קינדער, וואָס לערנען אינגאַנצן אַ יאָר, העכסטנס צוויי, און וועלן קיינמאָל קיין גמרא נישט קענען: „לא עליך המלאכה לגמור" שטייט — קהל נעמט אויף זיך קיין „פּאָדריאַד" נישט, אַרויסצוגעבן לומדים־דערווייל איז דאָס גמרא־לערנען אַ מצוה און די רעשט זאַכן, ווי צום ביישפּיל — עברי, איז שוין גאַר עפּעס אַנ,

דערש, דאָס ווילן שוין יענע לייט, דאָס פירט שוין עד שאול תחתיה.

דער צווייטער צד טענהט: היות די תלמוד-תורה-קינדער קוקן אין דער גמרא אַריין, ווי „אַ האָן אין בני־אָדם" און „זאָגן־נאָך דעם מלמד ווי די סאָראָקעס" און גייען אַרויס פון תלמוד-תורה אויסגעמוטשעט, אויסגעקניפן, אָן כח צו דער אַרבעט און דערצו אָן עברי, על-כן — ווילן זיי, אַז דער עיקר זאָל מען לערנען „עברי", זאָלן זיי כאָטש קענען דאַוונען!

די משגיחים פירן מחלוקת און די קאָפּולער מלמדים ווילן זיך נישט אַריינשטופּן צווישן די בערג. זיי לערנען נישט קיין עברי, דער ערשטער צד זאָל נישט שרייען; צוליב דעם צווייטן צד לערנט מען קיין גמרא נישט, הכלל — מען לערנט גאָרנישט!

— אין אויב — שרייבט מען פון וואָלאָטשיסק — די תלמידים פון תלמוד-תורה קענען (ווי אויבן איז געשטאַנען) אַביסל פּסוק, איז עס טאַקע מעשי־נסים!

די מינסקער גובערניע האָט אַ שטאָט טאָלטשין.

עס איז אַ כרך פון זיבן ביז אַכט טויזנט נפשות (אקוראט וועט קיין יידישער קאָרעספּאָנדענט קיינמאָל נישט וויסן, כאָטש עס איז לייכט צוצוגיין צו דער טאַבליצע הינטער דער שטאָט, אָדער צו נעמען די „פּאַמיאַטנאַיאַ קניזשקאַ" פון מינסקער גובערניע און זען און פאַרצייכענען די צאָל), הכלל, ווי געזאָגט, אַ כרך: עס האָט אַ מרחץ, אַ כשרע מקוה, אַ שול מיט אַ בית־המדרש, עטלעכע טוץ חסידישע מנינים און, פאַרשטייט זיך — כלי־קודש מיט אַ רב אָן דער שפּיץ.

דעם רב אָבער צאָלט קהל קיין שכירות נישט! מען האָט אים אַמאָל אוועקגעגעבן די הייוון, האָט מען ביי אים לעצטנס דאָס אויך צוגענומען; מען האָט מבטל געווען דער רביצינס מאָנאָפּאָל, און אַן עק.

איז דאָך אַ קשיא: היכא דמי? פון וואַנען נעמט זיך עס, אַז קהל זאָל דעם רב נישט צאָלן?

טענהט קהל, אַז דער רב איז אַן איבעריקע זאַך; מען האָט גאָרנישט פון אים!

שאלות פּסקנט יעדער מלמד. אַ דין-תּורה פּסקנס מען נישט היינטיקע צייטן, און אויף אויסגלייכן איז ער צו קרום! דברים שבצדקה, וואו אַ רב זאָל זיך קאָנען אַריי־מישן, ווי לינת הצדק, חונן דלים, תּלמוד-תּורה, הקדשים, וואָס אַנדערע שטעט האָבן, האָבן מיר נישט! אין שטאָט־זאַכן האָט ער קיין דעה נישט, צו קיין אסיפות רופט מען אים נישט... זאָגט ער אַמאָל אַליין אַ דעה, טוט מען, פאַרשטייט זיך קאַפּויר!

— נאָך וואָס האָט איר גענומען אַזאַ רב?

— אַ מקח-טעות געווען! ער האָט יונגערהייט פאַר אַן עלוי געשמט; אַן אייזערנער מח, האָט מען געזאָגט, אַ נייער „חתם־סופר", אַן „אורים ותומים"... האָבן מיר זיך אויפן תכשיט „גע־לאָמעט"! מיר ווילן אים — האָבן מיר געטראַכט, אַראָפּבּרענגען, פאַרזאָרגן מיט פּרנסה, צו טאָן וועט ער נישט האָבן, די האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריין נישט לייגן, וואָס־זשע וועט ער טון? ער וועט זיצן און לערנען, ענטפערן „שאלות־תשובות" און שרייבן ספרים, און דורך אים וועט שמען טאָלטשין... ווער האָט מתיר געווען די עגונה? דער טאָלטשינער רב! און אויף די שערים פון די ספרים זיינע וואָלט געשטאַנען לדור דורות: הרב מק"ק טאָלטשין! טאָלטשין און טאָלטשין, די וועלט וואָלט געקלונגען מיט טאָלטשין!

— נו?

— וואָס נו? ער האָט זיך אָפּגעשטעלט! מען פרעגט אים קיין שאלות נישט, ער ענטפערט קיין תשובות נישט: בּיסלעכווייז זיצט ער און לערנט, נאָר קיין ספרים שרייבט ער נישט! עס האָט זיך „אויסגעלאָזט אַ בוידעם"!

— הכלל?

— הכלל? ווי אין פּרק שטייט: אם אין תורה אין קמח'

האָט מען אים אויפגעהערט צאָלן שכירות, האָט מען אים צוגע־נומען די הייוון...

און דער טאָלטשינער רב וואָלט אויסגעגאנגען פאַר הינגער, נאָר — — —

— אַ מערכה — שרייבט מען פון טאָלטשין — וואָס די ערשטע רביצין איז נפטר געוואָרן, און די צווייטע האָט אַ שטיקל נחלה, לעבט מען דערפון...

און די שאלה „וואָס לערנט מען?” איז נוגע נישט גאָר בנוגע צו וואָלין-וואָלאָטשיסקער תלמוד-תורה-יינגלעך! אין דער פוילישער גובערניאַל-שטאָט פלאָצק שטייט די האַרבע שאלה בנוגע צו יונגע בעל־מלאכהס: וואָס זאָל מען זיי לערנען שבת? אַ גאַנצע וואָך, ווי אַ גאַנצע וואָך, אָבער שבת — א פרייער טאָג, מיט וואָס שטאָפט מען זיי?

און עס איז אַ מחלוקת צווישן די „יונגע ציוניסטן” מיטן רב.

די יונגע ציוניסטן ווילן דווקא לערנען מיט זיי: לשון-קודש, יידישע געשיכטע על-פי גרעץ, וכדומה...

דער פלאָצקער רב איז אַליין אפילו אַ משכיל, זעקס קלאַסן געענדיקט, רעדט און שרייבט, זאָגט מען, דייטש ווי אַ מזמור, רוסיש — ווי אַ וואַסער; זאָל מען דאַרפן — וועט ער קענען פויליש, ווי פּיִצקעוויטש — אַ מענטש מיט אַ קאָפּ! איזן איז ער אפילו אַ שטיקל פּחות-משוה-פּרוטה פון אַ ציוניסט; ער צאָלט אַ שקל, נאָר ער פאַרשרייבט אים אויף דער צוויי-יעריקער טאָכטערס נאָמען... איר וועט עס שוין נישט שאָדן! אויף איר האָבן די חסידים שוין לאַנג מוציא שם געווען, אַז זי שפּילט פּאָרטעפּיאַן! און דעריבער טאַקע איז ביי די וואַרשעווער וואַלן אויף אַ רב, אויף איינעם פון די זעכצן וואַרשעווער רבנים, דער זכה־בגורל געפאַלן אויף ראַדאָם, נישט אויף פלאָצק... ווי איר זעט, אַ שטיקל אַנגערירטער רב, און פונדעסטוועגן לאָזט ער נישט די יונגע בעל-מלאכות זאָלן לערנען „ספרים-חצונים”; גמרא זאָל מען לערנען מיט זיי! ש״ס!

און דערווייל לערנט מען גאָרנישט... די יונגע בעלי-מלאכות,

וואָס זענען געוואוינט געוואָרן זעקס טעג צו דער אַרבעט, ווערן, לויט מען שרייבט פון פלאָצק, דעם זיבעטן טאָג שיער נישט משוגע.

— מערכה — שרייבט מען — וואָס עס איז פאַראַן „קליין־ש״ס״; שפּילן זיי אין קאָרטן!

כל-דאָס בייז קומט אַרויס פון מחלוקת.

אין זשיטאָמיר איז פאַראַן אַ דאַמען-פּאַריין, און עכטער דאַמען-פּאַריין (נישט קיין „עכטע״ דאַמען לאָזט מען נישט צו), וואָס פאַרזאָרגט די אָרעמע תּלמוד-תּורה-קינדער מיט אַ ביסל געקעכץ. מיטאָג־צייט באַקומען זיי (איך ווייס נישט אויב אַלע, אפשר נאָר די אָרעמסטע און אפשר נאָר די, וואָס האָבן נושא-חן געווען, אַליין אָדער די עלטערן זייערע, ביי די דאַמען!) צוביסלעך זופּ מיט שטיקלעך ברויט אָדער זעמל...

פלוצים איז דורכגעפלויגן אַ שוואַרצע קאַץ, און אפשר אַ קאָטער צווישן בעקער און איינער פון די עכטע דאַמען.

וועגן וואָס עס איז געגאַנגען, ווייסט מען נישט; גענוג, אַז דער בעקער האָט נישט אָפּגעטרעטן דער דאַמע, די דאַמע דעם בעקער אוודאי און אוודאי נישט, און — די דאַמע האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל אויפהערן קאָכן פאַר תּלמוד-תּורה!

און מען קאָכט נישט; די קינדער גייען אַהיים אויף מיטאָג און נישט אַלע האָבן מיטאָג אין דערהיים, מאַסן הונגערן...

— עס איז נאָר אַ נס מן השמים — שרייבט מען פון זשיטאָמיר — און טאַקע אַ נס בתּוך נס! ערשטנס, וואָס יידישע קינדער זענען אַזוי אויסגעהאַלטן און קאָנען לערנען אומגעגעסן... און צווייטנס, וואָס זיי האָבן נאָך קיין צייט נישט געהאַט צוצוגעוואוינען זיך צום עסן, וואָרום (ווייטער אַ מערכה בתּוך מערכה), ערשטנס, „אַרבעט דער גאַני־

צער דאַמען - קאָמיטעט אינגאַנצן ערשט דריי חדשים, און צווייטנס, האָט מען די „זופּן" זעלטן געקאָנט אין מויל אַריינ־נעמען...

אזוי שרייבט מען!

דער גרעסטער נס איז אפשר געשען אין קיידאַנאָוו (מינס־קער גוב.):

אין קיידאַנאָוו איז פאַראַן אַ מאַרק, וואָס פלעגט דינען פאַרן גאַנצן האַנדל פון שטאָט. וואָס מען האָט געוואָלט, האָט מען דאָרט געקויפט און פאַרקויפט: תבואה, האָלץ, פערד, בהמות, מיט איין וואָרט, א מאַרק־הכולל, אַ כל־בו־מאַרק!

עס איז אַביסל ענג געווען, און אפשר מער ווי אַביסל, נאָר דערפון זענען צופרידן געוועזן: ע ר ש ט נ ס, די באַלעבאַטים, וואָס האָבן מחיה, הייזער אַרום מאַרק און, צ ו ו יי ט נ ס, – די בייטל־שניידער, קעשענע־טאַפּער, פּראָסט יידיש גערעדט: די גנבים. פון דעם „צווייטנס" איז אָבער די פּאָליציי נישט צופרידן געווען, און זי האָט באַשלאָסן: יחלוקו — מען זאָל דעם מאַרק צעטיילן: תבואה באַזונדער, פערד באַזונדער, בהמות באַזונ־דער... דאָס צ ע ט יי ל ן און אָפּזונדערן שוועבט היינט אין דער לופט!

און אויף אַלץ האָט מען פלאַץ געפינען, אָן ויכוחים, אָן מחלוקת. איין שאלה איז נאָר געבליבן, וואו מאַכט מען דעם מאַרק פאַר בהמות?

די באַלעבאַטים פון די מאַרק־הייזער האָבן בסוד סודות איינגערוימט דער פּאָליציי, אַז דער בעסטער פלאַץ פארן קי־מאַרק וואָלט געווען דער שול־הויף, וואָס איז ג אַ נ ץ נאָענט צום אלטן מאַרק־הכולל. דער שול — האָבן זיי געזאָגט — וועט עס נישט שאָדן, די בהמות וועלן דאָך נישט אַריינגיין, און חופות שטעלט מען סיי ווי סיי ערשט פאַרנאכט, נאָכן מאַרק! און עס וועט אַלץ גוט זיין, דער קי־מאַרק וועט זיין אָפּגעזונדערט און די מחיה אין די מאַרק־הייזער וועט בלייבן מחיה!

דער פלאַן איז אָנגענומען געוואָרן, נאָר איידער מען האָט אים באַשטעטיקט, איז דער סוד אַרויס, ווי בוימאייל אויפן וואַסער. עס איז געוואָר געוואָרן דער רב מיטן רבין, עס זענען געוואָר געוואָרן באַלעבאַטים, וואָס האָבן נישט קיין הייזער אַרום מארק און אַפילו אזוינע, וואָס האָבן לחלוטין גאָר קיין הייזער נישט, און עס איז געוואָרן אַ רעש. אַ מהומה, און מען האָט אָנגעשריבן אַ פּאַפּיר: באשר בכן, עס איז ערשטנס אַ חלול הקודש, אַ קי־מארק אויף אַ שול־הויף, צווייטנס, וועט עס שאָדן דער פרומקייט: נישט איין באַלעבאָס וועט נישט קומען דאַוונען בצבור, ווייל ער וועט מורא האָבן פאר די אָקסן... א קשיא אויף א מעשה — עס קאָן זיך טרעפן אַ שור המועד, און גאַך און נאָך טעמים, און עס איז געוואָרן א מחלוקת...

מאַכט זיך נאָך אינמיטן אַ מעשה, און דער אַלטער רב פאַלט געבעך אוועק...

ער ווערט ערגער און ערגער, קהל זעט, אַז עס גייט, לא־עליכם, צו גסיסה, אַז דער מזל פון קי־מאַרק הענגט אָפּ כמעט נאָר דערפון, ווער עס וועט זיין במקום הנפטר, הויבן זיך אָן ביידע צדדים אַרומצוזען וועגן אַ נייעם רב, וואָרום הייגט־מאָרגן וועט מען אים דאַרפן...

און איין צד האָט אַרויסגעשיקט משולחים מיט אַ כתב־רבנות פאַר אזוינעם, וואָס וועט אונטערשרייבן, אַז א קי־שטאַל אויפן שול־הויף איז יאָ אַ חלול־השם, און דער צווייטער צד האָט אַרויסגעשיקט אַ כתב־הרבנות פאַר אַזוינעם, וואָס וועט אונטערשרייבן, אַז עס איז נישט קיין חלול־השם, פאַרקערט, עס וואָלט געווען אַ וכר לקרבנות...

און די רבנים פון ביידע צדדים האָבן געזאָלט קומען, קיים וועט ער אַן אויג צומאַכן, צום הספד פון אַלטן רב, און האָבן געזאָלט שוין בלייבן, און ביידע צדדים האָבן שוין אָפּגעגרייט אַלערליי כלי־זין אויף מחלוקת, ווער עס זאָל בלייבן און ווער ארויסגעטריבן ווערן, אין בלוט וואָלט געריגען, און אַ האַלבע שטאָט וואָלט חרוב ונחרב געוואָרן. — — —

— נאָר אַ נס איז געשען — שרייבט מען פון קיידאַנאָוו — וואָס דער ישיש איז פּלוצים געזונט געוואָרן און האָט זיך אויפגעהויבן כאחד האדם...
וואָס עס וועט בלייבן מיט די בהמות, ווייסט מען נאָך נישט!...

12

31־טן יולי, 1902.

נאַט אייך אַ האַנט — עס איז דאָך נאַריש, קיין תקיעת־כף וועל איך אייך נישט געבן — נאָר אזוי אַ האַנט, אז איר וועט ביי מיר גאָרנישט טרעפן, נאַט אייך!

ווען איך וועל מיך אָפּשטעלן און אַ פרעג טאָן: נו טרעפט. וואָס ווייטער וועט זיין, מיט וואָס וועט עס זיך ענדיקן? וועט איר טרעפן אָדער גאָרנישט, אָדער קאַפּויר!

איר זאָגט אפילו אַלע יאָר אין דער הגדה: „כלנו חכמים, כלנו נבונים", און עס איז אמת: סאַמע עגבויר-מוחות, סאַמע שפּיץ־ביי־עפּיל קעפּלעך — נאָר דאָס לעבן פון יידישע שטעט און שטעטלעך איז קרומער פאַר אייך!

אפילו אייערע רבנים, די מאורות הגדולים עם הקטנים, וואָס טרעפן אַלע רעטענישן, אין „הפסגה" — וועלן בלייבן מיט אָפענע מיילער.

איר וועט זען!

איך הויב אָן פון וואַרשע.

אין מנין פון א וואַרשעווער צדקה-חברה „לינת־הצדק איז געווען אַ הייסער וכוח...

נאָר כאַפּט נישט, מען מוז דערציילן כסדר.

„לינת הצדק" אין וואַרשע איז אַ שטילע, כמעט באַהאַלטענע חברה, פונדעסטוועגן האָט זי איר אייגענעם מנין, און דער מנין האָט אַן אייגענעם מגיד.

דאָס אַלץ איז נאָך קיין עולה נישט. אפילו נישט דאָס, וואָס

דער מגיד איז אַן אַנטי-ציוניסט; עס שאַדט נישט קיינעם, אפילו דעם מגיד נישט, צו דער פרנסה אוודאי נישט!

אפילו דעם גרויסן צדיק, וואָס פירט די גאַנצע שווערע מחנה פון רבנים אויף מלחמה קעגן ציוניזם, ווייל ער וויל ברענגען משיחן פאַר דער צייט און נישט אויף אַן אייזל, האָט עס אויך נישט געשאַדט?

נישט אים, נישט זיינע קינדער

דאָס, וואָס אַ געוויסע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט האָט ביי די בני-הצדק צוגענומען די אַגענטור און מכריז און מודיע געווען אין אַלע צייטונגען, אַז מען זאָל זיי על חשבון החברה מער קיין געלט נישט איינצאָלן, איז געווען ווי אַלע ווייסן, מחמת טעותים אין חשבונות, נישט, חלילה, פאַר אַנטי-ציוניזם; דאָס איז נאָך אַלץ געווען איידער אַ רבנישער האָן האָט געקרייט!

א שטיקל חלול-השם איז עס געווען, אָבער נישט, חלילה, וועגן אַנטי-ציוניזם!

הכלל — דער מגיד פון לינת־הצדק־קלויז איז אַן אַנטי־ציוניסט און עס האָט אים, חלילה, נישט געשאָדט, נאָר פאַרקערט. דאָס איז אין וואַרשעווער לינת־הצדק אַ מעלה; וואָרים אין וואַרשעווער לינת־הצדק, אויסער עטלעכע יונגע ייִנגלעך, וואָס זענען אַלע צוזאַמען אפשר קוים אַזוי אַלט, ווי דער מגיד, וויל קיינער פון ציוניזם נישט וויסן.

און אָט טאַקע צווישן די ייִנגלעך מיטן מגיד איז געוואָרן אַ ויכוח. פאַרשטייט זיך — וועגן ציוניזם...

אָנגעהויבן האָט דער מגיד: ער האָט אַ הייסע דרשה געהאַלטן קעגן ציוניזם און אפילו אַ פיין משל געזאָגט.

— משל למה הדבר דומה — האָט ער געזאָגט — אַ ייד דאַרף פאָרן, למשל -- צום ביישפּיל — קיין האָציפּלאָץ...

נאָך וואָס פאָרט אַ ייד קיין האָציפּלאָץ? אַ דאגה נאָך וואָס אַ ייד דאַרף פאָרן קיין האָציפּלאָץ!

ער האָט אַ ירושה אָפּצונעמען — תרפ״ט אלפים אַ ירושה!

ער האָט גאַר אַ מעקלעריי אין האָציפּלאָץ, ער קאָן נתעשר ווערן!

און אפשר איז ער גאָר א געבירטיקער פון האָציפּלאָץ, האָט אין קורצן יאָרצייט און איילט זיך קיין האָציפּלאָץ אויף קבר-אבות!

— הכלל — ער דאַרף, ער מוז פאָרן קיין האָציפּלאָץ! עס ציט אים ווי מיט צוואַנגען קיין האָציפּלאָץ!

נו, וואָס טוט א ייד, אַז ער דאַרף, אז ער מוז פאָרן קיין האָציפּלאָץ?

ער טוט, וואָס אַלע גלייכע מענטשן טוען:

קיין האָציפּלאָץ גייט אַ באַן, — גייט אונזער יידל אין קאַסע אריין און קויפט זיך אַ בילעט קיין האָציפּלאָץ...

פון די, וואָס פירן אָן בילעטן, רעדט מען נישט; אָטו בשופטנא עסקינן!

הכלל, ער האָט שוין אַ בילעט, וואָס טוט ער נאָך?

גאָרנישט! ער דערזעט אַ באַנק, זעצט ער זיך אַנידער און וואַרט.

— סטייטס, ווי זיצט עס אַ ייד מיט פארלעגטע הענט און וואַרט?

— איך וואַרט — ענטפערט דער ייד — אויפן צוג.

קומען וועט ער דער צוג! יעדע מינוט קאָן ער קומען, נאָר נישט מיט אַמאָל קומט ער: פריער וועט מען בלאָזן, דערנאָך וועט ערשט גיין אַ רויך... דערנאָך ערשט — וועט ער קומען!

דערווייל זאָגט אונזער יידל תהלים, צי ער דאַווענט, אפשר קוקט ער גאָר אין חוקל אריין... אַז עס וועט זיך הערן פייפן, וועט ער צוזאַמענבינדן דאָס פעקל; אַז ער וועט דערזען דעם רויך, וועט ער אויפשטיין, און אַז דער צוג וועט פאַרפאָרן, „מובטח אני" — זאָגט דער מגיד — אַז ער וועט אַריינשפרינגען אין וואַגאָן!

— אַזוי — זינגט ווייטער דער מגיד — טוען פשוטע, ערלעכע יידן; יידן מיט אמונה, מיט ישוב הדעת...

— און עס זעגען — איז ער מבטיח בנאמנות — קיין קאַלטע און חס-ושלום, קיין פוילע יידן נישט.

עס ציט זיי קיין האָציפּלאָץ, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען ציט זיי! אַ שפּאַס — קבר אבות, אַ ירושה פון תרפ״ס, צי גאָר אַן עסקל — אַ מעקלעריי נתעשר צו ווערן!

נאָר לויפן אַ ק ע ג ן דער באַן, ווייסן זיי. טאָר מען ניעט!

— ווי איז אָבער — פרעגט דער מגיד — דער דין, אַז אַ יידל, וואָס וויל פאָרן קיין האָציפּלאָץ, ווערט נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט — משוגע?! האַ?

אַז דער משוגענער ייד כאַפּט זיך פּלוצים ארויף, און לויפט, נישט אָפּוואַרטנדיק אויף דער רעכטער צייט, אויף „עת להנגה״ — אַ ק ע ג ן דער באַן?

דער מגיד האַלט איין אַ ווײַלע און שיסט אויס מיט אַמאָל:

— געהרגעט ווערט ער. דאָס יידל!

— עס איז אַפילו אַ שאָד — זאָגט ער שוין מיט אַ ווייכן קול — עס איז אפילו אַ שאָד א נפש מישראל — אַן אות פון דער תורה הקדושה — גאָר געהרגעט מ ו ז ער ווערן!

איך ווייס נישט, צי איך האָב אייך ריכטיק איבערגעגעבן דעם מגידס רייד. עס פעלט מיר זיין לשון, נאָך מער — עס פעלט מיר זיין נגון, זיין האַרצעדיקער, זינגענדיק-וויינענדיקער נגון, וואָס ציט זיך און גיסט זיך אין א יידיש האַרץ אַריין, ווי אַ „שמן זית זך״ — ווי אַן אמת כשרער בוימאייל...

סיי-ווי-סיי אָבער דער נמשל שווימט אַ ל יי ן ארויס:

וואָס איז ארץ-ישראל? פרנסה מיטן פולן מויל — זעמל ווען וואקסן אויף די בוימער, אפשר אַ מעקלעריי: אַמאָל איז עס געווען צווישן מצרים און בבל, היינט וועט דאָס געשעפט ב ר יי ט ע ר און ג ר ע ס ע ר זיין: אַ פאַקטאָריי צווישן אזיע און אייראָפּע! און אַ חוץ דעם — קבר אבות! דאָס איז אפשר נאָר דער עיקר! און אַ באַן: ג יי ט. דער צוג מ ו ז קומען!..

און דער בילעט צו פאָרן, ופון פאָרן אָן בילעטן, פון גלגול מחילות אַ ו נ ט ע ר די בענק, רעדט מען נישט! דעם בי-לט דעם זכות אויף דער גאולה — קויפט מען אין גלאָוונע-

קאַסע ביים רבונו של עולם פאַר באַרע תורה, מצוות און מעשים טובים, אָדער אין דער הילפס־קאַסע, אין דער פיליע ביים רבין פאַר פדיונות...

נאָר אַפילו מען האָט שוין דעם בילעט, מוז מען נאָך אַלץ וואַרטן!

פריער „וועט מען בלאָזן", דאָס איז שופר של משיח;

דערנאָך „וועט זיין אַ רויך!" באַ, מער ווי אַ רויך — עס וועט זיין דם ואש ותמרות עשן, — א קל־וחומר פון מצרים!

אָבער די „ציוניסטן", וואָס לויפן אַ קעגן דעם צוג — וועלן געהרגעט ווערן...

אַזוי האָט דער מגיד געזאָגט, ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויפן עולם מיט נצחון, האָט שוין געוואָלט ענדיקן מיט „ובא לציון גואל" און שבת איז געווען, און די לינת־הצדק־לייט וואָלטן רוהיק אַהיימגעגאַנגען שלאָפן און וואָלטן איינגעדריקט דאָס רעכטע אויער אין קישן אריין צו הערן אין שלאָף, אויב מען בלאָזט נאָך נישט... איז אָבער, ווי להכעיס, אַרויסגעשפרונגען איינער, פון יונגע צווישן יונגע, אַ צעיר שבצעירים אויף דער בימה, און האָט א געשריי געטאָן:

— רבותים!

— רבותים, ער האָט א טעות, דער מגיד:

און ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ נעגל פון די פיס, און דאָס יונגע קולכל האָט געקלונגען, ווי אַ ניי־זילבערן גלעקל: ער האָט א טעות, דער מגיד!

דאָס ניי־זילבערנע גלעקל האָט אַן אַנדער נוסח פון דעם אייגענעם משל!

— קיין האָציפּלאָץ, — זאָגט ער — גייט טאַקע א באַן — אָבער אונזער יידעלע זיצט נישט אויף דער סטאַציע!

און ווער סטאַציע, ווען סטאַציע?

„די סטאַציע ווילן מיר ערשט בויען!

דאָס יידעלע זיצט אין אַ וויסטן מדבר, אונטער די הרי־חשך זיצט ער! צווישן נחשים ועקרבים און פּיפּערנאָטערס זיצט ער! עס חלומט זיך אים נאָר די באַן; אַן אַלטער חלום, פון

װעלכן ער האָט דעם פּתרון פאַרגעסן; און ער לייגט זיך נאָך שלאָפן, ער לייענט קריאת־שמע, קלאַפּט זיך אין האַרץ אריין „על חטא״! און קוים װעלן זיך אים די אויגן צומאכן, װעלן קומען די „װילקאָלאַקיס״, די חיות רעות, די הונגעריקע װעלף און װעלן אים בייסן, און ער װעט אפילו נישט פילן! ער װעט זען מיראזשן (א ליטװאַקל, געבעך!), חלומות... און אזוי װייטער, און אַזוי װייטער...

און מיר — האָט ער געענדיקט — שרייען טאקע: לויפט צו דער סטאַציע וחיו! איר װעט נישט געהרגעט װערן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צװישן דעם מגיד מיט די ייִנגלעך יויל איך מיך נישט אריינמישן; װעלכער נוסח עס איז דער ריכטיקער, איז נישט מיין זאַך צו זאָגן. װען פ ר ײ ע אָרט און צ ײ ט, װאָלט איך אפשר פאַר אייך אַ ד ר י ט ן נוסח, און אפשר גאָר א נײַ משל געהאַט; אַ נישט, װאָלט איך אייך גאָר אַ לידל געזונגען, איך האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געזונגען! נישט אין דעם אָבער גייט עס...

עס גייט אין דעם, אַז אין לינת־הצדק איז געװאָרן אַ ויכוח. אַ הייסער ברענענדיקער ויכוח! די לינת־הצדק־לייט זענען אויפ־געריכט געװאָרן, דער שינה-בשבת־תענוג איז דעם שבת בטל ומבוטל געװאָרן, — און אפשר אויף װייטערע שבתים אויך... דאָס אייגנטלעך, שאַדט נישט — מען האָט אפילו אַן אסיפה גע־מאַכט, און דערנאָך נאָך אַן אסיפה, און נאָך אַן אסיפה...

פּרובט אָבער און טרעפט — װאָס פון די אסיפות איז געבליבן!

— עס איז געבליבן, ברידערלעך, עס איז געבליבן, יידעלעך, אַז פון היינט אָן זאָל לינת־הצדק קיין קראַנקע אָרעמע ציוניסטן — מעג זיין װ י קראַנק און װ י אָרעם, — קיין לינה נישט שיקן! מען האָט זיך נוקם געװען אָן קראַנקע!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז מען רעדט פון אַ ברונעם, דערמאָנט מען זיך אָן עמער, װאָס שעפּט פון ברונעם; און אַז מען רעדט פון קראַנקע, קומט אויף די געדאַנקען דער רופא, װאָס ציט פון דעם חיונה!

שטעלט אייך פאָר א רופא. —

און איר שטעלט אייך פאָר — אַ „טוב שברופאים לגיהנום״—

און, אויב איר האָט אייך אַמאָל ביי אַ רופא אַ צאָן געריסן, דערמאנט איר אייך אָן אַ רויטע ברודיקע פאַטשיילע, מיט וועלכער מען האָט אייך, צום דערשטיקט ווערן, דאָס מויל פאַרשטאָפּט; דעם גרויסן אייזערנעם שליסל, א שטאָל צו עפענען, מיט וועלכן מען האט אייך אָפּערירט, און עס שרייט אין אייך: טוב שברופאים לגיהנום!

און איר דערמאָנט אייך נאָך אפשר אַן אָרעם קראַנקן־בעט...

אַלע צוויי און פערציק אַלטע ווייבער, אַלטע קרובות און אַזוי גבאיטעס, האָבן מיט אַלערליי סגולות נישט געהאָלפן, צען מלמדים האבן אָפּגעשפּראָכן עין־הרעס — און די קרענק רירט זיך נישט פון אָרט... מען האָט געבראַכט פון „אים, זאָל לעבן״ קמיעות — די זינד לאָזן די תּפילות נישט צו, לייגן זיך אויף דער קמיע... און דער רופא שטייט שוין ביים בעט...

וואָס נעמט ער אינגאַנצן, דער רופא? אַ צענערל! נאָר ער קומט דריי פיר מאָל אין טאָג... ער שמירט, רייבט, קלאפּט אריין עטלעכע באַנקעס, שטעלט אַוועק עטלעכע פּיאַווקעס, אַ שפּאַניש פליגעלע... א בענקל איז אַרויס פון שטוב, דערנאָך אַ טיש, דערנאָך מלבושים, דערנאָך דאָס קישן פון אונטערן קאָפּ — דערנאָך ערשט, זאָגט ער, דער רופא: רופט אַ דאָקטאָר!

„טוב שברופאים לגיהנום!״ קלאַפּט אייך אין די שלייפן

איר דערמאָנט אייך נאָך אין גרויסשטאָטישע רופאים פּאַקטוירים, רופאים, וואָס לאָקערן ביי גאַסטהייזער אויף אָרעמע און נאַרישע פּראָווינץ־קראַנקע. ווי די פּאַסקע־שפּילער, בייטל־אונטערוואַרפּער... ווי די וועלף אויף פאַרלוירענע שאָף! אָן די שותּפים של עמלק — פון שווינדלער, שאַרלאַטאַנעס. דאָקטוירים, וואָס טיילן צווישן זיך און די רופאים דעם אָרעמען קראַנקנס פעל... די יד־אחת־לייט מיט פאַלשע קונצנמאַכער־פּראָפעסאָרן, וואָס מאַכן די קרענק אַוועק מיט דער ל י נ ק ע ר האַנט, בשעת ווען די ר ע כ ט ע גראַבלט אויס דעם לעצטן גראָשן פון אונטערן

קראַנקנס קישן... און אין יעדן טראָפּן בלוט רופט אין אייך: טוב שברופאים לגיהנום!

און אפשר האָט איר קרובים, באַפרייטע פון מיליטער — אויפן בית־עולם? אפשר ליגן אייך זייערע אלמנות און יתומים אויפן האַלז? וואָס האָט ער דען געטאָן? עטלעכע טראָפּן אין אויג צי אין אויער אַריין, עפּעס ערגעץ אַ ביינדל איבערגעבראָכן... אפשר קאָנט איר רופאישע הייזער פאַר געמאַכטע קרענק און פעלער — — — אפשר האָט איר נאָך אַ קרובה, וואָס דער רופא האט זי באַפרייט פון צער־גדול־בנים מיטן לעבן צוזאַמען?

און איר קריצט מיט די ציין: טוב שברופאים לגיהנום...

און איר פרייט אייך שוין מיט דער הייסער סמאָלע באָד, וואָס איך וועל מאַכן אַ רופא...

איר האָט אָבער נישט געטראָפן...

איך האָב אַ רופא אין גן־עדן! נישט באַלד, חס ושלום; איבער הונדערט און צוואנציק יאָר, מיין איך!

געוואוינט האָט דער רופא אין גערשאנאוקע (פּאָדאָליער גוב.), אין דער קאָלאָניע גערשאנאווקע. וואָס ליגט אין דערמיט צווישן צוויי באַן־סטאַציעס וואָראָנאָווקע און קאלבאסנע, צו פינף וויארסט פון יעדערער.

אפשר פאָרט איר מיט יענער באַן, כאַפּט אייך אַהין אָדער צוריקצו־וועגס אַראָפּ קיין גערשאנאָווקע: איר וועט, איך בין אייך ערב, קיין חרטה נישט האָבן. איר וועט זען אַ גן-עדן. הייזער באָדן זיך אין גרינס – סאַמע גאָרטן. טאָמער פאָרט איר ערשט אַ פּאָר יאָר שפּעטער. וועט איר שוין זען אַ גאנצן פאַרק!

און אין דעם פאַרק. אין גערשאַנאָווקער גן־עדן האָט דאָך ערשט נישט לאַנג זיך אַריינגעכאַפּט דער הונגער... אין 1900-1— ווען בעסאראַביען האָט נעהונגערט...

פאר בעסאַראַביען האָט זיך געמאַכט אין קעשענעוו א קאָ־מיטעט, וואָס האָט געזאַמלט נדבות ביי דער גאַנצער יידישער וועלט, און ווי עס איז נעהאָלפן. גערשאנאווקע ליגט אָבער אין פּאָדאָליער גובערניע! קריסטלעכע קאָלאָניסטן האָבן ווי עס איז הילף באַקומען פון דער דומע, יידישע קאָלאָניסטן האָבן פון ער־

געץ קיין היקף נישט געהאַט...

די שפּייכלער זענען געשטאַנען פּוסט, ריין ווי אַן אויסגע־לעקטער טעלער, שטיבער זענען געשטאנען טויב־שטום און פאר־וויסט, מענטשן האָבן זיך געבויגן, ווי דאַרע פּארשוואַרצטע שאָ־טנס... נאָכן הונגער גייט טיפוס פאַר הונגער...

און דאָ האָט זיך באַוויזן דער רופא...

— און האָט געהיילט, ממש מחיה-מתים געווען?...

ווייטער נישט געטראָפן, ער האָט זיך נאָר אויפגע־הויבן און איז אַוועק קיין קיעשנעווע, צום קיעשענעווער קאָמיטעט, און אַזוי לאַנג גערעדט און גערעדט, און אַזוי פיל רחמים געבעטן פאר די גערשאנאוקער קאָלאָניסטן און געוויינט, ביז — — —

— ביז מען האָט געמאַכט א נייעם קאָמיטעט פאַר גערשא־נאָווקע...

— ניין, דאָס וואָלט צו לאַנג געדויערט, עס מוז אָנשלאָגן אין פּעטערבורג. ער האָט ביי זיי געפּועלט, זיי זאָלן געדענקען, אַז דאָס געלט איז פון כל ישראל, פון גאַנץ תפוצות ישראל, און די נאָענטע גערשאנאווקע איז נישט שולדיק, אַז די פּאָליציי האָט זי פאררעכנט צו פּאָדאָליען... אַז הונגער איז הונגער אין בעסאַ־ראביען, ווי אין פּאָדאָליען...

און דער קאָמיטעט האָט נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז א קאָמיטעט פאַרן הונגער אין בעסאַראַביען און האָט דורכן רופא געשיקט הלוואות פאר די יידישע קאָלאָניסטן אין פּאָדאָליען!

און דער רופא איז אַהיימגעקומען מיט געלט, און די קאָ־לאָניכטן האָבן אים אויסגעקליבן, ער זאָל צעטיילן דאָס געלט, לויט הונגער, לויט נפשות אין דער פאמיליע...

און דער רופא האָט עס געטאָן!

— אומזיסט?

— גאָר אינגאַנצן אומזיסט. אפשר האָט ער אין האַרץ, ווי לינת־הצדק־לייט גערעכנט אויף עולם־הבא, עס קאָ זיין; „אַ יידי־שע קישקע קאָן מען נישט שאַצן״, טאקע א רופא, נאָר דאָס פּינטעלע ייד, פּאָרט אַ נשמה פון באַרג סיני, נאָר דאָ אויף דער וועלט האָט ער גאָרנישט גענומען.

– און דאָס האָט ווירקלעך א רופא, אַ פּראָסטער רופא געטאָן?

– געוויס... נאָר טאָמער קאָנט איר טרעפן, וואָס די קאָ־לאָניסטן האָבן געטאָן...

– נאָכן הונגער אַ פיינע מתנה געשענקט?

– ניין!

– אויף זיין נאָמען אַ קרן־קימת געמאַכט?

– ניין!

— אַן אַדרעס געשריבן און געשיקט מיט גאָלדענע אותיות אויף פיין פּאַפּיר?

– ניין!

– געשענקט אים אַן אָרט אין שול ביי דער מזרח־וואַנט? אויף אייביק אַוועקגעגעבן אתה־הראית, חתן תורה צי פּתיחה, נעילה?

– ניין!

– אויפגעהאָנגען, ווייל א רופא איז אַ דייטש, זיין פּאָר־טרעט אין „שקאָלע״?

– אויך נישט!

– וואָס דען צי אל־די־שוואַרצע יאָר?

– בייזערט אייך נישט און רעדט נישט קיין נבול־פּה... איך האָב אייך פריער געזאָגט, אַז איר וועט ביי מיר גאָרנישט טרעפן...

— הערט, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן געטאָן! אייגנטלעך נישט אַלע, נאָר די, וואָס האָבן ווייניקער הלוואות באַקומען, ווי זיי האָבן געוואָלט. זיי האָבן דעם רופא גצמסרט...

– טעותים אין חשבונות?

– דאָס איז געווען ביי די בני־הצדיק, נישט ביים רופא!

– אַז ער האָט נישט ע ר ל ע ך געטיילט, נושא־פּנים געווען...

– חס־ושלום!

– וואָס דען?

– מען האָט אים געמסרט, הערט, יידן – מען האָט אים

געמסרט, אז ער פאַרקויפט שטילערהייט ארצניי־מיטל! און דאָס טאָר מען נישט...

— און דאָס האָט ער כאָטש געטאָן!

— אָפּנים — אויך נישט! דאָס געריכט, ווייניקסטנס, האָט אים אינגאנצן באַפרייט...

זעט איר, נישט געטראָפן!

און איך האָב נאָך, און — סחורה, ווי גאָלד!

וואָרים, אַז איך רעד פון רופאים, דערמאָן איך מיך אָן זייערע שותפים...

אָן מאנכע „באַרימטע" דאָקטוירים — איר קענט זיי אפשר די גאָכגעמאַכטע פּראָפעסאָרן, אויפגעבלאָזענע ספּעציאַליסטן, מיט די שוואַרצע רעק און גלאַנצנדיקע צילינדער מיט ווייסע האַנטשוּ און קראַוואַטן אין מיטן דער וואָך...

און אַז איך דערמאָן מיך אָן די יד־אחת־לייט מיט די רופאים, וואָס שטייען העכער און טויזנט מאָל נידעריקער פאַר די רופאים, דערמאָן איך מיך אָן מלאך־המות, ביי וועלכן זיי שטייען אין דינסט, אָן די בית־עלמינס, וואָס זיי פלאַנצן!

און פּלוצים — אין מיטן רוישנדיקן זידנדיקן בית־עלמין לייגט זיך מיר אויס א בית־הקברות!

שאַ, שטיל!

דאָ און דאָרט אַ גרין ציטעריק בוימל — — —

ווייסע שטיינער, סאמע ווייסע שטיינער, אַ חוץ עטלעכע אַלטע, מיט מאָך־באַוואָקסענע, האלב, דריי־פערטל און גאַנץ איינגעזונקענע.

שאַ — צדיקים שלאָפן, מורינו, מורה־מורינוס און מורה־מורה־מורינוס...

סאַמע צדיקים, סאַמע נדיבים, — תורה, חכמה וגדולה במקום אחר — אין דער ערד!

טייערע מענער, טייערע ווייבער, בריליאַנטענע קינדער!

ווייסע נשמות, ווי די ווייסע שטיינער, גאָלדענע הערצער, ווי די גאָלדענע אותיות, און טיפע, טיפע נשמות, ווי די איינגעזונקענע מצבות...

שטיל, לאָזט זיי שלאָפן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר טאָמער ווייסט איר, ווען אין טאָלאָטשין, למשל, אין טאָלאָטשין, מינסקער גובערניע, ווער עס גייט דאָרט אַממערסט אויף קבר-אבות?

— טאָלאָטשין — זאָגט איר — איז באַרימט מיט איר טי־פער בלאָטע, מען קאָן, אויסער אין די גרויסע פרעסט ווינטער, אָדער תמוז אין די גרויסע היצן אין שיינעם העלן טאָג אינמיטן גאַס דערטרונקען ווערן...

מן-הסתם — שטויסט איר אייך דעריבער — גייען אויף קבר-אבות נאָר די נאָענסטע שכנים...

נישט געטראָפן! אַז מען האַלט ביי קבר־אבות, איז בלאָטע — בלאָטע! א פוס אַרויס, אַ פוס אַריין און מען שפרייזט! הלמאי, אַז מען זעט פון דערווייטנס אַ בליץ פון אַ קופּערנער קאָפּיקע?!

— כלי־קודש אין לאַנגע שטיוול —

— אויך נישט; די גייען באָרוועס!

— אַהאַ! דער גבאי!

איר האָט געהערט, אַז אין טאָלאָטשין איז פאַראַן אַ באַ־רימטער גבאי, א צוויי איילנדיק יידעלע מיט אַ שפאַן און אַ פּאָר גרויסע שפּאַקולן...

אָבער גאָר לא, און דווקא מיט א ספאָדעק!

דער גבאי, פאַרשטייט איר מיך, האָלט אַן אַפּטייק; אַ קליין יידעלע און אַ גרויסע אַפּטייק! אויפן ווייבס נאָמען האַלט ער זי, די אַפּטייק... גויש לייענען אָבער קאָן ער נישט. נישט ער, נישט זגתו הצנועה... טרעפן זיך אוודאי טעותים... נישט אין השבונות חלילה, מישט מיר ווייטער נישט אַריין די בני־הצדיק שיחיו, נאָר אין די רעצעפּטן...

און דער גבאי ציטערט פאַרן בית־עולם... וואו דער פעפער וואַקסט אַנטלויפט ער פאַרן בית-הקברות...

וואָרום, וואָס טוט אַזאַ קליין יידעלע פון צוויי איילן און צוויי שפאַן מיט אַ פּאָר גרויסע שפּאַקולן, אַז אַ מצבה גיט זיך ראַפּטום אַ רוק אַוועק און פון דער הייליקער ערד ברעכט אַרויס

און באַווייזט זיך אַ ביינעריקער גולם מיט אויסגעהוילטע אויגן און פון אַן אויסגעפוילטן לאָך, במקום אַ מויל, שרייט פּלוצים אַרויס: רוצח!

גיין, דער גבאי גייט נישט אויף קבר־אבות...

— הכלל, ווער דען? אַזוי פרומע יידענעס, גבאיטעס, קברים־מעסטערינס, ליכטלעך־ציערינס, אל־מלא־רחמים מאַכערינס, שול־און ארון־קודש איינרייסערינס...

— ניין, ברידערלעך! הוא אשר דברתי — איר וועט היינט ביי מיר גאָרנישט טרעפן!

חזירים, ברידערלעך, גייען אויף קבר־אבות, בהמות, יידעלעך, גייען...

אָן אַ־צוים איז דער טאָלטשינער בית־עלמין, אָן אַ צוים!

און אפשר וועט איר כאָטש טרעפן, פאַרוואָס קראַנקע עסן אין ראַדאָמישל פון אַ געוויסער צייט קיין הינער־פלייש נישט?

איך רעד נישט פון אָרעמע קראַנקע, די האָבן אויף קיין הינער נישט. דאָס זענען דעם בעל־טקסעס פאַראָבקעס און מוזן יוצא זיין מיט ביינער פון רינד־פלייש,—איך מיין רייכע חולאים!

עס פעלן קיין הינער נישט, קיין שוחטים, בפרט עופות־שוחטים אוודאי נישט!

נאָר ווייסט איר, וואָס עס פעלט?

עס פעלט אַן אָרט, וואו עופות צו קוילן!

ביים אויסקלויבן אַן אָרט, וואו עופות צו קוילן, האָט אַ דעה צו זאָגן דער בעל־טאַקסע, יאָגט ער זיך נישט מיטן אויס־קלייבן! זאָלן זיי דערווייל רינד־פלייש־ביינער לעקן!

און ווייסט איר, פאַרוואָס אָדעס שטייט אָן אַ רב?

מען קאָן קיין קלפי נישט מאַכן...

עס פעלט נישט, חס־ושלום, קיין ווייבער... א דעה צו זאָגן, ווען אפילו נאָר אויף אַ רב איז אַשטיקל נחת; אַמאָל לעקט מען נאָך אַ ביין, אַביסל משקה כאַפּט מען אוודאי... רבנים מיט אַפּעטיט אויף אָדעס פעלט אוודאי נישט...

וואָס דען?
דער דומע פעלט אַן אָרט, וו א ו די קלפּי צו מאַכן!

און אפשר וועט איר טרעפן, וו א ו די כשרסטע יידישע פּאַבריק איז?

אין פּוילישן ראַדזימין איז זי!

— ווער האָט זי פאַרלייגט?

דער רבי, זאָל לעבן און געזונט זיין, אליין!

— וואָס ארבעט אויס די פאַבריק?

בייטעלעך אַרבעט זי אויס; בייטעלעך צו קמיעות... מען רעכנט נאָך איבערצוגיין אויף בייטעלעך צו ארץ-ישראל-ערד...

— ווער אַרבעט אין פאַבריק?

משגועים ארבעטן, משוגעים, וואָס קומען זיך צום רבין קורירן!

און צולעצט נאָך איינס, נאָך אַ קליינע רעטעניש! אייגנטלעך נאָר אַ פּירוש אויף א לשון-קודש וואָרט!

דער נייער, צוויי און צוואנציק יאָריקער טריסקער רבֿ, ר' יעקב לייבעלע, זיין זכות זאָל אונז ביישטיין, פאָרט אַרום אויף דער וועלט, דערווייל אין לובלינער גובערניע.

געקומען קיין סווערש — געכאַפּט אַ פּופּציקער!

אַריבערגעכאַפּט זיך קיין רודאַ-אָפּאָלין, נישט ווייט פון סווערש — איינגעשלונגען אַ פינף און צוואנציקער!

וואו ער איז פריער געווען, וואו ער וועט שפּעטער זיין, וועט אַמאָל די היסטאָריע פאַרציילן...

נאָר ביים געזעגענען אין רודאַ-אָפּאָלין האָבן די חסידים געבעטן דעם רבין אַ נדבה פאַר נ ש ר פ י ם.

און ער האָט געגעבן... גאַנצע דרייסיג קאָפּיקעס!

אַ ברייט האַרץ האָט ר' יעקב לייבעלע!

נאָר טאָמער טרעפט איר, וועלכע נשרפים מען האָט געמיינט?

איר טרעפט: באָברויסק, דזשיאַלאָוויטש... איר רעכנט אויס

גאַנצן אלף־בית פון נשרפים־שטעט און — איר האָט נישט געטראָפן

פאַרשטאָפּטע מוחות זייט איר! מתנגדים זייט איר, אפשר גאָר ציוניסטן!

ביי אייך איז פּרעה — פּרעה, חמץ — חמץ, זמרי־בן־סלוא — זמרי־בן־סלוא?

ביי אונז חסידים איז פּרעה דער יצר־הרע, חמץ — די קליפּה, זמרי־בן־סלוא אַ צדיק בן צדיק! און נשרפים זענען — ברענענדיקע חסידים מיט טרוקענע העלזער, וואָס לעכצן נאָך תּקון! נאָך אַביסעלע י״ש!

פאַר זיי האָט ר׳ יעקב לייבעלע איבערגעלאָזט דרייסיק קאָפּיקעס.

אַ ברייט האַרץ האָט ער ר׳ יעקב לייבעלע

זיין זכות זאָל אונז ביישטיין אין דער מדבר, אונטער די הרי־חושך. צווישן פּיפּערנאָטערס און חיות־רעות מיט די „מיראַזשן" מיט די ווילקאָלאַקעס און חיות רעות!

13

7־טן אויגוסט, 1902

פאַריקע וואָך האָב איך אייך דערמאָנט אָן „טוב שברופאים לגיהנום״, נאָר געמיינט האָב איך פּראָסטע רופאים, און נישט אַזוי ווייט דערפאַר, וואָס זיי היילן קראַנקע און מייכן קרענק, נאָר איבערן „עיקר שכחתי״ — ווייל זיי גאָלן, כאָטש איך האָב עס נישט דערמאָנט, יידישע בערד, און ווערן אויף אַזאַ אופן שותּפים אין די פינף לאוין, וואָס דער בעל־עברהניק איז עובר...

און קיין איינציקער „גאַל־ישראלניק״ וועט זיך נישט פּטרן אין יום־הדין דערמיט, וואָס ער איז מצער די בעל־עברהניקעס מיט ברודיקע שטיבער, אומריינע האַנטיכער, שטינקענדיקן זייף און נישט גוט געשאַרפטע מעסער; און מען וועט אויף אים נישט מלמד־זכות זיין דערפאַר, וואָס ער שניידט די בערד מיט די „וואַנסער־לעך״ מיט דער הויט צוזאַמען — וואָרום דערמיט טוט ער נאָך ערגער: דורך אים קומט אָפּ דער בעל־עברה, — אויב ער אַנט־לויפט נישט צו אַ ראַזירער אַ גוי, — אויף ד ע ר וועלט, און דאַרפן דאַרף ער אָפּקומען אויף י ע נ ע ר וועלט!

כיי־וויי־סיי קיין דאָקטוירים האָב איך דערמיט נישט געמיינט...

אמת, מייל דאָקטוירים זענען נישט בעסער פאַר די רופאים, זיי זענען אָבער ג ר ע ס ע ר... וואָס גרעסער דער בוים, גרעסער איז זיין שאָטן; וואָס גרעסער דער מענטש, גרעסער איז דער יצר־הרע. עס איז, דאַכט זיך, נאָר א גמרא, עס איז אָבער פאַרט אמת. אַ דאָקטאָר קריגט צוזאַמען מ טן דיפּלאָם אַ גרעסערן זכות אויף עולם־הזה. ער מוז האָבן אַ שיינע דירה, ער קאָן נישט גייען אויפן „היי־בוידעם״ אין טעאַטער, ער קאָן נישט פאָרן אויף

דער באַן אין דער דריטער קלאַס, צי מיטן טראַמוויי פאַר פינף קאָפּיקעס... ער מוז דעריבער „פאַרשרייבן", נאָך איידער ער ווייסט די קרענק, ער מוז באַווייזן קונצן און פאַרטרייבן די היץ, כאָטש זי איז אַמאָל אַ רפואה — ער מוז... און „אונס רחמנה פטריה!"

און דעריבער טאַקע האַלטן אַ סך רביים מיט דאָקטוירים.

דער פראַגער צדיק, למשל, ווייסט נישט מער ווי נאָר קריזשע! צי ער איז „בגלופין", צי מיט אַ טרוקענעם האַלז, צי עס איז „שואל בעצה" אַ מענטש מיט אַ קראַנקן פוס, צי מיט אַ מאָגן צי מיט אַ קאָפּ, איין דאָקטאָר איז פאַראַן: קריזשע...

קריזשע איז אפילו נישט מזרע אברהם, יצחק ויעקב, אָבער פון די חסידי-אמות-העולם איז ער; יידישע קראַנקע האָט ער ליב, ווי דאָס לעבן... ער איז זייער שטאַרק מקרב!

אַנדערע - דער גראַדיסקער, דער אַפּטער, דער אָטוואָצקער וכו' וכו' — מי מנה עפר יעקב? — שיקן שוין צו יידישע דאָק־טוירים, אָדער שיקן בכלל נישט!

וואָרום נישט אַלע שיקן — נישט אַלע האַלטן פון דאָק־טוירים!

די דאָקטוירים האָבן טייל מורא — ווילן צו פיל וויסן, גראַבלען צו פיל אינעווייניק!

איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה שהיה — מיינער אַ באַ־קאַנטער ייד געווען.

און אַ ייד אַ מוצלח; נישט קיין עושר, נאָר אַ בעל-פּרנסה. אַ גרויסער בעל-בטחון דערצו.

און ער האָט שיין געלעבט, יידישלעך געלעבט, ווי געזאָגט— מיט בטחון... דאָס הייסט: מיט קיין עין-הרע, אַ ווייב, מיט קיין עין-הרע, קינדערלעך, מיט קינדס-קינדערלעך!

די קינדער געשיקט אין חדרים, די איידעמעס גענומען צו זיך אויף קעסט און געשיקט אין די חדרים אַריין די אייניקלעך.

עס איז אַ מחיה געווען צו קוקן, ווי אַלץ האָט געהאָנגען אויף איין ייד: ווי איין ייד האָט מיט זיינע צען פינגער און שאַרפן שפּיץ-ביי-שפּיץ קעפּעלע געשפּייזט, קיין עין-הרע, אַן עולם! שבת ויום-טוב — אַלע ביי איין טיש, סוכות — אין איין סוכה, —

הושענא רבה פלעגט מען אויסארבעטן אַ שיין ביסל מעל אויף קרעפּלעך! אמת יידישער נחת!

פלוצלינג איז דער ייד אַרויס פון „קוי־הבריאה".

ער האָט דעם אַפּעטיט פאַרלוירן — מען האָט געמעגט פאַר אים קרעפּלעך שטעלן, פּיינסטע ציבעלעס מיט שמאַלץ, מיט געני־זענע לעבערלעך — גאָרנישט! קיין שטיקעלע הערינג נישט, קיין שטיקל האָניק־לעקעך נישט.

און די הויט איז אים פלוצלינג אויסגעטריקנט געוואָרן, ווי אַ פּאַרמעט האָט זי אויסגעזען, דאָס גאַנצע פּנים איז אים דערי־בער פאַרענדערט געוואָרן און דערביי האָט אים שטענדיק גע־דאָרשטן!

מען וואָלט זיך אַפילו נישט פיל געמאַכט פון אַזוינע זאַכן, מאלע אַ מענטש איז נישט בקוי-הבריאה! מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, און, שניידניק זיך ערב שבת די נעגל, פּאָרט ער אַריין אין דער הויט און עס מאכט זיך אַ קליינע וואונד, מען לעגט צו שפּינ־וועבס, עס העלפט נישט; מען פאַרקלעפּט מיט מאַרקן-פּאַפּיר, עס זייערט דורך; מען לעגט אַ יין פלעסטערל, דאָס צווייטע — די קליינע וואונד וויל זיך נישט היילן, ווי אַ להכעיס!

קורץ און בקצור, מען האָט אָנגעהויבן ביי אַ פעלדשער, געקומען איז מען צו אַ דאָקטאָר, און דעם דאָקטאָר איז פּונקט איינגעפאַלן נישט יוצא צו זיין מיט אויספרעגן וועגן גע־זונט עד סוף כל הדורות, מיט באַקוקן די צונג, טאַפּן דעם דופּק און אויסהאָרכן דאָס האַרץ מיט די פּלייצעס — ער האָט נאָך געהייסן שיקן צו אן אַנדער דאָקטאָר, צו אַ „מומחה לאותו דבר", דעם קראנקנס „וואסער", ער זאָל זען, צי עס האָט נישט קיין גרויסן פּראָצענט צוקער.

פאַרשטייט זיך, אַז אויב אַזוי, מוז מען שוין פרעגן דעם רבין זאָל לעבן...

און דער רבי, זאָל לעבן, האָט געשמייכלט:

— זאָג נאָר, יענקל, — פרעגט ער, — דו פּרעסט צוקער?

— חס-ושלום, — ענטפערט אונזער יענקל, — וואָס איז, אַ יינגל בין איך?

— און וויפל שטיקלעך צוקער לעגסטו אריין אין טיי אַריין?
— איך ל ע ג גאָרנישט — ענטפערט יענקל — איך בייס צו!
— פון וואַנען דען קומט צו דיר צוקער?
אונזער יענקל זעט בחוש, אז עס איז אינגאנצן אַ שטות געווען...
— און וואָס איז, — מאַכט ווייטער דער רבי — אז מען האָט צוקער? אַ שלעכטע זאַך צוקער? צוקער איז, דאַכט זיך, זיס? האַ?
און דער יענקל איבערצייגט זיך נאָך מער, אַז דער דאָקטאָר איז פשוט „שאינו יודע לשאול“.
און דער רבי ווערט שוין אַביסל ערנסטער און זאָגט:
— ווייסטו וואָס, יענקל, האָסט ביז אַהער נישט געוואוסט, וואָס דו האָסט אינעווייניק, ווייסט ווייטער נישט...
און אונזער יענקל איז אהיים געפאָרן, האָט שוין קיין דאָקטאָר נישט גערופן, און איז אין אַ קורצע צייט אַרום פלוצלינג אַוועקגעפאַלן, און נישט פאַר אייך געדאַכט — געשטאָרבן...
— און וואָס, מיינט איר, וואָלט געווען, ווען ער ווייסט, אַז ער האָט צוקער? ער וואָלט נאָך אפשר פריער געשטאָרבן פאַר שרעק!
אַזוי האָט מיר אַ חסיד פאַרטייטשט...

דער גערער צדיק איז אויך נישט קיין מאַמין אין דאָקטוירים...
דאָס איז שוין אין וואַרשע געשעען:
אויף דער קראָכמאַלנע גאַס איז אַ חסידיש ווייבל געגאַנגען צו קינד.
איך בין דערביי נישט געווען, נאָר אזוי שרייבט מען.
און עס איז א ווייבל פון אַ רייך הויז און אַ שוואַך ווייבלי און עס דאַרף זיין אַן ערשטלינג... און גלאַט — „היינטיקע שוואַכע דורות“, און אַ גאָרסעט ווייבל דערצו... מיידלוויז האָט זי נאָך אפשר, צוליב דער פיגור, גאַנצע עמער עסיק אויסגעטרונקען...

און דאָס קליינע חסידל, צי די קליינע צנועה, האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט...

די באָבע האָט געוואָלט אַ דאָקטאָר; דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס קאָן זיין, מען וועט דאַרפן באַנוצן די צוואַנג, דעם ווייבלס יונגערמאַן האָט זיך דערשראָקן און — איז געלאָפן צום גערער צדיק...

— לאו! — האָט דער גערער צדיק געזאָגט — — —

עס איז אפילו געווען אַ מצרכה, וואָס איידער דער יונגערמאַן איז אהיים געקומען, האָט דער דאָקטאָר זיינס געטאָן און די יולדת לעבט, און דאָס קינד לעבט — דאָך האָט מען מורא, אז דאָס פאָר־פאָלק וועט שוין, חס־ושלום, קיין גוט לעבן נישט האָבן...

דער אָטוואָצקער רבי לעבט פאַר אַזאַ מעשה שוין פופצן יאָר אָן אַ ווייב...

דערפאַר טאַקע קורירן אַ סך גוטע יידן אַליין!

דער ייד, זכרונו לברכה, איז, ווי די וועלט ווייסט, אַ גרויסע בריה געווען, לא עליכם, צו אומריינע קעפּלעך. קונציק פלעגט ער די הערלעך רייסן; געשיקט — נישט מיטן אויג צו דערזען! ס׳רוב גוטע יידן, פון בעל־שם ביזן ביכאָווער, זענען גרויסע מבינים אויף עקרות... זכרונו לברכה דער אישביצער, סוף ימיו — דער ראַדזשימינער — האָט געהאַט זיין אייגנס אַן אַלט ספר פון רעצעפּטן, אַפילו אויף דייטש, נאָר גאָר פון קדמונים, און האָט געהיילט אָן אַן אויסנאַם אַלע קרענק...

דערפאַר איז, למשל, דער קאַריעניצער רבי אַן אמתער מומחה פאַר מקשה־לילדס!...

און מאַכן מאַכט ער גאָר פּראָסט.

אַז עס קומט אַ דאָקטאָר, פאַרקאַטשעט ער די הענט, גלייך ער דאַרף עמעצן פּאַטשן, כאַפּט אַ צוואַנג, ווי אַ קאָוואַל, און לויפט צו דער פרעמער יידענע, ווי אַ גזלן...

דער קאריעניצער דאַרף נישט די אַלע זאַכן; ער רירט זיך אַפילו פון אָרט נישט!

ער שיקט צו דער מקשה לילד דריי־שמעק טאַבעק פון זיין היילִיק פושקעלע; ח״י גדולים אַ שמעק טאַבעק... ער הייסט, די באָבע זאָל זיך נאָר א דריי מאָל וואַשן די הענט און זאָגן דריי פסוקים אינגאַנצן!

נאָכן ערשטן מאָל די הענט וואַשן: והוא כחתן יצא מחופתו..

נאָכן צווייטן מאָל וואשן: שערים ראשיכם... און ווי ווייטער שטייט.

און ערשט נאָכן דריטן מאָל אָפּוואַשן דעם לעצטן פסוק: והשער הפונה קדמה לא יפתח בלתי לה׳ לבדו...

ווער ווייסט נישט דעם טייטש פון די פסוקים, זאָל אָנפרעגן ביי אַ קאפּולער מלמד פון וואָלינער וואָלאָטשיסקער תּלמוד־תּורה...

נאָר נישט אַלע יולדות היילט ער! נישט אלע וויל ער היילן!

טראָגט אַ יידענע אַ שייטל, נישט אַ האָר־באַנד; כאַפּט זי זיך אַמאָל אַרויס אין אַ לבנה־נאַכט מיטן מאַן שפּאַצירן, ווער שמועסט, אַז זי לייענט אַ יידיש וואָרט, אַחוץ תּחנות און צאינה וראינה — זאָל זיך די וועלט איבערקערן, וועט ער איר קיין שמעק טאַבעק פון זיין פּושקעלע נישט שיקן, סיידן, אַז זי וועט צוזאָגן תּשובה צו טאָן...

און אַז מען נאַרט אים אָפּ (עס טרעפט זיך!) און ער ווערט דערנאָך געוואָר, אַז ער האָט געראַטעוועט נישט קיין פרומע נשמה, ווערט ער אש־להבה, שטורעמט ער הימל און ערד, ווערט ער טאַקע „להשמיד ולהרוג״ — סיידן, אַז מען שיקט אים צו נאָך ח״י גדולים...

הייסן הייסט ער ר׳ דודל...
זיין זכות זאָל אונז ביישטיין!

און נישט נאָר רופאים, דאָקטוירים און גוטע יידן היילן —
אין וואַרשע איז פאַראַן אַ פּשוט יידל, נישט קיין רופא־

נישט קיין דאָקטאָר, ניט קיין רבי און מאַכט אויך גאַנץ גוטע געשעפטן —

ער היילט אַלע קרענק, און דווקא מיט איין רפואה — מיט פאַרע...

ער האָט זיך זיין אייגן קעסעלע, מיט אַן אייוועלע, מיט א קוימענדל — מיט אַ קליין מאַשינדל דערצו...

אין קעסעלע גיסט ער אריין וואַסער, און שיט אויף פאַר־שיידענע קרייטעכצער... דאָס אייוועלע הייצט ער אונטער מיט האָלץ, מיט קוילן, אַפילו מיט נאַפט, אבי עס ברענט. פון דעם וואַסער מיט די קרייטעכצער לאָזט זיך דורכן אייוועלע אַ רויך — אַ פאַרע, די פאַרע לאָזט ער מיט דער היץ פון מאַשינדל דעם קראַנקן אונטער דער הויט...

עס גייט צו איינס, צוויי, דריי! — ער „באַלאַמוטשעט“ נישט! באַקוקט נישט קיין צונג, טאַפּט נישט דעם דופק, פרעגט אַפילו נישט, צי האָט זיך עמעץ אין דער משפחה געהאָנגען און וואו עס טוט וויי — ער פרעגט נישט, און רעדט נישט אַ וואָרט און לאָזט אַריין פאַרע!

און די פאַרע ווירקט, נאָך ווי אַזוי!

— געוואַלט, ר' ייד, — שרייען די קרובים דערשראָקן, — עפּעס ווערט ער דאָך דער חולה אָנגעבלאָזן —

— גוט אַזוי, — ענטפערט ער, ער וועט נאָך ווערן גע־שוואָלן...

און עס איז אמת, דעם צווייטן טאָג זעט מען שוין דעם חולה קיין אויג נישט ארויס.

די קרובים שרייען נאָך מער געוואַלט, און ער ענטפערט נאָך קאַלטבלוטיקער:

— גוט אַזוי—ער מוז ווערן ווי אַן אָנגעבלאָזענער פענכער!

און צום דריטן טאָג:

— עוכר ישראל, ער שטאַרבט!

— מאלע, אַ מענטש שטאַרבט! אָבער וויפל האָב איך גע־ראַטעוועט?..

דאָס איז שוין פּאַר בעלי־בתּים — — פּאַר סוחרים פון דער פראַנציסקאַנער גאַס, פון געגשא גאַס, פון די נאַלעווקעס...

פּראָסטע יידן הענגען נאָך אָן רופאים מיט גוטע יידן...

צולעצט קומען ערשט די דאָקטוירים...

גוטע געשעפטן מאַכן די, וואָס האָבן שותּפות מיט רופאים; בעסערע די, וואָס האָבן אַ שטיקל שייכות מיט גוטע יידן... אזוי דאָקטוירים זענען נישט פון די גרויסע זאַכן.

ס׳רוב זענען שולדיק די דאָקטוירים אַליין.

אין קאַרעניק, למשל, איז געווען אַ דאָקטאָר, האָט ער גע־האַט צוויי מיאוסע חסרונות: ערשטנס, איז ער געווען אַ ייד און אַ יידישן דאָקטאָר האָבן יידן, בפרט קאַרעניצער יידן, בפרט קאָ־רעניצער ליבאַוויטשער חסידים, נ י ש ט ליב; צווייטנס, האָט ער זיך גאָרנישט אויפגעפירט ווי אַ דאָקטאָר: נישט פארשריבן קיין טייערע רעצעפּטן, טיילמאָל אַליין פּאַר אַן אָרעמאַן אַ רעצעפּט געמאַכט; טיילמאָל איז ער גאָר אַרויס פון די כּלים און האָט אַי־בערגעלאָזט ביים אָרעמאַן עטלעכע גראָשן אונטערן קישן, און דווקא נישט אויף אַ רעצעפּט, פון דעם האָט ער ווייניק וואָס גע־האַלטן, נישט אויף „באַבסקע רפואות״, אויס זיי האָט ער געלאַכט, נאָר אויף פּשוט עסן און טרינקען! ער האָט שוין געהאַט אַזאַ איינרעדעניש, אַז קראַנקע, ווייניקסטנס טייל קראַנקע, דאַרפן עסן און טרינקען...

אַ טשערקעסין ווייגט און ברעכט די הענט, אויב דער מאַן שלאָגט זי נישט במשך פון אַ וואָך, „ער קוקט זיך אויף מיר נישט אום — קלאָגט זי זיך — ער זעט מיך נישט! עס איז גאָר קיין מאַן נישט!״ און ביי אַ יידישער קאָרעניצער קהלה איז אַ דאָק־טאָר, וואָס צאַפּט נישט קיין בלוט, מאַכט נישט רייך דעם אַפּטיי־קער און רייסט נישט אויס ביים אָרעמען קראַנקן די לעצטע קאָ־פּיקע, וואָס רייניקט נישט די קישקעס מיט דער קעשענע צוזאמען, ווי אַ הינט לעקט אויס אַ טעלער — קיין דאָקטאָר נישט...

און אז גאָט האָט געהאָלפן און דער דאָקטאָר בלומבערג האָט זיך אָנגעשטעקט ביי אָרעמע לייט פון אַ טיפוס און מען איז זיינער פּטור געוואָרן, האָט מען אים געלעגט אונטערן פּלויט...

אין אַז זיינס גלייכן, דעם דאָקטאָרס קאָלעגן האָבן געבראַכט פאַרן קבר וועגן אַ מצבה — האָט מען זיי נישט אריינגעלאָזט!

און קענן וואָס, מיינט איר, האָב אין דאָס אַלץ דערציילט?
איר זאָלט נישט אַזוי מורא האָבן פאַר קרענק...
א חוץ עין-הרע אָפּשפּרעכן, אַחוץ תּוספותלעך [אויף קדחת. אָפּמאוסן רויזן... אַ חוץ ציגיינערשע, זנאכאָרשע און באַבסקע רפואות, און אַחוץ בעדער פאר רייכע לייט, האָט איר נאָך: רופאים, דאָקטוירים, גוטע יידן, און אזוי יידן, וואָס היילן קרענק מיט בּערע, מיט וואונדערלעכע פלאַסטער, מיט ווייס איך וואָס...

14

14־טן אויגוסט 1902

אז מען לייענט אונזערע בלעטער, מיינט מען די וועלט גייט אונטער; די יידיש־רוסישע און די יידיש־רוסיש־פּוילישע, מיין איך. ריין גיפט זענען די בלעטער, אַ מרה־שחורה באַפאַלט. משוגע צו ווערן. און משוגע ווערן איז היינט קיין געשעפט נישט; עס פעלט פּלאַץ פאַר משוגעים אפילו אין וואַרשעווער שפּי־טאָל, און ארומלויפן משוגענערהייט אין די גאסן — בררר! אַ קעלט גייט דורך די ביינער —

און וואָס אַ בלאַט — אַ בכיה לדורות, וואָס אַ גומער — אַ קלאָג־ליד! מען הע־ט נישט מער, ווי נאָר חוסר־פּרנסה, ציין אויף דער פּאָליצע; קרעמער זיצן גאנצע טעג אָן אַ „פּאָטשאָנטאָק". גבירים טראָגן ביי נאַכט אונטער די אָרעם דאָס בעטגעוואַנט צום מלוה, דערנאָך — הענגען זיי זיך! שניידער לויפן אַרום באָרוועס, שוסטער נאַקעט און בלויז, שטיינער־קלאַפּער האַקן זיך מיט די האַמער אין קאָפּ אַריין...

גאַנצע קהלות גייען, חס ושלום, אונטער!

די קיעווער־קאָוולער באַן האָט, אייסמיידנדיק ראַדאָמישל, אַרויסגעוואָרפן דאָס שטעטל פון דער האַנדלס־וועלט, אָבער גאָר אינגאַנצן! הונגעריקע קרעמער באַפאַלן, אז מען דערזעט אַ קונה ווי די היישעריקן, ווי די חיות רעות... בעלי מלאכות גייען ארום „פוסט און פּאַסט" מיט גרינע פּנימער און פרעמד־פייערדיקע אויגן.. און דער יקרות איז גרויס, צוואַנציק קאָפּיקעס אַ פונט פלייש...

עס זענען פאַראַן עטלעכע רייכע באַלעבאַטעם. „מישן" זיי זיך נישט מיט אָרעמע לייט! זיי לעבן זיך גאָר באַזונדער! אַ באַזונדער שול, אַ באַזונדער באָד, אַ באַזונדער רב, רבי צי ראַבינער. איך האָב עס אויף גויש געלעזן)...

זיי וועלן זיך נאָך אפשר מאַכן אַ באַזונדער בית-הקברות · מיט אַן אייזערנעם צוים, גאָלדענע שפּיצן... דעם ערשטן גביר — אַ נפטר וועט אין דער התחלה זיין אַביסל אומעטיק, מיט דער צייט וועט זיך דער בית-הקברות, מיט גאַסן און די דאָקטוירימס הילף, פאַרפולן...

— „מען אַנטלויפט פון יעקאַטערינאָסלאַוו... ווער קיין פּאַלעסטינע, ווער קיין אַרגענטינע... אַלע געשעפטן געפאַלן, אַלע האָפנונגען אויף בעסערע צייטן האָבן אָפּגעבאַרט...

איך ווייס גאָרנישט, ווען זיי זענען געוועזן...

— „אוסטילוג, וואָלינער גובערניע. . אמאָל אַ גרויסער האַנדלס־פונקט... צווישן וועלדער, ביים בוג... עס האָט געווימלט פון דאַנציקער סוחרים, סקיפּער, שרייבער, שווימער, בינדער, בראַקירער, סאָרטירער, אַ חוץ פאַקטוירים... עס האָט געקאָכט, ווי אין אַ קעסל — — היינט פאַרוויסט!

די עמיגראַציע וואַקסט פון טאָג צו טאָג, עס העלפט אָבער נישט, דער דלות וואַקסט נאָך געשווינדער...

פון די עמיגראַנטן קומען בשורות רעות; עס העלפט נישט — ערגער ווי שלעכט קאָן נישט זיין!"

— מען עמיגרירט פון אַלע „סיעווערא-זאַפּאַדניע" גובערניעס, קיין ענגלאַנד, טראַנסוואַל, קאַנאַדע... וואו די אויגן טראָגן — דער הונגער טרייבט!

— „מען פאַרלאָזט אָפּ- און נאָך-נישט־אָפּגעברענטע שטעט און שטעטלעך... פון פּריש-פּגרבר־ענטן קאַמיעניעץ ליטאָווסק, גראָדנער גובערניע, גייען אויף דער וועלט אַרויס עמיגראַנטן און אַזוי בעטלער..."

— „אין ווילנע איז אַן איינפּאַכער הונגער, בעלי-מלאכות כאַפּן זעמל פון די שטעלן... אנדערע — בעטלען! וואָס-עס־איז אַרבעט צו שאַפן, הייסט די פּאָליציי איבערפאַרבן די צוימען ביי די הייזער..."

— „דורך ענגשאַפט, אומריינקייט און הונגער שטאַרקט זיך אין וואַרשע דער פלעקן-טיפוס פון יאָר צו יאָר; ס'רוב ביי יידן... אין יאָר 1900 זענען געוועזן צוויי און זיבעציק יידן אויף ניין און

און ניינציק קראַנקע; אין 1901 נישט בעסער: הונדערט דריי און פערציק יידן אויף צוויי הונדערט דריי און פערציק קראנקע. און יידן זענען דאָך נאָר אַ דריטל אייגוואוינער... דאָס יאָר 1902 פירט זיך נישט בעסער: אין יאַנואר איז געווען דרייצן יידן אויף זעקס און צוואנציק קראַנקע, פעברואַר — ניינצן אויף זיבן און דרייסיק מערץ — פינף און דרייסיק אויף פופציק, אַפריל — אַכט און דרייסיק אויף ניין און פופציק..."

און נאָך, און נאָך...

און ווייסט איר, וואָס איך טו, אַז איך לעז אַזוינע ידיעות?

איך שטיי אויף, טו אָן דאָס היטל, וואַש מיר די הענט און בענטש גומל, וואָס איך בין געבוירן אַ ייד, מיט אַ יידישער נשמה;

איך בין א ייד, וואָס איז געוויינט פסח, זמן חרותנו, אַ מלך אויפן הסב-בעט, צו עסן אייער לסימן אבלות, און תשעה-באב, און דעם שוואַרצן יאָר-צייט פון אָנהייב גלות, צו מאַכן זיך אַ יום-טוב, נישט צו לייגן קיין תפילין און וואַרפן זיך, שפילנדיק, מיט בע-רעלעך, און אז עס פארפעלן בערעלעך — מיט שיך און שטיוול, מיט לייכטער, בענק און שטענדער...

איך בין אַ ייד, און ב ט כ ע זוך איך פלעקן אין דער זון און ביי אַ פלעקיק-געשפרענקלט-געשטופלטער יידענע — אַ שיינע הצויה, אַ ליבלעכן בליק...

איך בין אַ ייד, אַ יידישע בין, און פון מ יי נ ע קאָרעס-פאָנדענטן וועל איך אייך דווקא אויסשלאָגן מער האָניג, ווי אַ גאַנץ יאָר;

ישועות ונחמות וועל איך אייך געבן!

עס איז נ י ש ט אַזוי שלעכט; די וועלט גייט אַזוי לייכט נישט אונטער!

איר גלויבט נישט?

הערט, וואָס מען שרייבט:

— ג אָ ל ד ע נ ע ג ע ש ע פ ט ן מאַכט מען ביי אונז אין מיראָפאָל, וואָלינער גובערניע...

און צו די גאָלדענע געשעפטן דאַרף מען קיין ג אָ ל ד, אפילו קיין ג ע ל ט נישט האָבן; מען נעמט אַרויס, כאָטש מעז לייגט נישט אַריין, אַפילו נישט די האַנט אין קאַלט וואַסער!

אַז אַ פרומער כשרער מיראָפאָלער ייד, אַ ייד ווי אַ ייד דאַרף זיין, וויל האָבן, אויסער לויתן, שור הבר און יין המשומר אויף י ע נ ע ר וועלט, כאָטש עטלעכע מאָל אין יאָר אַ פולקע געגזנס, אַ שטיק פיש, אַ קאַרפּן-קאָפּ צי אַ מיטל-שטיק, און אַ פיין גלעזעלע משקה אויף ד ע ר וועלט אויך, דאַרף ער קיין גרויסע זאַכן נישט טון, אפילו נישט אַוועק למדינת הים. עס איז גענוג, אַז ער פאַרשרייבט זיך אין ח ב ר ה ק ד י ש א! עס פאַלט אַמאָל אַ קאָפּיקע אין קעשענע אַריין אויך!

אונזער געשעפט איז אַ זיכער געשעפט!" — זאָגן די שמשים און קלאַפּן פריילעך צו צום טאַקט מיט דער צדקה-תּציל-ממות-פּושקע...

„גאָלדענע געשעפטן!" — זאָגן די גבאים און די חברה-לייט פון חברה-קדישא מיט אַ זיסן שמייכל אויף די זאַטע פּנימער...

און מיינט איר — מ'זן באַרייסט?

חלילה! דווקא מענטשן מיט רחמנות, מיט יידישע הערצער!

אָט איז ערשט נישט לאַנג אַוועקגעקומען אַ יידישער לערער... אַן אָרעמאַן... פאַרקרענקט דאָס לעצטע קישעלע פון אונטערן קאָפּ... איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט יתומים — — מיינט איר, מען האָט איר די „בעבעכעז אויסגעזוצט"? חס-ושלום! אינגאַנצן אַ פינף און צוואַנציקער באַצאָלט! קוים אַן אַכטל פון דער סומע, וואָס די בני-חת האָבן באַקומען פאַר די מערת-המכפּלה — און יענץ איז דאָך געווען אויפן ערלעכן וואָרט, אויף „ביני ובינך מה הוא"...

און, למשל, אין פוילן...

די אַרומיקע שטעטלעך ביי מראָזי זענען אָפּגעפּאַלן, ווייל די קריסטלעכע באַלעבאַטעם פון די מראָזער זומער-וואוינונגען לאָזן קיין יידן נישט אַריין... דערפאַר הייבט זיך קאַרטשעוו אונטער

אָטוואַצק און אויך דורך דער חברה-קדישא... עטלעכע מאָל אין יאָר טרעפן זיך מתים אין אָטוואַצק, און וואָס פאַר אַ מתים, — וואַרשעווער, סאַמע דייטשן כמעט! מען נעמט צו ביזן לעצטן גראָשן, דעם בר־מינן שמייסט מען אָפּ נאָך דער טהרה, ער זאָל אַביסל אָפּקומען אויף דער וועלט און — געלט איז דאָ!

און דאָס געלט, חס-ושלום, גייט נישט לאיבוד... מען וועט דערפאַר, חלילה, צוריק נישט אויפבויען די איינגעפאַלענע שול, קיין שוּבֿ אין בית-המדרש נישט אַריינשטעלן, נישט אַ־ומצוימען דעם בית-הקברות...

אין זומער־צייט האָט קאַרטשיעוו ס ע ז אָ ן, קאַרטשיעוו בליט און שטייט אויף תחית־המתים צוזאַמען מיט וואַלד און פעלד, מיט די פייגל צוזאמען קלינגען פריילעך-נחתדיק די קאַרטשעווער זמירות...

גאָלדענע געשעפטן!

און ווייסט איר פאַר וו אָ ס גאָלדענע געשעפטן?

ווייל עס איז חברות!

קוים אַ חברה (פרעגט לעוויצקין!), איז שוין גוט!

ביי אַן אָרעמאַן, אז מען גיט יעדן אויף אַ באַזונדערן טעלער, זעט מען אַרויס דעם דנאָ, אַז אַפילו אַ פליג וועט נישט דערטרינקען ווערן! אָבער אַז מען עסט פון איין שיסל, פרייען זיך כאָטש די אויגן!

דעריבער גייען חברות אין דער מאָדע אַריין:

אַ ן וואַרשע מאַכן „יד אחת" שניידער, שוסטער, שמוק־לער..: אין ל י ט וו י ש ע שטעט — אַפילו מלמדים מיט קצבים: אויס קאָנקורענץ!

אין מלמד וועט שוין נישט זאגן דעם צ וו יי ט ן: די לערנסט א יי ן פרשה חומש אַ וואָך, איך וועל לערנען צ וו יי דו לערנסט תרגום א ו נ ק ל ס, איך וועל לערנען אונקלס מיט י ו נ ת ן ב ן ע ו ז י א ל! דו שמייסט דורך דעם עולם א יי ן

באַל אין וואָך, — טאָג טעגלעך וועל איך שמייסן, איך זאָל אַפּילו אַ האַרץ-פעלער באַקומען! בלוס וועט רינען!

און איין קצב וועט נישט זאָגן דעם צווייטן: דיר להכעיס וועל איך וועגן ערליכער, פאַרקויפן ביליקער; און אמתן מאַרך-ביין געבן פאַר א צולאָג און קיין פגירה־פלייש וועט אויף מיין קלאָץ נישט קומען!

יד אחת וועט זיין: איין תורה, איין קאָנטשיק צו אַלע מלמדים; איינערליי ביינער און איינערליי וואָג — אויף אַלע קלעצער, ביי אלע קצבים!

אַפילו שוחטים, אויסגעצויגענע פרומע שוחטים, מאַכן יד-אחת און פאַרלאַנגען צוויי גילדן הוספה אויף דער בהמה, די קצבים ווילן נישט, זיצט די פוילישע גובערניע-שטאָט קיעלץ שוין אַ צייט אָן פלייש!

און די שוחטים וועלן אויסריפן!

יעדער שוחט פאר זיך איז אַ ווייך ריטל, וואָס אַ קצב בויגט זיך אַרום פינגער, אָבער אַלע צוזאַמען זענען אַ בעזעם פאַר די קצבים, אַ בעזעם פאַר קיעלץ!

און אַפילו טייל וואַרשעווער דאָקטוירים ווילן זיך מאַכן אַ חברה: איינער פאַר אַלע אין דער חברה און קענען אַלע אויסער דער חברה, און די גאַנצע פאַר יעדן פון דער חברה און קענען אַלע אויסער דער חברה!...

און עס וועט אפשר גערעטן. עס האָבן זיך שוין פאַרשריבן ספּעציאַליסטן; עלעגאַנט-שמעקעדיקע דאַמען-טרייסטער, גאַנץ־אוי-בערפלעכלעכע הויט-קראַנקהייטן-היילער, טיף-ערנסטע דאָקטוירים פון דער אַקושעריע, טיפּוזניקע מאָגן-פאָרשער: אַ חוץ נערוון-עלעקטריזירער, בייטל-שניידער, קאָפּ-צופּער, ציין-רייסער, נאָז-ברע-נער וכדומה.. מען זאָגט: עס וועלן אריין צו צוויי פאַר ספּעציאַ־ליסטן, ווי די עופות טמאים אין נחס תיבה...

די חברה האָט שוין אפילו תקנות געמאכט

שוין אויפגעשריבן! מען דאַרף נאָר די תקנות איבערלעזן,

ג.פּאַנן אין דערנאָך — דערנאָך װעלן זײַן גאָלדענע געשעפטן!

איר זאָלט נישט מײנען, איך שפּאַס, װי אױך צוליב די דאָקטױרים פֿון דער פּראָװינץ, גיב איך אײַך דאָ איבער עטלעכע פֿון די תּקנות:

1) יעדערער פֿון דער חבֿרה איז מחויבֿ צו באַמיען זיך צו האָבן װאָס מער פּראַקטיק; די, װאָס ער האָט, צו האַלטן מיט די צײן, נײַע זיך צו שאַפֿן מיט אַלע כּחות, מיט גוטן און מיט בײזן, כּדי ער זאָל קאָנען װאָס מער פּראָטעזשירן זײַנע חבֿרים!

צו דעם צװעק זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע עצות; עטלעכע נאָט אײַך:

6) מען מוז זיך אױפֿפֿירן פֿײַן און גוט, װי אַ מענטש מיט האַרץ...

איז קראַנק אַ קינד, בפֿרט אַ ציטעריק קינד, זאָל מען גלעטן די מוטער... זי מעג זײַן מאוס, מען דאַרף געדענקען, אַז מען אַרבעט לטובֿת הכּלל.

אין פּאָדער-הױז מוז מען צושמײכלען דער דינסט; ס׳רובֿ האָט זי אױך אַ דעה...

באַמערקונג: דאָס איז נאָר נוהג בײַ רײַכע פּאַציענטן. אָרעמע איז בעסער צו האַלטן פֿון װײַטן, טראַקטירן פֿון דער הײך... װינטער מעג מען צו אַן אָרעמען קראַנקן אַרײַנפֿאַלן פֿאַרשנײַט און אין פֿאַלטאָ מיט די קאַלאָשן, אַרױסכאַפּן דאָס קינד פֿון װיג און צולעגן מיט די לונגען צום אױער... עלטערע נישט צולאָזן צו זיך, מאַכן פֿאַר זיך מיטן שטעקן, װי אַ מיל — פֿון װײַטן באַזען די צונג...

7) בײַ רײַכע קראַנקע — װאַרטן, ביז מען װעט ברענגען דאָס פֿלעשעלע פֿון אַפּטײק און אַלײן אײַנגעבן דאָס ערשטע לעפֿעלע. בײַ די מיטלמעסיקע באַלעבאַטים הײסן זיך שיקן זאָגן, װי דאָס קינד איז בײַנאַכט געשלאָפֿן...

11) עטלעכע װאָכן נאָכן געזונט װערן פֿון קראַנקן, אַרײַנפֿאַלן אַמאָל און פֿרעגן. װאָס עס הערט זיך. נאָר דערפֿאַר קײן געלט נישט נעמען, מען זאָל אַפֿילו האָבן אַ פֿול מױל מיט װאַסער!

23) די קראַנקע, און אַלע אַרום קראַנקן, דאַרף מען איבערשרעקן... אַלץ אױפֿבלאָזן. װי אַ לונג און לעבער. מען דאַרף

מאַכן; פון א קאַטאַר — אַן אָנצינדונג, פון בויך־ווייטיק — אַ טיפוס, פון אַ פשוטער אַנגינאַ, קוים דאָס העלזל רויטלט זיך — אסכרה; בעסער נאָך די־פטעריט און רופן אַ ספעציאַליסט פון דער חברה, ער זאָל אַריינשפריצן סוראָוויצע...

לאָזט זיך בלוט פון דער נאָז — אַ פּאָליפּ, און באלד, טאקע תוך כדי דבור, אָפּשיקן צו אַ ספעציאַליסט אַ חבר צום אויס־ברענען!

פון אַ בראָדאַוועקע איז לייכט צו מאַכן אַ בייז־ווילד־פלייש, און כאַטש דריי חברים רופן צו אַ קאָנסיליום...

פאַררייסט זיך אַ נאָגל, זאָל מען דערמאָנען אין גאַנגרענע... און נאָך און נאָך...

און דער טעם דערפון איז אַ פשוטער! ממה נפשך: וועט אויסגיין צום גוטן, איז ער דאָך טאקע אַ דאָקטאָר, נאָך ווי הייסט אַ דאָקטאָר! סכנות־נפשות געווען! און ווען, חלילה, נישט — על כל פנים — האָט ער פ ר י ע ר געוואוסט, „אַ שטיק נביא איז ער"...

און, אַז דער עולם אַרום, מיטן קראַנקן צוזאַמען, זענען שוין גוט איבערגעשראָקן, זאָל מען זיך נעמען צו דער אַרבעט מיט כוח — „איבערצורייסען" אָדער „פאַרכאַפּן" די קרענק! פּי־אַוועקעס, באַנקעס, אַלערליי פּלעשער, פּולווער, שפּריצן אונטער דער הויט, צו אַ יולדת באַלד צו מיט דער צוואַנג... דער עולם זאָל זען, אַז מען טוט, מען ראַטעוועט...

אַזוי זאָגט פּאַראַגראַף צוויי און זעכציק!

און, דער עיקר איז, שטענדיק צוציען איינעם פון דער חברה.

קומט אַמאָל אויס, מען מוז צורופן איינעם נ י ש ט פון דער חברה, למשל, ביי אויגן (קיין אָקוליסט האָט זיך נאָך נישט פאַרשריבן), זאָל מען רופן איינעם פון י ע נ ע ר זייט װאַרשע... מען זאָל אים נישט האָבן אונטער דער האַנט! אַזוי זאָגט פּאַראַ־גראַף זיבן און אַכציק!

אויסער דעם איז פאַראַן אַ גאַנצער פרק, ווי אַזוי מען זאָל זיך נוהג זיין, אַז מען קומט צו אַ קראַנקן, וואו אַן אַנדער דאָק־

טאָר, נישט פון דער חברה, איז שוין געווען. איז עס א יונגער געווען, לאָז מען פשוט ארויסוואַרפן דעם רעצעפּט דורכן פענס־טער; אָדער מיט בזיון, אָדער מיט כעס, ווי עס פּאַסט... איז עס אַביסל אַן עלטערער — זאָל מען אַ קרים טון מיט דער נאָז און זאָגן: אַ גוטער רעצעפּט, נאָר איך האָב אַ בעסערן, א פריי־שערן, ערשט אַ ניי מיטל, ערפינדן אין פּאריז... און פאַרשרייבן זאָל מען דווקא דאָסזעלבע, נאָר אויף אַן אַנדער אופן. איז געווען א פּלעשעלע, זאָל זיין פּולווער און פארקערט... טייל מאָל עפּעס צוגעבן; נאָך אַ פּיאַווקעלע, אַ שפּאַניש־פליגעלע, באָדיי אַ פּלעס־טערל...

ווי איר זעט, אויב די חברה וועט זיך מאַכן, און עס האַלט דערביי, וועט זיין פּרנסה, וועלן זיין גאָלדענע געשעפטן!

נישט אומזיסט האָט דוד המלך געזאָגט: לכו והתפרנסו זה מזה!... נאָגט איינער דעם צווייטן!

איך בין אייך מבטיח, אַז עס וועט גוט זיין, אויסער, אַז עס וועט זיך מאַכן נאָך אַ חברה!

וואָרים, ווי קאָן זיין אַ בעסער געשעפט, ווי חב״ה־קדישא און פונדעסטוועגן ליגט אין וואָליקאָוו, גראַדנער גובערניע, שוין א צייט לאַנג הונדערט און פופציק רובל קבורה־געלט און קיינער לעקט נישט אָפּ אַ ביין... און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל עס זענען פאַראַן צוויי חברה־קדישות...

די הונדערט און פופציק רובל קאָנען אַזוי ליגן „עד שיבא אליהו“, ליגן גאַנץ, ווי אַ טויטער אינדיק צווישן צוויי הינט, וואָס שטייען זיך אַקעגן איינער דעם אַנדערן, ביידע בילן און איינער לאָזט דעם צווייטן זיך נישט רירן מיט א צאָן!

הכלל, חברות, מאַכט חברות! דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינ־זשענערן...

דאָך נישט אַלע דאַרפן חברות...

שוואַכע קעניגלעך האַלטן זיך צוזאַמען, לייבן גייען שוין

יעדערער באַזונדער... גוטע יידן דאַרפן קיין חברות נישט, יעדע־רער לעבט זיך אויף זיין אייגענער פויסט!

הערט, למשל, וואָס מען שרייבט פון לובאָמיל (וואָלינער גובערניע):

— ער איז געקומען איינער אליין, ר׳ לייב צדיק... און גע־עפנט האָט ער זיך זיין קרעמל פון בנן, חיי, מזוני מיט אַ צולאָג אַביסל נביאות און אַן אַכסניא, און ער לייזט, ברוך השם. דער עולם לויפט, ווי גאָך מצה־וואַסער! ער — מאַכט גאָלדענע געשעפטן...

זעט איר שויז — עס איז נישט אזוי שלעכט!

JEWISH SOCIALIST LIBRARY
E BROADWAY AVE.

21־טען אויגוסט, 1902.

היינט וועט גיין גאָר אַ נייע סדרה.

די פּאָסט איז צו קליין, ווייניק נייעס!

די קאָרעספּאָנדענטן, ווי עס זעט אויס, זענען זיך צעלאָפן: ווער אויף פרישע לופט, ווער אין בעדער, ווער קיין אַמעריקע, ווער קיין טראַנסוואַל...

נאָר שרעקט אייך נישט, עס איז נישט קיין „בכיה לדורות״... פון „פרישע לופט״ און בעדער קומט דאָס רוב צוריק, און אפילו די, וואָס זענען געפאָרן קיין טראַנסוואַל, וועלן אויך, אם ירצה השם, צוריק קומען! עס ווייזט זיך אויס, אַז ענגלאַנד, וואָס האָט געשלאָגן די בורן. ווייל זיי זענען זיך שלעכט באַגאַנגען מיט פרעמדע און נישט אויף דער רגע צוגעלאָזט צום קרע־פעל, אז דאָס זעלבע ליבעראַלע ענגלאַנד האָט נאָכן אייננעמען טראַנסוואַל, די גרענעצן פאַרשלאָסן, און לאָזט קיין פרעמדע גאָר לחלוטין נישט אַריין!...

און די אַמעריקאַנער וועלן אויך נישט פעלן; איבער דער וואָך וועלן, מיט גאָטס הילף, אויף זייער אָרט אויפוואקסן נייע, שפּאָגל נייע קאָרעספּאָנדענטן! און — „נייע פייגל — נייע לי־דער״ — זיי וועלן אפשר באַרירן נייע זייטן פון יידישן לעבן און נישט שטאָפּן אייך אַלץ מיט סאַמע אַלטווארג: מיט קאָראָבקע, כלי־קודש, חברהלעך... סיי־ווי־סיי — שרייבן וועט מען: אויב „שרייבן״ איז נאָך קיין געשעפט נישט, אַ יצר־הרע איז עס!

און איך, פון מיין צד, זאָג אייך צו מויערן דורכצו־ברעכן און שטעט און שטעטלעך זאָלן זיין!

דערווייל אָבער וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיט די הכחשות,

וואָס זענען איינגעפלאָסן, זייט איך האָב מיך ביי אייך פאר אַ „בין" געשטעלט! מיט די האלבע און גאַנצע פּראָטעסטן, וואָס איך האָב איבער דער קורצער צייט באַקומען.

און איך טו עס גאַנץ גערנוויליק.

איך האָב אייך קיינמאָל נישט ערב געווען פארן מאטערי־אַל, פון וועלכן איך בוי די „שטעט און שטעטלעך"... נישט מיין מאַטעריאַל; האָט מען מיך גענאַרט, האָב איך אייך גע־נאַרט!

און ווערט זיך אויסווייזן, אַז איך אליין בין אַריינגעפאַלן, איז אויך, חס־ושלום, קיין אומגליק; וועל איך אויף דער שטעל חרטה קריגן, קלאַפּן זיך אין האַרצן אַריין על חטא: חטאתי, עויתי, פשעתי און — וועל ווייטער שרייבן!... וועט זיין „אחטא ואשוב" — אַ דאגה איך האָב!

און בטבע בין איך גאָרנישט קיין „כיון שהגיד־שרייבער", איך בין קיינמאָל קיין עבד־כנעני נישט צו דעם, וואָס איך האָב געזאָגט, געשריבן און אפילו געדרוקט!

איך בין אפילו מודה על האמת — אז איך בין די פעס־טע שרייבער נישט מקנא!

און ווייסט איר, פאַרוואָס איך בין זיי נישט מקנא? ווייל די פעסטקייט איז נישט פון אינעווייניק. נישט די נשמה איז ביי זיי פעסט... נאָר פאַרקערט: דאָס זענען ס'מערסט ווייכע און דערצו נאָך אזוינע שוואַכע מענטשן, אַז זיי קאָנען די פּאַרע, וואָס זיי לאָזן אַרויס פון אייגענעם מויל, פון זיך נישט אַוועקבלאָזן!... די פאַרע האַלט זיך אַרום זיי, זי קלעפּט זיך צו זיי צו, זי ווערט פאַרגליווערט, פאַרהאַר־טעוועט, פאַרשטיינערט אויף זייערע פּנימער, און דער שרייבער זעט דעריבער אויס ווי אַ גייענדיקע מצבה! גלייך מען וואָלט אים אָפּגעטובלט אין אַ קאַרלסבאַדער הייסן שטרודל! דעם קאָפּ נישט איבערצודרייען! — —

און דערפון טאַקע האַלט איך נישט! קוים ווייס איך, אז איך בין קיין שכור נישט, בין איך נישט מחויב צו ווייזן אַ קונץ, אַז איך גיי שטענדיק אויף איין ברעט! אונזערע ליטעראַרישע

ארזי הלבנון זענען אפשר שיין, נאָר זיי וואַקסן נישט, בליען נישט, און אַ בליק מיט זיינע זיגזאַגן געפעלט מיר פאָרט בעסער...

און אַז איך בין שוין אַראָפּ אין אַ זייט און רעד וועגן די, וואָס איך בין נישט מקנא, מוז איך אייך שוין זאָגן, וועמען איך פלעג אַמאָל יאָ מקנא זיין — די פיין־שרייבער!

איך פלעג מיר זאָגן: רבונו של עולם, די וועלט דאַרף פערפומעס צום לייב. צו די האָר... און די וועלט (אויסער דאָס ביסל קבצנים) דאַרף לעדער אויף שיך, שטיוול און האַנטשו... פאַרוואָס זענען מיינע חברים פערפומעס־מאכער אין איך דווקא אַ גארבער, און מוז בייטשן און שניידן דאָס פעל פון אלערליי חיות ובהמות?

פאַרוואָס האָט מען מיר געגעבן אין דער האַנט אַריין אַ בעזעם פאר אַ פענזל, און געשטעלט מיר א שאַף סמאָלע במקום פאַרב און געהייסן — שמירן!

און וואָס מער איך שמיר, פינסטערער ווערט מיר פאַר די אויגן, וואָרום די, וואָס איך שמיר, — קהלס־לייט, באַלעבאַטים, יחידי־סגולה, גבאים, כלי־קודש — די אַלע קומען אַרויס, ווי די קוימען־קערער, ווי די מלאכי־חבלה!

— צי וואָלט איך נישט געקאָנט — פלעג איך מיר קלאָגן — אויך זיין א פיין־שרייבער און טונקען אַ רויזנשטענגעלע אין רויזנהייל און גלעטן די בעקלעך ביי דער כנסת־ישראל!

דאָס אלץ אָבער איז געווען אַמאָל...

היינט זאָג איך: גם זו לטובה!

פיין-שרייבער באַקומען קיין הכחשות, קיין פראָטעסטן נישט... זיי רינגלען אַרום סאַמע כינעזישע פיגורלעך, וואָס שאָקלען מיט אַ פאַרגלווערטן זיסן שמייכל די שפילקע-קעפּלעך: יאָ, יאָ! (אויף לשון־קודש; הן, הן!) און קיין איינציקער פון די פיין־שרייבער וואָלט היינט אויף מיין אָרט קיין שטעט און שטעטלעך נישט געהאַט...

און אַצינד, אַז איך האָב זיך שוין אַביסל אָפּגערעדט פון האַרץ, ווילן מיר זיך נעמען צו די הכחשות!

און פריער פאַר אַלעם מוז איך מיר קלאַפּן אין הארץ אריין על חטא שחטאתי כנגד הגעאָגראַפיע...

לויט מען שרייבט מיר, האָב איך עובר געווען אויף „לא תוסיף“ מיט „לא תגרע“, איך האָב זי געשלאָגן, די געאָגראַפיע, מיט „חסיר ויתיר“; עטלעכע שטעט און שטעטלעך האָב איך איבערגעוואָרפן פון זייער גובערניע אין פרעמדע גובערניעס אַריין. עפּעס א קריי־ווינקל האָב איך מיט איין שטראָך מיט דער פעדער געזאָלט איבערטראָגן ת״ק מאות פרסא...

עס קאָן זיין, אַז שולדיק איז דער בחור הזעצער, וואָס קראצט מיך שטענדיק אין דער זיבעטער ריפּ מיט זיינע גרייזן...

עס קאָן זיין, אַז שולדיק זענען די קאָרעספּאָנדענטן (בפרט די יונגע, וואָס שרייבן נאך אויף געווירעט פּאפּיר), וואס נוצן ס'רוב פּאַפּיר גרינס, טינט ווייסע, און שרייבן פּאַרציקט, מלאכים־כתב, שבועות־רויזעלעך...

און אפשר בין איך אליין שולדיק, ווארים באמת — איך קען קיין געאָגראַפיע נישט, און דעריבער טאָקע. זאג איך קיינ־מאָל קיין עצה נישט, וואוהין מען זאָל פאָרן... טייל ערטער, מיין איך, אַז זיי זענען אין טיף רומעניען און זיי ליגן גאָר אין דער „טשערטא“ וכדומה... סיי־ווי־סיי, איך נעם די זינד אויף מיר; חטאתי, עויתי, פשעתי...

— עס איז מיר נאָר א וואונדער אויף די פּראָטעסטאַנטן — כדאי אויף דעם פּאָסט־מאַרקן צו לעגן?... איך הויב אָן חושד צו זיין, אַז אָדער עס זענען גלאַט פּאַנאַטיקער און וואָלטן זיך געלאָזט שניידן, פאַרוואָס עס איז פאַר אַן אמת, אָדער — די פּאָסט־מאַרקן זענען ג ע ו א ש ע נ ע...

דורכגייענדיק, האָב איך אמאָל דערמאָנט דווינסק (די גו־בערניע וועל איך שוין נישט זאָגן). כלאחר־יד האָב איך אָנגע־רירט די דווינסקער באַלעבאַטישע טעכטער. איך האָב דערציילט, אז דווינסקער באַלעבאַטישע טעכטער האָבן זיך פאַרן לעצטן

פּסח געשטעלט לשם־שמים צום פּאָדריאַד און האָבן געבאַקן מצות פאַר אָרעמע לייט.

און איך בין אַריינגעפאַלן!

צום פּאָדריאַד האָבן זיך נאָר געשטעלט אָרעמע פאַבריק־מיידלעך! דאָס האָבן זיי די אָרעמע מיידלעך, נאָך פערצן צי זעכצן שעה אַרבעט אין פאַבריק, געשטעלט זיך אויף גאַנצע נעכט צו דער אָרעמער מצה..

אַז דער אומגליקליכער נומער „יוד״, וואו די מעשה איז געשטאַנען, איז געקומען קיין דווינסק, איז געוואָרן ,אַ רעש, אַ מהומה! „גאַנץ דווינסק — האָט מען געשריבן — קאָכט! קללות הענגען אין דער לופט. ס׳טייטש, אַזוינס אויסטראַכטן אויף יידישע באַלעבאַטישע טעכטער!

מילא — כל־זמן דווינסק האָט געקאָכט, האָב איך געשוויגן. מיט בייזן פירט מען בײַ מיר נישט אויס! נאָר היינט, אַז דווינסק האָט זיך, ווי דער גהינום איבער שבת, אָפּגעקילט, טו איך איר צוליב.

איך בין מודה ומתודה, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט, אַז די העכערע דווינסקער טעכטער האָבן צופיל געשמאַק, צו ווייסע אָדער ראָזיקע הענט, ווי אויך צו פיל נדן — זיי זאָלן זיך שטעלן צו א „מיירע״...

איך קלאַפּ מיר ווייטער אין האַרץ אַריין: חטאתי, עויתי, פּשעתי!

מיט די פאַבריק־מיידלעך וועל איך מיך ערגעץ אַנדערש, צי אַן אַנדערש מאָל אָפּרעכענען!

וואָרום באמת — אַרבעט איז טאַקע הייליק, אַזוי זאָגט קהל און רב און דאָס גאַנצע פּעקל באַלעבאַטים, און נישט דווקא דווינסקער, אָבער פערצן צי זעכצן שעה איז לכל הדעות געגוזמא...

אַצינד גייט אַ גראָבע הכחשה, אַן הכחשה בעל־פּה..:
בײַ מיר אין שכונה אַן הכחשה!
עטלעכע וואָכן צוריק, אין אַ שיינעם העלן פרימאָרגן (אַ סך

ראָמאַנען הויבן זיך אַזוי אָן אויפן פּאַפּיר, באמת איז די לבנה מער בר־מזל דערצו), הכלל — צומאָרגנס עטלעכע וואָכן צוריק, קומט צו מיר אַריין אַ הויכגעוואַקסענער יונגערמאַן אין אַ גאַליי־ציש קאַפּעליושל — פאַרשטיי איך שוין אַ כלי־קודש.

אין אַ שיין שטיקל כלי־קודש. אַ ה ו י כ ע ר יונגערמאַן, א געוואַשענער. דאָס בערדל פּארקעמט, אַ קאַפּאָטע — קיין מעשה נישט. ריין, אפילו אַביסל עלעגאַנט. אַ פּאָר אויגן גאָר־נישט קיין נאַרישע! אַביסל קאַלטלעך, אַביסל דורכבוירנדיק, אביסל אומרוהיק, נאָר קלוג!... דאָס איז א מענטש — טראכט איך — וואָס האַלט זיך נישט פאַר מחויב צו קוקן נאָר זיך און יענעם אויף די פיס, ער קוקט אַמאָל אפשר אין הימל אַריין אויך!

איין האַנט האַלט ער ביים גארטל, און דער גאַרטל — אַ פיינער, אַ זיידענער, די צווייטע האַנט ביים קאַפּעלוש. ער קלערט: יאָ אַראָפּנעמען, נישט אַראָפּנעמען. עס בלייבט יאָ, און עס באַוויזט זיך א יאַרמולקע, אַ שפּיציקע, נאָר אָן פעדערן, אַ פיינע שוואַרץ־סאַמעטענע יאַרמולקע.

עס מאַכט זיך אַ שמועס:

— גוט מאָרגן.

— גוט יאָר.

— מיט וועמען האָב איך די ערע?

— וואַרשעווער דין...

— אָ! זייער אנגענעם — זיצט.

ער דאַנקט און זעצט זיך...

— וועמען אָדער וואָס האָב איך צו פאַרדאַנקען — — —

— אַזוי... איר זייט דאָך די „בין"?

— איינמאָל אין דער וואָך...

— האָב איך געוואָלט זען „אַ בין", וואָס בייסט אַזוי רבנים...

— נישט דווקא רבנים...

— דער עיקר...

— אפילו נישט דער עיקר... ביי מיר איז אַלץ איינס אַ סטריימל, אַ ספּאָדעקל, אַ קאשקעטל, אַ צילינדער—וואו חיונה..

— סיי ווי סיי איז דער מיין: חלול־השם, מבזה זיין די תורה־הקדושה, אָפּשוואַכן יידישקייט...

ביז ווערן טאָר מען נישט, א י ך בין דאַך באַלעבאָס, ע ר — מיין גאַסט, זאָג איך געלאַסן:

— איר האָט אַ טעות, רבי! ווער עס וויל אָפּשוואַכן יידישקייט, וועט אַזוינע רבנים, וואָס איך בייס, אויסשמירן מיט האָניק־
וואָס מער אַזוינע רבנים — מער חלול־השם, מער בזיון פאַר דער תורה... וואָס מער איר דערווייטערט זיך פון לעבן, מער דערווייטערט זיך דאָס לעבן פון אייך! וואָס וויניקער איר פאַרשטייט דאָס לעבן, וויניקער גלויבט מען אייך, ווארום...

— זייט מוחל, איך וויל מיט אייך קיין ויכוח נישט האָבן... איך האָב אייך נאָר געוואָלט זאָגן, און — —

— און וואָס נאָך?

— און זאָגן אייך — — —

— אַז וואָס?

— אַז מיין חבר ר׳ פּסחיהן האָט איר אַ גרויסע עולה געטאָן... איר רימט דאָך אייך מיט גוטהאַרציגקייט, מיט מענטשלעכקייט, מיט ערלעכקייט — און עולות טוט איר — — —

— וואָס פאַר אַן עולות?

— למשל ר׳ פּתחיה — —

— וואָס זיצט אין וואַ ר ש ע און האָט אַרויסגעגעבן אַ הכשר קיין ווי ל נ ע אויף געברידער פּאָפּאָווס טיי פון מ אָ ס ק ו ו ע?

— יאָ...

— ער איז טאַקע געווען אין מאָסקווע? אַראָפּגעכאַפּט זיך בסוד?

— חס־ושלום, נישט גערירט זיך פון אָרט!

— וואָס דען? געברידער פּאָפּאָוו האָבן צוליב דעם הכשר איבערגעשיקט דעם גאַנצן לאַגער טיי פון מאָסקווע קיין וואַרשע צו ר׳ פּתחיה דין?

— איר מאַכט חוזק... ר׳ פּתחיה, מוזט איר וויסן, קאָן לערנען, ער האָט גאָר געמאַכט אַ גזרה־שוה אויף טיי פון ווייץ...

— דהיינו?

— איר ווייסט, ווי אזוי מען איז מכשיר, למשל, אַ קופּע ווייץ אויף פּסח?

— נו?

— פאַרגעסן, נעבעך! אַ נאַרישקייט, זאָגט מען, געדענקט זיך איר האָט דאָך אין חדר געלערנט, שיט מיט גמרא-ווערטלעך, ווי מיט באָבקעס... האַ? אַ פּנים נ י ש ט קיין נארישקייט און דעריבער פאַרגעסן? וואָס?

— רבי, אפשר צו דער זאַך?

— זאָל זיין צו דער זאך, ויכּוחים האָב איך פיינט...

על פּי שולחן ערוך, אז מען דארף דורכקוקן אַ קופּע ווייץ אויף פּסח, איז מען מחויב איבערצוקוקן קערנדל ביי קערנדל... מען גייט צו צו דער קופּע, מען נעמט אַרויס פון דריי ערטער צו-ביסלעך ווייץ, מען קוקט זיי דורך, טאַקע שוין קערנדל ביי קערנדל... און — אויב אין די אלע דריי ביסלעך געפינט זיך נישט קיין אויסגעוואַקסן קערנדל, קיין חשש פון אַ צומישונג פון אַן אַנדער חמץ — איז מען מכשיר...

— וואָס איז מען מכשיר?

— די קופּע ווייץ?

— נישט דעם פּריצס ווייץ פון אַלע קופּעס, פון אַלע שפּייכלער, פון אַלע פאָלווערקן?

— ניין... יעדע קופּע פּרובט מען!

— און וואָס האָט ר׳ פּתחיה געטון?

— ער איז אַריינגעגאַנגען אין פּאָפּאָווס אַ סקלאַד...

— אין מאָסקווע?

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, ער איז אין מאָסקווע נישט געווען!

— אין ווילנע?

— אויך נישט. אין אַ וואַרשעווער סקלאַד איז ער אריינגעגאַנגען... אַראָפּגענומען פון דריי שענק צו איינציקע פּעקלעך טיי, דורכגעקוקט, קערנדל ביי קערנדל... גאָרנישט געפונען, קיין חשש חמץ נישט געפונען...

— און מכשיר געווען דעם וואַרשעווער סקלאַד?
— אָ! אַזאַ חכם זענט איר!
— איר גלייכט טאקע טיי צו וויין! איר מיינט, עס איז גאָר אינגאַנצן גלייך?
— איר האָט א טעות. הוא אשר דברתי — איר האָט אפשר אמאָל געקאָנט, נאָר פאַרגעסן...
טיי איז נ י ש ט געגליכן צו וויין...
טיי איז גלאַט כשר!
ווי קומט המץ צו טיי? אדרבא. איך פרעג אייך?
— נאָר וואָס דען גיט מען הכשרים אויף טיי?
— דאָס איז שוין ר׳ פתחיה נישט שולדיק...
— ווער דען, איך בין שולדיק?...
— נישט ע ר און נישט א י ר! שולדיק (שולדיק? עס רעדט זיך נאָר אזוי...) שולדיק איז וויסאָצקי...
— דער נדיב?
— יאָ! דער טיי-פאַבריקאַנט...
— דער מיט די קרן-קימתן...
— דער אייזערנער... יעדער ייד האָט זיך זיין טבע: דער וויסאָצקי האָט אַ טבע צו רעשן! גיט ער א קערבל, גיט ער עס מיט קולי קולות... להבדיל ווי די תורה אויפן בארג סני — מען פייפט, מען דונערט, עס קלינגט אין אַלע צייטונגען, עס בליצט פאר די אויגן...
איך בין נישט אזוי פאַרפרומט, ווי איר מיינט. איך לעז (אפילו בכוד) „הצפירה״, „המליץ״, אפילו „בודושטשנאָסט״ און „וואָסכאָד״...
— דעם „יוד״ אויך...
— ניין, יידיש האָב איך פיינט... יענע לעז איך... כ׳וויל וויסן.. מילא — שווינדלט מיר פאַר די אויגן פון וויסאָצקיס נדבות... דאָ געטיילט, דאָרט געטיילט, דאָ געבלאָזן, דאָרט געדונערט — טע- לעגראַפן, ווי ביי אַ פאַרצייטיקן פאָדריאַדטשיק...
און אַז אַזאַ ייד האָט טיי, בלאָזט דער שופר וועגן טיי... דאַרף ער הכשרים, פון דעם, פון יענעם רב, פון מ א ה רבנים...

נו, אַז וויסאָצקי האָט א הכשר, וויל פּאָפּאָוו אויך אַ הכשר
אַ הכשר אויף כשר מעג מען געבן...

— און אומזיסט געלט נעמען אויך?

— אָ! אייערע זאכן! איר האָט ליב רבנים צי צדיקים, וואָס האָבן אליין האָלץ און הייצן איין ביי אָרעמע אַלמנות... אַ רב דאַרף אויך עסן... און אַז מען וויל עסן, מוז מען — — — — —

— פאַרקויפן די תורה־הקדושה, אויפן קווינט און אויפן לויט...

— חס־ושלום! די תורה־הקדושה פאַרקויפט מען נישט! אַז מען קומט אַ שאלה פרעגן, כשר צי טרפה, ענטפערט מען אומזיסט, גאָר בחנם — — קהל צאָלט נאָר שכר בטלה — דער בעל־דין גאָרנישט, אויסער אַ כשר!... הכלל — אז מען פרעגט, ענטפערט מען אומזיסט... ווי איז אָבער דער פאַל, אַז אַ בעל־דבר הייסט זיך דעם ענטפער אויפשרייבן! שרייבן איז שוין קיין תורה נישט, נאָר א מלאכה, דערפאַר קומט שוין געלט... זאָל נעמט נישט פאַר שרייבן?

און אַצינד, אַז עס זענען מיר אלע קשיות פאַרענטפערט געוואָרן, אַז איך ווייס שוין, אַז טיי איז יאָ גלייך צו ווייץ און נישט גלייך צו ווייץ, אז אַ הכשר קאָן זיין אויף כשר, אַז געלט נעמט מען נאָר פאר שרייבן, רוף איך מיינע ווערטער קעגן ר פתחיהן צוריק...

חטאתי, עויתי, פשעתי —

מודה ומתודה בין איך. אַז איין שאלה איז מיר געבליבן פאַרוואָס געפינט זיך נישט קיין בית־דין־צדק, למשל אין וואַרשע וואָס זאָל איינמאָל מכריז ומודיע זיין, אַז טיי דאַרף קיין הכשר נישט?

נאָר איך האָב אַ תירוץ אויף דער שאלה: איידער מען איז מכריז ומודיע, מוז מען די מודעה אויפשרייבן, שרייבן איז אַ מלאכה, פאַר אַ מלאכה קומט געלט — — —

הכלל, ווי אויבן איז געשטאַנען — שולדיק איז וויסאָצקי..

עס זענען געבליבן עטלעכע קליינע הכּחשות:

אויף איין אָרט אין „שטעט און שטעטלעך“ האָב איך געשריבן, אַז דער רבי מיטן ברייטן האַרץ, וואָס האָט אָפּגעשוירן די שאָף אין ס ו ו ע ר ש און אין דער סביבה הייסט ר׳ יעקב לייבעלע, און עס איז אַ טעות געווען!

מען שרייבט מיר, אַז ר׳ יעקב לייבעלע, אויך אַ שאַרפער שערער, איז שוין לאַנג אַ שוכן-עפר. די דרייסיק קאָפּיקעס אויף י״ש פֿאַר חסידישע „גשרפים“ האָט געגעבן זיין זון ר׳ דודל בר׳ יעקב לייבעלע.

סיי ווי סיי — זיין זכות זאָל אונז ביישטיין: דעם פאָטער, עליו השלום, אויך, וואָס מער איז בעסער.

און אין די לעצטע „שטעט און שטעטלעך“ איז אויך אַריין אַזאַ מאָדנער טעות. דער צדיק וואָס מאַכט איינער אַליין, אָן חברות, גאַנץ גוטע געשעפטן, שרייבט מען מיר, הייסט נישט, ווי איך האָב געשריבן, ר׳ לייב... ניין! נאָר ווי אַזוי ער הייסט, קאָן איך אייך נישט זאָגן, דער נאָמען איז דערטרונקען געוואָרן אין אַ בייזן קלעקס!

עס בלייבט מיר נאָך א יי ן הכּחשה — די לעצטע!

איר געדענקט אפשר נאָך די מעשה, וואָס איך האָב אייך דערציילט וועגן אַ קליינשטעטלדיקער חופּה מיט לעבעדיקע חופּה־שטאַנגען?

„אַ נאַרישקייט — זאָגט דער וואַרשעווער דין — געדענקט זיך“.

צום סוף שרייבט מען מיר: נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. דאָס הייסט — די מעשה אייגענטלעך איז אמת. דער גבאי פון דער חברה קדישא, וואָס האָט באַקומען, לויט זיין מיינונג, פון חתן אַ צו קליינע נדבה, האָט טאַקע די קהלישע חופּה מיט די חופּה־שטאַנגען באַהאַלטן, און מען האָט זי טאַקע נישט געפונען. — אַז במקום אַ חופּה האָבן פיר יידן אויסגעשפּרייט אַ טלית, איז אויך אמת. נאָר וואָס דען? איך האָב געשריבן, אַז די יידן האָבן זיך געשטעלט אויף פיר בענקלעך אין דער הויך, אַז איין שטול האָט געלאָמט און מען האָט עפּעס אונטערגעלייגט, ער

זאָל גלייך שטיין, דאָס — שווערט דער קאָרעספּאָנדענט בײַ זײַן ברענענדיקער ליבשאַפט צו אמת — איז שקר וכזב!

קיין שטול האָט אויף דער חתונה נישט געלאָמט, די פיר לעבעדיקע חופּה־שטאַנגען האָבן זיך גאָר אויף קיין שטולן נישט געשטעלט — „נישט קיין בערן, נישט קיין וואַלד", שרייבט ער.

„נישט מער די יידן זענען ה ו י כ ע יידן געווען, התן־כּלה האָבן זיך אַביסל איינגעבויגן..."

אדרבּא! איך נעם מיטן גאַנצן האַרץ מיינע רייד וועגן די בענקלעך צוריק — ה ו י כ ע יידן האָב איך ליב!

15

28־טן אויגוסט 1902

געלויבט איז זיין ליבער נאָמען — איך האָב געטראָפן! און דער יעקאַטערינאָסלאווער צווילינג האָט געטראָפן! דער צווילינג האָט זיך אויפגעזעצט אין תיג אויף נביאות געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ גערעטעניש, און עס איז! אויב דער רעגן וועט לאָזן בשלום אראָפנעמען פון פעלד, וועט זיין אַ זעט — און איך האָב געזאָגט, אַז איבער דער וואָך וועט זיין אַ גערעטעניש אין ידיעות פון דער פּראָווינץ און קיין עין־הרע, אַ פּאָסט — אַ מחיה!

דער צווילינג איז באַלד נפטר געוואָרן און אויפן צדיקס באַפעל האָט מען זיי באַגראָבן בכבוד גדול; איך בין אייך מוחל דעם כבוד — לאָזט מיר נאָך לעבן עטלעכע יאָר. אלע צדיקים להבעיס, און נחת שעפּן פון יידישע שטעט און שטעטלעך...

דערפאַר וועל איך אייך קודם־כל דערציילן אַ מעשה פון אַ יונגל מיט אַ מיידל.

נאָר מאַכט, איך בעט אייך, נישט קיין מיאיסע גרימאַסן... ערשטנס, וועט מען אייך נישט גלויבן, צווייטנס, וועט דערביי קיין שלעכטס נישט זיין, — קיין פונק יצר־הרע!

עס זענען, ערשטנס, נאָך צוויי יונגע קינדער: דאָס יונגל איז אַלט אַ יאָר זעקס, דאָס מיידל — א יאָר פיר אינגאַנצן און צווייטנס, זענען זיי ווייט איינס פון צווייטן כמעט כרחוק מזרח ממערב...

די קינדער זענען פינדל־קינדער!

דאָס יונגל האָט מען געכאַפּט אין בראילאָוו, פּאָדאָליער גובערניע, ביי אַ קריסטלעכן אַלטן פּאָר־פּאָלק, וואָס האָט נישט געקענט באַווייזן, פון וואַנען עס קומט צו זיי אַ קינד מיט אַ

לענגלעכן פנים, העלע האָר, בלויע אויגן, וואָס האָט אַ יידישן פּ ע ל ע ר און פאַרשטייט נאָר עטלעכע ווערטער יידיש... אין דאָס מיידעלע מיט אַ יידישן מיילכל אויף שרייבן האָט מען געפונען אין אַ וואַגאָן פון דריטן קלאַס אויף דער באַן־סטאַציע כעלם — אן עיר ואם בישראל מיט פיר רבנים: דער „טאָמאַשאָווער", דער „קרילאָווער", ר' בנימינ׳שע און ר' נטעלע — פיר אייזערנע זיילן, אויף וועלכע די חכמה שטייט... נאָר דאָס אין מאמר המוסגר.

מיטן יונגעלע אין בראַילאָוו באַשעפטיקט זיך דערווייל דער סודעבני סליעדאָוואַטעל; דאָס כעלעמער מיידל האָבן כעלעמער גבירות איבערגעגעבן צו אן אָרעמער משפחה... זיי פאַרגעסן נאָר צו צאָלן... דאָס איז אָבער א קלייניקייט; די אָרעמע משפחה האָט אירע אייגענע זיבן קינדער, און וואו און ווען זיבן קינדער עסן, קאָן דאָס אַכטע אויך אַריינשטעקן א לעפל...

מען שרייבט מיר אפילו, ווי די כעלעמער גבירות הייסן, איך וויל דאָך נישט אויסרעכענען די נעמען, טאָמער פאַרגעס איך איינע, און דאָס איז אַ געפערלעכע זאַך... אַ האָנאָראָווע שטאָט כעלעם!

פאַר אָרעמע קינדפּעטאָרינס האָבן ערשט נישט לאנג די כעלעמער גבירות געמאַכט א חברה „תומכי-דלים"׳ דער נאָמען איז נישט אַזוי פּאַסנדיק, נאָר וואָס שאַדט עס? הלמאי א ביבליאָטעק אין ירושלים הייסט „בית-נאמן". עס האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן געלט צו פאַלן, מען האָט שוין צושטעלט עטליכע טעפּ רוטאַשקעס, צעשניטן עטלעכע אַלטע געשענקטע העמדער אויף באַנדאַזשן מיט ווינדעלעך... אַ גבירה האָט אַ נאָפּל-שער געשענקט... טרעפט זיך אָבער אַן אומגליק... עפּעס אַ כעלעמער שרייבער — איינער פון די כעלעמער וואָנסן-דרייער, מיט איבעריקע ברילן און פאַפּירענע קעלנער — האָט מודיע געווען דערפון אין „הצפירה" און נ י ש ט אַ ל ע דאַמען אויסגערעכנט! צ וו יי אינגאַנצן...

וואָס קלערט איר? די חברה איז געשטאָרבן אַ נפלה...

מקנא בין איך, נישט די כעלעמער יולדות, כאָטש עס איז באַראָן גרייט פאַר זיי א נאָפּל-שער מיט עטליכע טעפּ רומאַשקעס מיט אלטע העמדער אויף צווייערליי געברויך. — נישט אַפילו די צוויי פינגערל-קינדער, פון וועלכע איך האָב פריער דערציילט. — מקנא בין איך דעם צדיק צי דעם נביא, וואָס זיצט נאָך עד-היום בשלום ובשלוה אין ליובאָמיל...

עס נעמט אים נישט קיין קול! איינער אַ באַלעבאָס אַ לץ איז צו אים אריינגעקומען, פאָרגעשטעלט זיך פאַר אַ מלמד און געבעטן אויף פרנסה, און דער נביא האָט אים געגעבן אַ סגולה: ער זאָל טאָג ביי טאָג בודק זיין ביי די קינדער די ציצית, און דער באַהעלפער, אויב ער אליין קאָן נישט, זאָל זיי אַלע טאָג אריינשמייסן אַביסל יראת-שמים... קהל און רב לאַכט, דער פּראָסטער עולם אָבער האָט, ווי עס ווייזט זיך אויס, אַזוי ווייניק צוטרויען צו קהל און צום רב, אַז ער האַלט מיטן „נביא" שטאָל און אייזן... ער זאָל זיין אַ ש ל י ח מ י ו ח ד פון די ל"ו צדיקים!

אין ער מאַכט נישט קיין שלעכטע געשעפטן, דער „נביא"... עס מוז אים ג אָ ר גוט גיין, אז ער לאָזט זיך גאנץ אָפּט, אַפילו אין די דריי וואָכן, קלעזמער שפּילן! און אַז דער רב האָט (נאַטירלעך — שטילערהייט) זיך אויסגעדריקט, אַז אין די דריי וואָכן ט אָ ר מען נישט שפּילן, האָט אים דער רבי אריינגעשיקט אַ קוויטל, געחתמט: „שמואל דניאל המכונה „שד" בן הרב הגאון וכו' מירושלים" אין וועלכן ער ה ייס ט, דער רב זאָל זיך צו אים מטריח זיין מ י ט ד י ס פ ר י ם, וועט ער אים ווייזן, אַז האָט אַ טעות... אין די דריי וואָכן — שרייבט ער — מ ע ג מען שפּילן, ווייל „אין השכינה שורה מתוך עצבות..."

צי דער רב איז געקומען און מיטגעבראַכט דאס פּעקל ספרים שרייבט מען נישט...

איך האָב מורא, אַז יאָ...

אַ רב איז קלענער פאַר אַ צדיק, ווייל דער „המון" שטעלט העכער די ק ב ל ה פאַר דער ת ו ר ה...

און עס איז קיין וואונדער נישט... די קבלה קאָן צאַפּן יי"ש

פון דער וואַנט, על־כל־פנים צ ו ז אָ ג ן פרנסה... און די אָ פּ ע־נ ע תּורה האָט לא־עליכם, אַ מיאוסע טבע. זי ווייסט נישט מער נאָר „לא" און „לא", לא מיט אַן אלף, לא מיט אַ ספּאָדעק — נישט גנבע, נישט מסר, נישט רצחע, אפילו אָפּנאַרן לאָזט זי נישט... און פון וואַנעט וועט זיין פרנסה?

און אַ רב, אַ תּורה־מענטש, איז אַ ג ע ב ו נ ד ע נ ע ר מענטש. ווי עס איז פּסקענען פון ד ע ר ת ו ר ה מוז ער! אָבער אַ פרייער פויגל איז דער צדיק... וויל ער לאָזט ער זיך קלעזמער שפּילן אפילו אין די נײַן טעג... וויל ער — שטאַרבט אים תּוך־כּדי־דבור דאָס ווייב, און ער קויפט זיך אַ צווייטע פאַר זעקס הונדערט רובל אָפּטרעט געלט... נאָר דאָס איז שוין נישט דער ליו־באָמילער צדיק...

דאָס האָט שוין אַ ג ר ע ס ע ר ע ר צדיק געטאָן, און רבנים אפילו למדנים גרויסע, האָבן פאַר אים נישט גאָר דרך־ארץ — זיי קריכן אים אונטער די נעגל — — —

הערט אַ מעשה!

דער ביאַלער רב — אַ ייד אַ למדן, אַ נערער חסיד דאַכט זיך, האָט מעביר געווען אַן אַלטן שוחט, איינעם אַ ר' חיים, ווייל ער איז אַ „מרתת" — פאַר עלטער ציטערן אים די הענט...

עס קאָן זיין, אַז ער האָט עס, ווי טייל מיינען, צוליב גע־טאָן די נערער חסידים, וואָס זענען די גבירישע רעדל־פירער אין ביאַלע. און עס קאָן זיין, אַז ר' חיים, טאַקע אַן אַלטער ייד, איז ט א ק ע א מרתת, אַן אַנדער אין זיינע יאָרן, וואָלט שוין אפשר נישט געזען צו שעכטן — „כּי השוחט יעור..." האָט אַ גרויסער צדיק געזאָגט: שוחטים ווערן בלינד... דער עיקר איז: ר' חיימל האָט זיך נישט אַ וואָרט רעדנדיק אונ־טערגעגעבן, והעיר ביאַלע, על־כל־פנים די נערער רעדל־פירער — צהלה ושמחה — עס האָבן זיך שוין געוויזן יונ־געלייטלעך מיט סמיכות און מיט 15 הונדערט רובל אָפּ־צוקויפן ר' חיימלס שחיטה... ר' חיימל וואָלט אָפּגעלעקט אַ

ביינדל, דאָס פלייש וואָלט אין אַנדערע מיילער אַריין... עס וואָלט גוט געווען!

מאכט זיך אָבער אַזאַ מעשה: ויהי־היום — דער ביאַלער צדיק האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער מדינה און צוזאַמענגע־קאַשפּערט אויף הוצאות און איז (מיטן בני־בית, זאָגט מען) אַוועקגעפאָרן אין אַן אויסלענדיש (ווער ווייסט, אויב נישט האַ־קאַטיסטיש) באָד אַריין (דער דאָקטאָר זיצפלייש וועט אַודאי טרייבן דערפון אין ווארשעווער „איזראַעליט“)... און אויף דער צייט, ביאַלע זאָל חלילה נישט בלייבן אָן אַ צדיק, האָט זיך אהין אָפּגעכאַפּט, אויף פרישע לופט, הייסט עס, דער קאָצקער צדיק מיטן צווייטן ווייב...

ווייזט זיך אויס, אז ער קאָן אין ביאַלע קיין פלייש נישט עסן! פון אַ פרעמדן חסידס שחיטה עסט ער נישט, און דער איינציקער קאָצקער חסיד, ר׳ חיימל שוחט, איז געוואָרן א„מרתת“... דער רבי האָט עגמת־נפש פון ר׳ חיימלען, די צווייטע רביצין האָט עגמת־נפש, ווייל דער רבי האָט עגמת־נפש, די — פרישע לופט וועט נישט „פועל־יוצא“ זיין... מוז נעבעך דער ביאַלער רב, אַ ייד אַ למדן, נאָר — אַ תלמיד חכם שאין בו דעה, מקיים זיין „הפה שאסר — הפה שהתיר“, און בחרפתנו לאָזן אויסרופן בקהל, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט — ר׳ חיימל איז נישט קיין „מרתת“, פון זיין שחיטה מעג מען, עס איז אפילו אַ מצוה צו עסן...

פונדעסטוועגן זענען נישט אלע רבנים אַזוי שוואַך!

אין דער פּוילישער גובערניאַל־שטאָט שעדלעץ איז פאראַן אַ רב — אַן עמוד ברזל! געזאָגט איז געזאָגט! עס זאָל אפילו קומען צו פּאַלש מסרן, צו פּאַלש שווערן...

איך ווייס נישט, ווי אַזוי ער איז זיך נוהג בנוגע צו צדיקים, נאָר מיט אַ יידישן לערער האָט ער אויסגעפירט אַ שטיקל, קומט אים אַ מעדאַל, נאַטירלעך אַ יידישן מעדאַל, אָן אַ שתי־וערב, חס־ושלום!...

די מעשה, לויט מען שרייבט, איז אַזוי געווען.

אין שעדלעץ זיצט שוין אַ יאָר פּוּפּצן אַ יידישער לערער און אַרבעט שווער און ביטער צו דערנערן אַ ווייב מיט ניין קינדער... אזאַ לערער איז אַפילו אַ שטיקל חמץ אין שטאָט. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז מען איז אין גלות. על פּי דיני דמלכותא מוז מען לערנען רוסיש אין די חדרים, און קיין „רוּ־סישער גוי" איז אונטער דער האַנט נישטאָ. פאַרבייסט מען די ליפּן און מען שווייגט... דער לערער לערנט אפילו עטלעכע אָרעמע קינדער — נאָך פוּפצן צי זעכצן שעה אין טאָג אַר־בעט — אוּמזיסט. עפּעס האָט ער מחזקות מיט די מרבי־השׂכּלה אין פּעטערסבורג. וואָס זאָל מען אָבער טאָן? אַזוי ווי געזאָגט— מען איז אין גלות...

פאַלט אים אָבער איין, דעם יידישן לערער, צו עפענען אַ „חדר מתוקן". ער האָט נאָך די העזה צו קומען צום רב, בעטן אַ „סווידיעטעלסטוואָ" דערויף — דאָ האָבן שוין אַלע סטרונעס געפּלאַצט...

דער רב זאָגט: לא! און עס בלייבט „לא"!

דער לערער (אין דאָס איז אפשר נישט שיין, נאָר — וואָס טוט נישט אַ ייד צוליב פּרנסה) — דער לערער באַקלאָגט זיך פאַר „נאטשאַלסטוואָ", ענטפערט דער רב — דעם נצחון צוליב! — אַז דער לערער איז, נישט פאַר אייך געדאַכט, פון יענע לייט... אַ געפערלעכער מענטש, ער וויל מעביר נחלה זיין אַלע באַלעבאַטעם. נישט גראָד שעדלעצער... ער וויל, חס ושלום, עוקר מן השורש זיין דאָס מלכות... אין שאַרפט זיך דאָס גאָל־מעסער אָן די רציעות...

נאָך אַ חקירה ודרישה האָט זיך אַפילו אַרויסגעוויזן, אַז דער לערער איז נישט עובר אויף קיין איינציקן פון די פינף לאוין ביי דער באָרד און האַלט קיין גאָל־מעסער נישט אין שטוב; אַז אפילו ווינטער, אין די גרעסטע נעכט, האָט ער קיין הרהורים רעים, אַפילו קיין בייזע חלומות נישט, ער היט בכבוד גדול דאָס היטל פאַרן קלענסטן פון די גרויסע... נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך גאָר אינגאַנצן באַרוהיקט, אָבער שעדלעץ נישט! עס איז אויף שעדלעצער באַלעבאַטעם איין מאָל פאַר אלע מאָל אַן

אימה געפאַלן און דער אומגליקלעכער לערער מוז עוקר זיין פון שעדלעץ...

האָט ער אָבער נישט אויף הוצאות! בעט ער, אַז מען זאָל אים באַצאָלן, וואָס עס קומט אים פאַר שטונדן אין תלמוד־תורה, זאָגט דער רב ווייטער: לאו! קיין גראָשן נישט! און אַז דער לערער קלאָגט זיך ווייטער — קפץ ונשבע: שפרינגט אויף דער שעדלעצער רב און שווערט, אַז להד"ם! עס איז גאָר אין שעד־לעץ קיין תלמוד־תורה נישט פאַראַן!

נאָר האמת נתן להגיד: אַפילו דער ביאַלער רב וואָלט אויך אַזוי לייכט נישט אָפגעטראָטן.

די מעשה איז געווען, וואָס צו הילף דעם קאָצקער רבין איז געקומען אַ קאָצקער חסיד, אַ ביאַלער פּאָדריאַדטשיק, אַ שטיקל קרוב למלכות...

— אָדער ר׳ חימל וועט שעכטן — האָט ער געזאָגט — אָדער איך וועל בעטן דין־וחשבון. וואו עס קומט אַהין קהלשע געלט שוין אַ שיינע עטלעכע יאָר... און גאָך. און נאָך זאַכן...

די גערער חסידים, וואָס פירן אין ביאַלע דאָס רעדל האָבן בטבע פיינט חשבונות, נישט פאַר נאַטשאַלסטווא, גישט פאַר דער שטאָט... מאַלע, וואָס עס רינט דורך די שיטערע פינגער... דער רב דערוויל איז נישט קיין עקזאַמינירטער. פעלשן אַן עקזאַמען־שיין ווי ר׳ צבי אלימלך דינאָווערס אייניקל אין אונגאַריש מונקאַטש, פאַלט אים נישט איין. האָט מען געמוזט אָפטרעטן...

נאָר דעם ביאַלער פּאָדריאַדטשיק בין איך אויך נ׳ ש ס מקנא...

שווייגן וועט מען אים נישט...

עס האָט זיך שוין אַפילו אָנגעהויבן. אין אַ שענעם העלן פרייטאָג, אַז דער פּאָדריאַטשיק האָט זיך געטובלט אין מקוה, זענען אַריינגעפאַלן עטלעכע יונגעלייט, גערער חסידים, צוגעכאַפּט דעם פּאָדריאַטשיקס מכנסים, אנטלאָפן מיט זיי אין שטיבל און

אַריינגעשמיסן, וויפל עס האָט זיך געלאָזט — שטיקער זענען געפלויגן!

ווי אַזוי דער פּאָדריאַטשיק איז אַהיימגעגאַנגען פון מקוה, שרייבט מען נישט...

נאָר נישט דאָס איז דער עיקר — דער עיקר איז, אַז נישט אייביק איז מען פּאָדריאַטשיק!

און נישט אייביק לעבט מען...

איך בין אים נישט מקנא, אַז די מתעסקים (סאַמע געטרייע חסידים) וועלן זיך צו אים נעמען אויפן טהרה־ברעט!...

קאַלט ווערט אין די ביינער.

17

4־טן סעפּטעמבער, 902

איר האָט שוין צייט געהאַט צו באַמערקן, אַז איך האָב מיך ליב צו פאַררופן אויף שלמה המלך. להבדיל ווי אַן אָרעמאַן, וואָס וויל קרעדיט, אויף אַ רייכן פעטער אָדער אַ גאָלדענער „בן סורר־ומורה“ אויף א ירושה פון אַמעריקע... אַזאַ טבע האָב איך! איך האָב אפילו אַ שטיקל טענה צו שלמה המלך: אַליין געזאָגט „ברוב דברים לא יחדל פשע“ — אַז מען זאָגט אַ סך, מוז מען אַמאָל אַריינפאַלן, און ארויסגעכאפּט זיך מיט אַ פּסוק: „אין כל חדש תחת השמש“ — אַלץ, הייסט עס, איז שוין געווען! און אויף דעם פּסוק, ווי איר ווייסט, שטעלן זיך אַלע צוריק־ציער, אַלע צוריק־שלעפּער און הינטערפּיסלעך־טענצער, ווי די פליגן אויף אַ פלאַסטער האָניק... פון דעם פּסוק ציען אַלע אונזערע פינסטערע הייליקע שפּינען אַרויס די שוואַרצע פעדים און שטריקן דאָס דיקע פּרוכת פאַר דער כנסת ישראל, צו פאַרשטעלן איר די ליכטיקע שיין... נאָר טענות אַהין, טענות אַהער, דער סוף פון קהלת איז אויך נישט פון צוקער — אָבער אַ חכם איז ער געווען, אוצר חכמות האָט ער איבערגעלאָזט, און מיר אָרעמע ווייטע קרובים שלעפּן, פּונקט שלעפּן מיר, און עס איז אַפילו קיין נאָנטער יורש נישטאָ, ער זאָל פאַרלאַנגען נוץ־געלט...

און שטעלן וויל איך מיך די וואָך אויפן „את זה לעומת זה“ — אויפן „איינס קעגן דאָס אַנדערע“; יעדער מלבוש האָט זיין „פּאָדשעווקע“, יעדע מטבע זיין „רעשקע“, דורך און דורך גוט אָדער שלעכט קאָן נישט זיין... דאָס בעסטע און געטרייסטע פאָר־פאָלק וואָלט נישט אויסגעהאַלטן, עס זאָל שטענדיק זיין גוט־וואָך...

„איינס קענן דאָס אנדערע האָט גאָט באַשאַפן". ער האָט באַשאַפן דעם „עץ-הדעת" מיט זויערע עפּל, הוילע ניס צי אויסגעגעסענע פּשוטע פּ יי ג ן, — עס איז גענוג אַן אויג צו וואַרפן, עס זאָל שוואַרץ ווערן פאַר די אויגן, ביטער אין מויל און מען זאָל אויפן אָרט און שטעל באַקומען לייב-שמערצן, — האָט ער דערפאַר באַשאַפן דעם „עץ-החיים" מיט רויטע, געזונטע, פרישע עפּל, מיט רויטע בעקלעך און אַ טעם גן-עדן... א שאָד, וואָס די מלאכים מיט די שאַרפע שווערדן לאָזן נישט צו...

און ווידער פאַרקערט: ער האָט באַשאַפן דעם אדם הראשון, אַ פרייען פויגל אין גן-עדן... אַלס בחור, וואָלט ער אָפּגעלעבט זיין עולם-ועד און אפשר מיט אַ שמייכל, שפּילנדיק, זינגענדיק און טאַנצנדיק, אָן אַ קנייטש אויפן שטערן — גייט ער, דער רבונו של עולם, און באַשאַפט אים אַ צולאָג: חוה די צדקית... וואָס זי האָט פון אים געמאַכט, ווייסט איר פון דער תורה; וואָס זיי האָבן ביידע פון אייך געמאַכט — קוקט אין שפּיגל אַריין!...

און אַזוי ווייטער — — —

און עס איז אַן אמת ביזן היינטיקן טאָג! ז ע ל ט ן אַן אמת זאָל זיך אַזוי לאַנג האַלטן...

נעמט, למשל, די לאַנגע זומער-טעג — אַן אומרוהיקע צייט. „זלידנע פליגן, קיין אויג נישט צוצומאַכן... אפילו אַ זאַמאָשטשער, צי אַ כעלעמער דאָזאָר, עפּנט אמאָל, בשעת אַראָפּיאָגן אַ פליג, אַ האַלב אויג און ט-ט תוך-כדי דבור אַ קלער: „אפשר פאַרט אַ יושר צו ענדיקן דאָס שפּיטאָל... אַזוי פיל יאָרן... געלט איז דאָ... פּלאַץ איז דאָ..." אפילו רבנים, דערציילט מען, דרעמלען אומרוהיק. באַקומען הרהורים רעים, רייבן זיך פון צייט צו צייט די היכע, ווייכע, קלוגע שטערנס און האָבן ישוב: אפשר פאַרט טון די האַנט אין קאַלט וואַסער אַריין! בכלל — אַן אומרוהיקע צייט. — האָט איר דערפאַר שטילע לאַנגע ווינטער-נעכט, ווען, נישט נאָר דאָזאָרעס מיט רבנים, נאָר גאַנץ קהל-הקודש, ווער עס איז נאָר אַ שטיקל בעל-הבית און האָט וואו דעם קאָפּ אנידערצולעגן, אויב עס „טליעט" אים וואָס עס איז פאַר אַ שטיקל קאַר-

שטאַרבע אין מאָגן, — ציט ער זיך גרויס, ווי אַ מלך אין גרר, און שלאָפט, ווי גאָט אין פראנקרייך...

נעמט, למשל, גבאות...

כדי דאָס פינסטערע בלוט זאָל אין פינסטערן גלות, אין די קאַלטע לענדער און שלימזלדיקע שטעט און שטעטלעך נישט פאַרגליווערט ווערן אין די בלאָ־בלויע אָדערן, האָט גאָט, ברוך הוא, באַשאַפן, אויסער צער פון גלות השכינה, צער גדול בנים ביי קליינע פראָצענטן אין די שולן, און אויסער דאגת פרנסה בשעת מאָנאָפּאָל — באשאַפן די תאוה צו גבאות! — אַ ייד גייט אַרום, ווי אַ גולם, ציילט די שטיינער אין גאַס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און גלעזערנע אויגן, — דאַכט זיך, אָן חיות, אָן אַ טראָפּן בלוט... פּלוצים שפּרינגט ער אונטער ווי אַ ציג, ווערט רויט, ווי אַ בוריק, די אויגן פלאַמען אויף, ווי שטורקאַצן, ער הויבט אָן צו וואַרפן די הענט און צו מאַכן אַ ווינט־מיל — וואָס איז? ער האָט זיך דערמאָנט אַן דער נאָנטער קלפּי! — עס ווערט אים וואַרעם אין אַלע אברים, און דאָס גאַנצע שטעטל וועט זיך אויך דערמאָנען אָן דער קלפּי און וועט אויפקאָכן און זידן און שפּייען מיט פייער — דאַכט זיך, גוט? די „כנסת ישראל“ לעבט! — האָט איר דאַגעגן אַזא שטאָט ווי כערכאָן, וואו מען זוכט אַ בעל־עסקן אויף גבאות מיט ליכט אין אַלע גאסן און מען געפינט נישט... דאָס קהלשע הייזל, פעטע קרעפּל ליגט אינמיטן גאַס, און קיין הונט רירט זיך נישט צו!

און געפינט זיך שוין אַן אַדוואָקאַט, וואָס לאָזט זיך צו־רעדן, מען איז שוין, דאַכט זיך, מיט אים פאַרטיק, האָט ער אָבער תנאים! רעדט ער זיך אויס אַזוינע פאַרידדקעס, אַז עס איז מייל און אויערן אויפצושטעלן: אַ באַזונדער אָרט פאַרן כאָר, עפּעס אַ קאַסע פאַר אָרעמע לייט — און גאָט ווייסט, וואָס ער וועט נאָך אויסקלערן!

אָדער נעמט, למשל, מסירות!

אַ שפּאַס! דאָס איז דאָס איינציקע כלי־זין, וואָס עס האָבן פון אונז נישט צוגענומען, נישט די פלשתים, נישט די גרעקן, נישט די רוימער, און יואָס עס איז ביי אונז געבליבן עד היום אין גלות!

ביז אַהער, ווי איר ווייסט, איז כּלי־זין געווען, ווי דאָס שאַרפֿע מוהל־מעסער, ווי דער הייליקער שול־קלאַפּער און קרומער ימים־נוראים־שופר, כּמעט נאָר ביי כּלי־קודש אין די הענט...

אין די לעצטע צייטן פֿלעגן מיט דעם כּלי־זיין מלחמה האַלטן מלמדים מיט די „חדרים מתוקנים”, מיט די גלוחים — יידישע לערער... און איך האָב געמיינט, אַז דאָס האָט שוין קיין אונטערשלאַג נישט... שטייט דאָך אָבער בפירוש: על דאטפת אַטפוך — אַז איין צד האָט אַ לאַנגע צונג, מוז דער צווייטער אַרויסשטרעקן אַ לענגערע... שרייבט מען טאַקע פֿון נאָוואָגעאָר־געווסק, כּערסאָנער גובערניע, אַז דאָרט איז אַראָפּגעקומען אַ יידישער לערער, טאַקע אַ גלוח, ער עפֿנט אַ חדר מתוקן און זאָגט בפירוש, אַז ער וועט מסרן די מלמדים... פֿאַר לערנען אין טאָבעלנע טעג, פֿאַר נישט מאַכן קיין וואַקאַציעס וכדומה...

סיידן די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן, אויסגעטראַכט פֿון אַ מלמד!

נאָר ליגן צי אמת, דאָס איז אַלץ קלייניגקייטן...

נעמט אָבער, למשל, פֿאָטאָגראַפֿיע!

ביז אַהער אַ פּרנסה־זאַך... נישט מער! עס האָבן זיך פֿאַרנומען דערמיט יידן, יידענעס און אַפֿילו אַ מאַסע מיידלעך... מיט דער צייט, וועט עס ביליק ווערן, ווי סאָדע־וואַסער, מען וועט אַרומגיין אין די גאַסן מיט האַנט־קעסטלעך און אויסרופֿן, ווי הייסע קישקעלעך, — דערווייל אָבער האָט מען נאָך פּרנסה דערפֿון... קודם כּל — פּירט עס, בנוגע צו די מיידלעך, אַביסל אָפּ פֿון דענטיסטעריי, אַקושעריע, — אַ ניט, וואָלט דאָרט זומער און ווינטער געשטאַנען אַ שווערע זויערע לופֿט, צום דערשטיקט ווערן! און וואָס פֿאַר זיי איז פּרנסה, איז ערשט פֿאַר שדכנים אַ הילף צו דער פּרנסה... אַ היינטיקער חתן, אין קאָרטן שפּילט ער „וויזע” אויף וואָס די וועלט שטייט, און בנוגע צו אַ שדוך, וויל ער קיין קאַץ אין זאַק נישט קויפֿן: די כּלות ווילן אויך נישט אונטער די אויגן! זיי ווילן, אַ חתן זאָל קומען, זען און זיגן און באַזיגט ווערן! פֿאָרן טאַקע אַרום די שדכנים מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס! און עס איז אַ מעלה צו אַ שידוך אויך! אַ כּלה האָט

אַ רעכטע באַק אַ קרומע, פאָטאָגראַפירט זי זיך פון דער לינקער זייט; אַ חתן האָט אויף דער שפּיץ נאָז אַ קנעפּל — „נעמט ער זיך אַראָפּ", בשעת ער שמעקט אַ רויז! עס איז פּאָעטיש, און דאָס קנעפּל ווערט נעלם אין דער שויס פון דער רויז!

גרעסערע שדכנים רעכענען אפילו אָנצוהייבן אַרומצופאָרן מיט פאָנאָגראַפן, וואָס גיבן איבער די קולות פון די חתנים און כלות, נאָר דערווייל אָבער זענען נאָך אַלע יוצא מיט פאָטאָגראַפיעס, און ווי עס איז — פרנסה האָט מען!

פרנסה איז אָבער פּאָרט אַ וואָכעדיקע זאַך, און דער פאָטאָגראַפיע איז באַשטימט געוואָרן צו שטייגן העכער, צו ווערן אַ ציוניסטישע זאַך, אַ נאַציאָנאַלע זאַך... עס האָט זיך געמאַכט אין וואַרשע אַ חברה „לבנון" מיטן צוועק צו פאַרשפּרייטן יידישע קונסט־ווערק, דערהויפּט פּאָרטרעטן פון יידישע מחברים און גאָר ביליק, אין געשטאַלט פון פּאָסט־קאַרטן, פינף קאָפּיקעס אַ שטיק.

אַ מחיה! די בחורים פון טשאַכנאָווקע, איישישאָק און אַנדערע קריי־ווינקל, וועלן שוין נישט דאַרפן קומען קיין וואַרשע, וואַרטן שעהן־לאַנג אין אונזערע פאָרצימער, איידער זיי באַקומען די זכיה, אַריינגעלאָזט צו ווערן און מקיים זיין: והוי עיניך רואות את מוריך! און זעען באַשיינפּערלעך אַ מחבר! ער וועט עס האָבן אין דער היים, ביים מוכר־ספרים, ביים פּאַקן־טרעגער, און וועט באַקומען זיין מוח־קראַצער, נערוון־שינדער צי האָרץ־רייסער בחצי־חינם! וויל ער, נעמט ער אַ בן־יחיד איינעם אַליין אויף אַ גאַנצע קאַרטע; וויל ער קויפט ער פאַר די אייגענע פינף קאָפּיקעס אַ צווילינג, אַ טרילינג... אַז עס וועט זיך אָנהייבן חלוף מיט קאָנקורענץ, וועט די סחורה נאָך ביליקער ווערן. און עס וועלן אַרויף נאָך מער מחברים אויף איין פּאָסט־קאַרטע... און אַזאַ פּאָסט־קאַרטע שטעלט מען פאַר זיך אויפן טיש, צי מען הענגט זי אויף (אויף דער וואַנט), און מען קוקט אויף איר אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט נמאס קוקנדיק, און דעמאָלט נעמט מען די קאַרטע, מען אַדרעסירט אויף דער ריינער זייט צו אַ חבר אויף יענער זייט „תפוצות ישראל" און זיך קויפט מען אַנדערע און אַזוי ווייטער, ביז מען זיפּט דורך אַלע מחברים!

פרומע יידן קוקן נאָך דערויף מיט אַ קרום אויג; אַ חשש

פון אַ מנהג עכו״ם... יענע האָבן עס פריער אויסגעקלערט און איינגעפירט; מיט דער צייט אָבער וועלן זיי זיך צוגעוויינען, ווי למשל צו דער פּאָסט, צו דער באַן, טעלעגראַף און טעלעפאָן. וואָס האָט אויך אויסגעקלערט דעם, עס הדומה לחמור"... עס וועט נאָך קומען אַ צייט, און מען וועט עס פאַר־יידישן, ווי פאַראַדייטש. פּ אַ ר ה יי ל י ק ן ווי ס'פּוילישע שטריימל, עס וועט ווערן אַ מנהג בישראל; דאָרט וועט עס בטל ווערן און דאָ וועט עס בלייבן אַ־דבר שבקדושה.

און אַפילו פּראָסטע יידן, וואָס האָבן גאָר קיין מגע ומשא נישט מיט ליטעראַטור, וועלן אויך קויפן... עס מאַכן זיך אַמאָל לעכער אין דער וואַנט, מען רייסט אויס אַ נאָגל פון הינטער אַ פּאַרזעצטן שפּיגל אַ פּאַרקויפטער פּאַן וכדומה, און אַזאַ לאָך וועט לייכט זיין צו פאַרקלעפן מיט אַ פיינער פּאָסט־קאַרטע... אַ סך לע־כער — אַ סך פּאָסטקאַרטן... און די ביליקערע יידישע מחברים וועלן פאַרטרעטן די טייערע פּאָרטרעטן, ווי נאַפּאָלעאָן מיטן ווייב, צו להבדיל — דעם קאָזשעניצער מגיד מיט די תלמידים, און אַפילו די אויסגעריסענע בילדער פון, אויף פּאַפּיר־געקויפטע, אַלטע מאָדע־בלעטער; דאָס קאָן מען בעסער באַנוצן!

„וכי ישאלך בנך" — אַז אַזאַ בעל־הביתס אַ יונגל, צי אַ מיידל, וועט פרעגן: וועמענס פּאָרטרעטן זענען דאָס? וועט דער בעל הבית, וואָס האָט נאָר געמיינט דאָס לאָך צו פאַרקלעפן און די שטוב נישט איבערצוווייסן, קוועטשן מיט די פּלייצעס און ענטפערן: דער גוטער יאָר ווייסט זיי — פּאָרטרעטן!

דערפאַר אָבער, אַז אַ וואַרשעווער יידישער „אַריסטאָקראַט" וועט אַמאָל פאַרבלאָנדזשען אויף די נאַלעווקעס, אַ וואָרף טון אַן איין אין אַ מוכר־ספרים־פענסטער און דערזען יידישע מחברים, וועט ער אפשר אַ טראַכט טון: אפשר טאַקע אַ פאָלק? פאַראַן אַ ל י ט ע ר אַ ט ו ר, פאָטאָגראַפירטע ש ר יי ב ע ר!...

זעט איר, וואָס פאָטאָגראַפיע קאָן! זי פירט אויפן גלייכן וועג צו אויפלעבונג. עס שמעקט מיטן „עץ־החיים"...

קעגן עץ־החיים אָבער שטייט דער עץ־הדעת...

די וואַרשעווער פּאָליציי ווערט אַלץ געוואָר... אומזער

ליטעראטור שווימט פון אויבן, קלייבט צוזאמען דעם פּאָעטיש־ווייסן שוים איבער דער פּאליע, די פּאָליציי אָבער נעמט טיפער. וואו אַ יידישער שרייבער פאַרמאַכט די אויגן מיט דער נאָז, דאָרט זענען זיי בודק חמץ אין זיי פּאָטאָגראַפירן אויך... על חשבון המלכות... און פארטיילן, מען דאַרף, אומזיסט — יידישע פינף־הונדערט־רובל־שטיק־מאַכער, פריש־לעבעדיק־אין־צאַפּלדיק־פלייש־הענדלער... און — אַזוי גנבים...

און „כל ישראל ערבים זה בזה“! און זיי זאָגן אויך אַ פאָלק איז אַ פאָלק!

איינס קעגן דעם צווייטן... איינס קעגן דעם צווייטן...

מען שרעקט זיך פאַר דעם שמדעריי, וואָס וואַקסט אַזוי שטאַרק...

עס שמדן זיך אַדוואָקאַטן, ווייל עס ווערט זיי נמאס צו אַרבעטן אויף פרעמדע נעמען מיט פרעמדע שילדן, ווי פּאַרצייטישע טרפהנע שענקער... עס אַנטלויפן דאָקטוירים פאַר דער אָרעמער יידישער פּראַקטיקע... עס שמדן זיך סוחרים וועגן פרייע פּאַספּאָרטן און נישט צו האָבן יידישע נעמען אויף די גאָלדענע שילדן... עס שמדן זיך בחורים פאַר גוישע בתולות, און פאַרקערט...

מען טרייסט זיך אַפילו: אַז דאָס שווימט אַזוי די השגחה פּרטית אָפּ די יידישע יוך! דאָס רייניגט אַזוי אָפּ דער ערב־רב פון מצרים. דאָס פאַלן אָוועק, ווי אַ פּסולת, די האָלץ־העקער און וואַסער־טרעגער פון ארץ־ישראל... פאַקט אָבער בלייבט פאַקט — געמישטע חתונות מערן זיך, די צאָל פון רענגדל־בייטער וואַקסט!..

איז אָבער „את זה לעומת זה עשה האלהים“ — עס גלייכט זיך אויס... איין גר־צדק, וואָס מיר באַקומען, איז מער ווערט ווי אַלע משומדים... איך מיין נישט דעם „גר־צדיק“ מיין חבר פון „יוד“; דאָס איז ערשטנס, אַ פּסעוודאָנים, צווייטנס — מאַכט איין שוואַלב קיין זומער נישט... איך מיין אפילו נישט גרי־צדק אין די אויסלענדישע פרייע לענדער, וואו מען מעג און מען טוט

עס צוליב אַ יידישער מיידל... דאָס טרעפט זיך אויך נאָר איין מאָל אין א יובל. פון דעם ווערט די זופּ נישט פעט! איך מיין אונזערע היימישע גרי-צדק, וואָס ציטערן, ווי אַ פיש אין וואַסער, אז זיי דערהערן דאָס וואָרט „פּאָליציי"... וואָס פּאָרן אַרום אין „שטעט און שטעטלעך", ווי אמתע גוטע יידן און לעבן אויפן חשבון פון „כנסת ישראל"...

און אויב זיי גייען ארום אין די הייזער, בשעת די גוטע יידן עסן פראַנק און פריי, וואו זיי קומען, די קרעמלעך און לייזן, שטייען זיי דערפאַר אין אַן אַנדער פאַך העכער פאַר גוטע יידן... זעלטן, עס זאָל היינט ווערן אַ גוטער ייד פון זיך אַליין! מען מוז געבוירן ווערן פון אַ גוטן ייד! מען מוז האָבן אַ טאַטן אַ גוטן ייד! — און אַ גר-צדק איז ווי אַ פרייער פויגל און קלייבט זיך אויס א טאַטן, לויט זיין האַרץ גלוסט!

איינער, למשל, א גר צדק, וואָס גראָסירט היינט אין פּאָ-דאָליער גובערניע, האָט זיך אויסגעקליבן אַ טאַטן אַ פרייסישן יעדנעראַל! ער איז שוין פּאָלקאָווניק געווען, און א גבור — אַ פּאָלקאָווניק: אין דער פרייסיש-פראַנצויזישער מלחמה האָט ער מיט אייגענע הענט צוועלף פראַנצויזן דערשטאָכן, צי געקעפּט... דער קייזער האָט שוין אַפילו געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל אים צושטעלן צו אַ קוש אין קאָפּ אריין... ער וואָלט אוודאי באקומען אַן אָרדן, אַ גדויסן, אַ גינגאָלדענעם, אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן... איז אים אָבער ביינאַכט געקומען צו חלום אַ מלאך, מיט זעקס פליגלען, מיט זעקס שווערדן אונטער די פליגל, און האָט אים געזאָגט, אַז פער טעות איז אין אים אַריין אַ גלגול פון יידישן גבור בר-כוכבא, אַז ער מוז זיך דעריבער, דעם טעות אויסצוגלייכן, אַ ייד ווערן, און תיכף אין דער פרי אָנטון יידישע קליידער און אנטלויפן אין אַ יידישער קהילה אַריין, און לאָזן זיך מגייר זיין... און אַזוי ווייטער...

האָט ער געקלערט, אַז עס איז אַ פּוסטער חלום, וואָרים באמת — וואו נעמט מען עס אין פרייסישן לאַגער יידישע קליי-דער? האָט זיך אָבער באַלד אין דערפרי, אַזוי ווי ער האָט די אויגן געעפנט, אריינגעשלייכט אין דער פּאַלאַטקע אַ יידישער

„האנדעל! האנדעל"! און האָט אים געוויזן און פאַרקויפט יידישע בגדים...

מן הסתם איז עס אליהו הנביא געווען...

נאָר די גרעסטע קונץ איז, וואָס ער האָט תוך כדי דבור פאַרגעסן דאָס דייטש און אָנגעהויבן צו רעדן יידיש, ווי אַן אמתר בר-כוכבא...

בכלל דאַרף מען קיין פעסימיסט נישט זיין; די וועלט גייט נישט אונטער...

מען האָט, למשל, צוגענומען ביי יידן די קאָלעקט פון דער פוילישער לאָטעריע; מען האָט געמיינט, אַ פופציק, אפשר זעכציק יידישע פאַמיליען וועלן, הס ושלום, די פרנסה פארלירן! אָבער נאָר: לא! תוך כדי דבור האָט מען (אין גער, זאָגט מען) געמאַכט אַ יידישע לאָטעריע.., פארשטייט זיך — אַ באַהאַלטענע, אויף דעם איז מען דאָך אין גלות... משומדים גייען אַרום פראַנק און פריי אין די גאַסן, און אַ גר צדק מוז זיך היטן די נשמה... זיי מאַכן צערעמאָניעס בריש גליה אין די גאַסן, און מיר מוזן מחדש זיין די לבנה ערגעץ אין א הויף... און אונזער סוכה וואו שטייט? אָבער פרנסה דערפון האָט מען! — די לאָטעריע-מאַכער פאַרדינען שטיקער גאָלד. מאַסן קאָלעקטאָרן האָבן פרנסה בכבוד, אַרום זיי דרייט זיך אַ מאסע פאַקטוירים און לייגן אויך נישט די ציין אין בייטל אריין... און „כנסת ישראל" שמייכלט און קויפט בילעטן טאַנצט אונטער אין צאָלט אַ נייעם אָפּצאָל... זי ווייסט, די כנסת ישראל, אַז — „את זה לעומת זה עשה האלהים" — איז אַ פוילישע לאָטעריע, מוז זיין אַ יידישע לאָטעריע...

און — „זכה, מלאכתו נעשית על ידי אחרים" — די יידישע לאָטעריע האָט אַפילו קיין „ציהונג" נישט; מען ציט די פוילישע, און די אייגענע נומערן, וואָס געוואונען דאָרט, געווינען דאָ..

אַ מחיה!

18־טן סעפּטעמבער, 1902

אַ ק[illegible] אין טיר, ווי אויף אַ שרפה; אַ פּראַל אויף, ווי־
פּאַר אַ מענטש מיט זעקס דבוקים אין לייב.

וואָס איז? די באָבע יאַכנע פון „שטעט און שטעטלעך"
איז געקומען!

– ס׳קאָציל קומט, באָבעניו! — זעץ דיך.

איך ווייז איר אָן אויף א שטול, זי זוכט אָבער מיט די
אויגן א קאַנאַפּע...

— איך האָב נישט, באָבעניו!

זי שמייכלט, זעצט זיך, און די שטול נ[illegible]ט אונטער איר,
כן־הסתם פאַר נחת...

אַ ווײַלע זיצן מיר אַזוי שטילערהייט איינס קעגן צווייטן
און קוקן זיך אָן

די באָבע יאַכנע האָט זיך נישט געענדערט: אַ יידענע,
קיין עין־הרע, אַ הויכע, נאָר אָן איבערגעבויגענע. אביסל צוליב
די פיס פון דער שכ־נה, אביסל גלאַט — ווי האַלט זיך עס אַ
מענטש אזוי הויך ווי ער איז? אַ חוץ דעם: דאגת פרנסה,
צער גדול בנים — אייניקלעך, אוראייניקלעך: אַ סך געבוירן,
א סך פאַרלוירן, א סך צעזייט און צעשפּרייט און אַ סך הענגען
נאָך אויפן האַלז... קיין יונג מענטש איז זי אויך נישט!

וואָס זי זעט אין מיר, ווייס איך נישט! נאָר איך קאָן מיר
איר פּנים זאַט נישט אָנקוקן! עס איז פלאַך, איינגעשרומפּן, געל
און מיט אַ ביינעריק־געשפּיצטער נאָז, די אויגן זענען נאָך גרוי,
נאָר צופיל וואַסעריק: גיי ווייס, וויפיל טרערן זיי האָבן פאַרגאָסן,
וויפיל נעכט נישט געשלאָפן... זיי קוקן ערנסט, נאָר נישט האַרט!

און אין די אייגענע אויסגעמוטשעטע אויגן, ווי יאָרן אין צער להכעיס, וועקן זיך אַמאָל וואונדערלעכע פונקען, צווישן די שרימפּן אויפן פנים הויבט אָן אַרומצוטאַנצן אַ שטילער גלאַנץ. א פּיין, דין שמייכעלע... א סך ליבשאַפט, קליין ביסל חוזק — נאָר רעמאָלט לאָזט די באָבע יאַכנע די אויגן אַראָפּ און ווישט אָפּ דאָס שמייכל פון פנים מיט א ביינקער האַנט

געקליידט איז די באָבע יאַכנע, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן: אַ שטערנטיכל מיט שטיינדלעך אויסגעזעצט, אַ ברוסט־טוך מיט אַן אויסגעהאָפטענעם גאָלדענעם אָדלער, און אלערליי בלימלעך און רויזעלעך אַרום. אויפן האַלז א שנירל דינע פּערל, אויסגעמישט מיט בורשטיינדלעך און קרעלן; פון דער שנור הענגט אַראָפּ איבערן ברוסט-טוך אַן אייבל, וואָס גיט, ביי יעדער שטאַרקערער באַוועגונג פון דער באָבע יאַכנע, דעם אויסגעהאָפּטענעם אָדלער איבער דער נאָז... פון די אויערן זעען זיך פון אונטערן שטערנטיכל נאָר דער ראַנד פון די נישט-געלעכערטע אויערן אַרויס, און צוויי שווערע, לאַנגע גרין-געהאַלטענע אוירינגען הענגען אין די זייטן פון שטערנטיכל אויף שנירלעך. און וויגן זיך פריי, און שאָקלען צו דער באָבען: יאָ־יאָ. ניין־ניין!

— וואָס מאַכסטו, באָבעניו? — פרעג איך דערנאָך מיט גרויס ליבשאַפט

— אַזוי, — ענטפערט זי מיט אַ שמייכל, — דער נאָענט פון היינט, איז דער אייגענער גאָט פון נעכטן און פון מאָרגן — — מען לעבט!

— און געקומען ביסטו, באָבעניו, מיר מעשיות דערציילן?

— ניין, כשר־קעצעלע! אַ ל ט ע מעשיות האָב איך שוין אַ ל יי ן פאַרגעסן! נייע ט ר א כ ס ט ו, ברוך השם, אַליין אויס!

— נישט איך, באָבעניו! נישט איך. ווי איך ק ו י ף, פ אַ ר ק ו י ף איך! אזוי ווי לעדער. אַזוי די שיך! מען ש ר יי ב ט מיר!

— און דיר אַליין, פוטער פעסעלע, פּ אַ ס ט נישט אַמאָל אַראָפּצוקומען? פאַרגעסן שוין מיינע מאָן־קיכלעך, האָניק-טייגלעך, קאַנדל-צוקער!...

— נישט פאַרגעסן, באָבעניו! אפילו דיינע המן־טאַשן קו־
מען מיר אויך גאַנץ אָפּט צו חלום! אפילו די שבועותדיקע
ווייסע ציקאָריע! אין אַלע מיינע גלגולים, באָבעניו, בפרט זייט
איך בין אַ „בין", לעכץ איך, בענק איך צו דיר! איך וואָלט
דיר נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, אין פוילן, ליטע, בעסאַראַביען,
גאַליציען, רומעניען — — איבער די הרי-חושך אפילו, נאָר —
איך קאָן נישט!

— אַז מען וויל, קאָן מען!

— ניין, באָבעניו! געדענקסט די חיות, וואָס אלעקסנדער
מוקדון האָט געטראָפן אויפן וועג? די חיות זענען צוגעבונדן מיט
אַ שטריק צו דער ערד... מען רירט זיך אויף איין אָרט, ווייט
אַוועק קאָן מען נישט; אַז מען רייסט איבער דעם שטריק, —
פאַלט מען אויף טויט!

די באָבע יאַכנע דערפרייט זיך:

— דו גלויבסט?! אין אלכסנדר מוקדונס חיות גלויבסטו?
געזאָגט האָט מען מיר...

— עס זאָגט זיך נאָר אַזוי, באָבעניו! געמיינט האָב איך
אַ פערד אין דער רייטשול: אין ראָד אַליין איז מען אויך נישט
פריי; די בייטש פייפט און דערמאָנט. נאָר אַרויס קאָן מען
בשום אופן נישט... אַ שטאַרקע האַנט האַלט דעם שטריק!

— מילא, אַז דו קאָנסט נישט, קאָנסטו נישט! — אָבער
פאַרוואָס שרייבן דיר מיינע אייניקלעך קיין אמת נישט?

— איך ווייס? און איך האָב, באָבעניו, גרויס צער דער־
פון... אפילו אין דער היים נאַרט מען מיך! אָט האָב איך גע־
שריבן וועגן „לינת הצדק" אין וואַרשע: אַ ויכוח מיט אַ מגיד;
מען נעמט נישט אויף קיין קראַנקע ציוניסטן! געדענקסט?!
וואָס ווייזט זיך אָבער אויס? די לינת־הצדק האָט קיין מגיד
נישט, עס איז קיין ויכוח נישט געווען, קראַנקע ציוניסטן באַ־
קומען לינות, ווי אַלע קראַנקע.. עס הייבט זיך נישט אָן, עס
לאָזט זיך נישט אויס! אַפילו דער שעדלעצער רב זאָגט מען,
באָבעניו, איז אויך נישט אַזוי שוואַרץ. ווי איך האָב אים גע־
מאָלט! צו אַנדערע רבנים!

— נאַרישקייט, — שמייכלט די באָבע, אויב דו מיינסט עס ערנסט!

— אויף נאמנות, באָבעניו!

זי פאַרטראַכט זיך, און קוקנדיק אויף איר שטערנטיכל, פאַלט מיר איין צו פרעגן:

— זאָג נאָר, באָבעניו, אמתע פערל?

— ווער? די רבנים?

— פון שטערנטיכל, מיין איך...

זי זיפצט אָפּ:

— ניין, בינעלע... די אמתע האָב איך לאַנג פאַרקויפט — ווי האָט אַמאָל מיין אַלטער פאַרקרענקט...

— וואָס מאַכט ער, דער אַלטער?

— עבר ובטל נעבעך!

— און דיין געזונט, באָבעניו... ביסט אפשר געקומען צו אַ דאָקטאָר?

— און בין געקומען דיך עטלעכע שאלות צו פרעגן!

— פרעג, באָבעניו

זי בויגט אַביסל אַרונטער דעם קאָפּ, קוקט מיך ערנסטער אָן און זאָגט:

— האָסט דערמאָנט דעם שעדלעצער רבי!... זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס האָסטו דיך עפּעס גענומען דוקא צו רבנים, צוגעקלעפּט זיך, ווי אַ שוסטער־סמאָלע! איך לייען דיינע זאַכן! וואָס זאָל איך טאָן? דעם טייטש־חומש מיט אַלע תחינות קען איך שוין אויסנווייניק! — זעען זע איך, אַז עס איז דיר אריין אַ גלגול, און אפשר א דבוק, פון גאָרנישט קיין שלעכטן מגיד! שטראָף־רייד זאָגן קאָנסטו? — נאָר צי אַנדערע מענטשן זינדיקן נישט? צי זענען די רבנים ערגער פאַר אַלע?

— ניין, באָבעניו, ערגער נישט! פון זיי אָבער איז דער שאָדן גרעסער, דער חלול־השם גרעסער!

— האָסט דיר איינגערעדט

—ניין, באָבעניו! עס איז אמת און עס זענען דאָ אַ סך טעמים דערבײַ!

— הער, באָבעניו! אַז עמעצער איז נישט געוואָרנט מיט פֿייער, צאָלט ער, למשל, קנס; ווי איז אָבער, אַז דער נאַכט־וועכטער אַליין ציט אויס פֿייער פֿון ליולקע אינמיטן גאַס בײַ שטרויענע דעכער...

— נו, אוודאי!

— אָדער אַזוי אַ שאָף בלאָנדזשעט: ס'איז טאַקע אַ שאַד אַ שאָף! פֿאָרט אָבער נאָר איין שאָף! אָדער זי וועט צוריק קו־מען, אָדער כאַפּט זי דער וואָלף! אָבער, אַז דער פּאַסטוך גייט אַראָפּ פֿון וועג?

— אוודאי! — איז די באָבע מודה, — פֿאַרפֿירט ער אַלע.

— און דער חלול־השם, באָבעניו, איז אויך גרעסער! אַז אַ פּראָסטער ייִד זינדיקט, ער טוט תשובה צי ניין, זינדיקט ער אַליין. אָבער, אַז אַ רב טוט עס, דער שומר, וואָס די תורה האָט גע־שטעלט בײַ דער טיר, זאָגט מען: די תורה הייסט אַזוי. על כּל פּנים, אַז זי איז מסכּים! וואָס טוט ער נישט אַליין! אַ ספֿר שרייבט ער און פֿאַרענטפֿערט זיך! כּל־זמן ער לעבט און זײַן דור לעבט, שמייכלט דער עולם... נאָך יאָרן, דער דור איז טויט, דער רב איז אַ קדוש געוואָרן. זײַן ספֿר קריכט אַרײַן אין בית־המדרש־שאַנק און שטעלט זיך צווישן די הייליקע ספֿרים!

— דאָס איז אמת?

— אַוודאי! אַז אַ פּראָסטער ייִד זינדיקט, קריגט ער, לויט דער זינד אויף דער נשמה אַ זומער־שפּרענקעלע, איין קראַץ! און — ווען אַפֿילו אַ הויקער? אין אַ משפּחה טרעפֿט זיך אַ הוי־קער אויך!

— נעבעך! — זיפֿצט די באָבע־יאַכנע און לאָזט די אויגן אַראָפּ און פֿאַרטראַכט זיך.

פּלוצים הייבט זי די אויגן אויף און ווערט אַ מליץ־יושר.

— הערסט, בינעלע, בײַ זיי איז אויך נישט גוט! בײַ אונדז אין מסחר, וואָס ווייניקער סחורה, מער קרעמער! בײַ זיי: וואָס ווייניקער תּורה, מער רבנים! נישט אַלע קאָנען האַנדלען מיט

סאָדע-וואַסער! קומט טאַקע ארויס דריי רבנים אויף אַ שטאָט...

— קויפט מען זי אויף ליציטאַציע, פאַרברענט מען זי מיט מחלוקת!

— דלות מאַכט פסלות, בינעניו! דער הונגער איז גאָר קיין יצר-טוב נישט!

זי פאַרטראַכט זיך טיפער; די גרויע אויגן פארציען זיך מיט אַ נעבל... איך וויל זי פאַררעדן און גיב א פרעג:

— וואָס זענען, באָבעניו, די בריליאַנטן אין דיינע אויערינגלעך אַזוי טויט... זיי אָטעמען גאָר מיט קיין ליכט און פאַרבן נישט!

— קיין אמתע שטיינער, קעצעלע! פאַר די אמתע האָט מען זין אויסגעלייזט...

די באָבע יאַכנע ציט ארויס פון אונטערן טאש אַ גרויס פולאַרן טיכל און ווישט זיך אָפּ דעם שטערן...

— פון גוטע יידן, מאַכט זי, וויל איך שוין גאָרנישט רעדן, דו גלויבסט דאָך אין גאָרנישט!

— באָבעניו, דאָס האָט דיר אַ שונא געזאָגט! איך גלויב!

— אין וואָס, קעצעלע? אין דעם, וואָס דיינע אויגן זעען? קען איך אַ גרעסערן פילאָזאָף — דיר נישט צו גלייכן, אַ רופאיינג! אַפילו, אַז ער זעט שוין אַ קערבל, גלויבט ער זיינע אויגן נישט; ערשט, אַז ער באַקומט דאָס קערבל אין האַנט אַריין, גלויבט ער. אלע זענט איר אַזוי.

— נישט אַלע... אַנדערע, באָבעניו, גלויבן!

— אין וואָס, האַרץ־דעקל מיינס... רעד דבורים!

— אין וואָס? עס וועט מיר שווער זיין דיר אויסצוטייטשן, באָבעניו! גאָר כּרובן וועל איך! הער, איך גלויב אין יענער זייט פון דער זאַך!

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ משניות? עפּעס אין אונטערשלאַג גלויבסטו?

איך קריג מורא, אַז איך בין אַריינגעפאַלן!

— אַדרבא, — זאָגט זי אומגעדולדיק — טייטש מיר אויס...
אַן אלטע יידענע איז דאָך אויך אַ מענטש!
— איך וועל פּרובן, באָבעניו, נאָר מיט אַ משל!
— אדרבא, טאַקע מיט אַ משל! משלים גראָטן דיר אַמאָל!
און עס מאַכט זיך אַזא שמועס:
— צי ווייסטו, באָבעניו, — פרעג איך, — ווי אַ הונט איז זיך נוהג מיט אַ שפּיגל?
— פרעג מיר עפּעס גרינגערס?
— וועל איך דיר זאָגן, באָבעניו! — אַז אַ הינט דערזעט זיך דאָס ערשטע מאָל אין שפּיגל, ווערט ער אָנגעצונדן. ער גיט אַ שרעקלעכן ביל, א שפּרונג צו! לאָז אים, מאַכט ער דיר אַ חורבה פון שפּיגל. האָסט א שפּיגל, באָבעניו?
— אַ שפּיגל, ווי אַ שפּיגל, קיין הונט האַלט איך נישט!
— זכר לפּיט! מען האָט פון הינט אַ סך געליטן! נאָר פאַרוואָס כעסט זיך דער הונט? ער מיינט, עס איז אַן אַנדערער!
אַ הונט זאָגט אויך: איין הונט דאַרף זיין אין אַ שטוב! אַנישט ווערט די פּאָרציע קלענער!
איז דאָך אָבער אַ הונט בטבע אַ חכם, שפּרינגט ער אַזוי און קראַצט אַזוי לאַנג מיט די ציין, ביז ער ווערט געוואָר, אַז דער הונט און יענער הונט זענען איין הונט! ער באַרוהיקט זיך· נאָר פון דאַמאָלט אָן פאַרגעסט ער אָן שפּיגל!
— זייער רעכט, — זאָגט די באָבע יאַכנע, — הלואי וואָלטן מײַנע שניר אָן שפּיגל פאַרגעסן...
— דאָס איז, באָבעניו, שוין גאָר עפּעס אַנדערש! דו האָסט אָבער, באָבעניו, באַמערקט, ווי דיינע קליינע אייניקלעך זענען זיך נוהג מיטן שפּיגל?
די באָבע יאַכנע רויטלט זיך פאַר נחת.
— איין אייניקל – זאָגט זי — וואָלט ער פאַר אַ שפּיגל קרעפּלעך אַוועקגעשטעלט! ער מעג האַלטן אינמיטן געוויין, אַז מען נעמט אים נאָר צום שפּיגל — אַ זון אין אַ רעגן! די אויגעלעך נאָך פול טרערן און זיי גלאַנצן שוין פול פרייד: און זאָלסט זעען, ווי ער פּאַטשט מיט די הענטלעך, שמייכלט, לאַכט!

ווי ער רייסט זיך צום שפיגל, שטעלט אויס שפיציק דאָס קליינע פיסקעלע און וויל קושן דאָס „ד ז ש י ד ז ש י אַ ל ע" אין שפיגל! מיך באַפאַלט אַ טרויער...

— האָב אים ליב, באָבעניו! — זאָג איך, — ער וועט זיין אַ גוטער, דיין אייניקל! ער שמייכלט, ער האָט ליב, ער רייסט זיך צו זיינס גלייכן! צי גליקלעך? ווייס איך נישט, נאָר אַ גוטער וועט ער זיין! — און אַנדערע?

— אַן אַנדער אייניקל ווייטער האָב איך, האָט ער גאָר אַן אַנדער טבע! ער שמייכלט ניעט, פאַטשט נישט מיט די הענטלעך, נאָר ער וויל שוין וויסן, וואָס אויף יענער זייט שפיגל טוט זיך! ער כאַפּט זיך מיט די הענטלעך צום דער רעם, וויל זי רירן, אויפהויבן... רייכט זיך אָן אַ זייט, וויל אַרונטערקוקן! אַז מען לאָזט אים נישט, ווי ער וויל, וויינט ער — אַ שיף מיט זויער. מילך איז אים אונטערגעגאַנגען, און עס ווערט אים גאָרנישט נמאס!

— פון דעם וועט אַרויס אַ מענטש, באָבעניו! א מענטש, וואָס וויל זען י ע נ ע זייט, די עיקר־זייט פון דער זאַך!

— דאָס שפינוועבס פון מיין שפיגל? — צעלאַכט זיך די באָבע יאַכנע.

— לאַך נישט, באָבעניו! אין משל מעג זיין שפינוועבס; אָבער אַ מענטש וועט דיין אייניקל זיין! זיך אַליין דערקענט ער נאָך נישט. און וויל שוין וויסן, פון וואַנען י ע נ ע ר קומט אַרויס. אפשר בייסט ער נאָך זיין אייגן פיסל?

— דאָס נישט... אין ציגגל אַריין—טרעפט זיך! שמייכלט זי:

— ער בייסט נאָך אין אייגן ציגגל, און עס לאָזט אים קיין רו נישט: פון וואנען נעמט זיך יענער?

— אַ „טשעקאַוואָשטש"!

— א „טשעקאוואָשטש" נאָר פון אַ מ ע נ ט ש! אַ הונט טוט עס נישט, אפילו נישט דער קליגסטער! דער ג ע ל ע ר נ ס ט ע ר הונט, אַפילו נישט אַ הונט א קונצנמאַכער! יענע זייט אַט חלומט זיך זיי אַפילו נישט!... און מיר אַלע, באָבעניו, זענען געגליכן צו קינדער; די וועלט, באָבעניו, איז אַ שפיגל — —

— לאָמיר גייען, לעבן מיינס, — מאַכט די באָבע און עס — מיט דער האַנט, — דאָס איז נ י ש ט פאַר מיר... צו אַלט דערצו!

די באָבע יאַכנע פאַרטראַכט זיך. איך וויל זי פאַרווײַלן און פרעג:

— און דער אדלער דיינער, באָבעניו, איז טאַקע זהב-טהור?

— געוועזן — כאַפּט זי זיך אויף — אין די ג ו ט ע צ יי ט ן, ווען מיין אַלטנס עטרות זענען אויך געווען אי כסף-טהור, אי זהב־טהור... היינט — —

— וואו איז אַלץ אַהינגעקומען?

— אַ זון אויסגעלייזט! אַפילו דאָס זילבער פאַרקויפט! און גאָלד און זילבער אויסגעטרענט און מיט שיך (מישורא) פאַרהעפט... אינמיטן ווערט זי אומגעדולדיק:

— וואָס טויגן אָבער די נאַרישקייטן... משל אַהין, משל אַהער — ווי קומט עס צו גוטע יידן?

— נאָר דאָס, באָבעניו, קומט אויך פון משל אַרויס! האָסט עפּעס אַ שוואַך אייניקל, באָבעניו?

— וואָלט איך אַזוי נ י ש ט געהאַט... פיסלעך, נעבעך אויסגעקרימט...

— ווי וואָלט-זשע געווען, באָבעניו, ווען אַזאַ אייניקל זעצט זיך אַמאָל אויף אין דערפרי אין בעט און דערציילט די אַנדערע קינדער אַזאַ מעשה:

— באשר בכן — דערציילט ער — ביינאַכט האָט אים עפּעס — זאָל זיין ער מאָלט אויס אַ מלאך מיט פליגל! — האָט אים עפּעס געוועקט (און דו, האָסט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטאָן, און ווייסט, מען האָט קיין שאָרך נישט געהערט) און עס האָט אים אויפגעוועקט (דו ווייסט, ער איז אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן!) ער איז (מיט די קרומע פיסלעך!) אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, צוגעלאָפן צום שפּיגל (דו ווייסט, ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט!) דערלאַנגט (און דו ווייסט, ווי קליין ער —

און ווי אויך דער שפּיגל איז) און האָט אים איבערגעדרייט (און דו ווייסט, אַז ער האָט דערצו קיין כּוח נישט, און ווערט אפשר קיינמאָל נישט האָבן)... און אויף יענער זייט איז אָנגעשריבן מיט מלאכים-כּתב (און דו ווייסט, אַז ער קען קיין פּראָסטע עברי נישט!) מיט שוואַרץ פייער אויף ווייס פייער.

—רבונו של עולם! -- שרייט אויס די באָבע יאַכנע, האַלב געלאכט, האַלב דערשראָקן — די האָר שטעלן זיך מיר קאַפּויר

— וואָס קאָן דאָס זיין?

— עס איז נאָך נישט געענדיקט, באָבעניו! ער דערציילט, וואָס דאָרטן שטייט אויף מלאכים-כּתב!

„דאָרטן שטייט — זאָגט ער — אַז ער איז דאָס בעסטע קינד פון אַלע קינדער... אַז אַלע קינדער זענען מחויב פּאַר אים צו באַהאַלטן און אים אוועקצוגעבן — אַלע האָניק-טייגלעך, דאָס גאַנצע קאַנדל-צוקער, אַפילו די בייגל פון אָנבייסן!..."

אַזוי! — זאָגט די באָבע — איז ער דאָך גלאַט אַ גע-בוירענער שווינדלער! אַזוינס וואָלט איך דאָך — זאָגט זי — גע-קיילט.

— אייל דיך נישט, באָבעניו! נישט אַזוי געשווינד מעג מען קיילן! עס קאָן זיין אַ קרענק!... אַ קראַנק קינד, האָט עס קראַנקע חלומות... מען דאַרף אַ דאָקטאָר רופן, אפשר מוז מען עס גאָר אין הקדש אַריינפירן... עס קאָן זיין אַזאַ קרענק, דאָק-טוירים ווייסן דערפון.

אַזוי?

- און דאָס, באָבעניו, זאָג איך טאַקע: גוטע יידן דאַרפן אַ דאָקטאָר. קראַנקע — אין שפּיטאָל, שווינדלער זאָל מען קיילן. און אַ סוף „כּלחוך השור" וועלן זיי פון דיינע שטעט און שטעט-לעך מאַכן.

און ווייטער פאַרטראַכט זיך די באָבע יאַכנע, און איך פרעג:

— און דער אייבל דיינער, באָבעניו?

— עס, אַן אַלטע פאַלשע מטבע! מיט דער אמתער, בצירוף כּלי-בית און אביסל בגדים, האָט מען פאַר איינִיקלעך צו דריי הונדערט רובל קנס געצאָלט... נאָר מיט חסד, וואָס מען האָט געלאָזט אויסצאָלן...

איך האָב שוין מורא צו רעדן פון ציִונג און פרעג:

— און דו האָסט צייט, באָבעניו, אַזוינע שאלות צו־ליב אומישנע אַ הער צו קומען?

— צייט? איך האָב דען מער ווי צייט? וואָס האָב איך דען צו טאָן, קעצעלע?

— און דיין שניט-קראָם? האָסט דאָך, באָבעניו, אַמאָל אַ גרויסע שניט-קראָם געהאַט?

— געהאַט!... אַ קראָם איז ווי אַן אָם... זויגט אַזוי לאַנג, ביז ווערט איינגעשרומפּן... קינדער אויסגעזויגט, אויסגעגעבן... קנס באַצאָלט — אַלץ פון איין קראָם. איז זי טאַקע איינגע-שרומפּן געוואָרן: פון אַ גרויסער איז געוואָרן אַ קליינע, אַ קלענערע... דערנאָך אַ שטעלכל. אַ טישל, אַ קוישל נאָר, ביז — עס איז געקומען צו גאָרנישט.

— און אַ „קניפּל" האָסטו דיר, באָבעניו, געלאָזט?

— הלואי וואָלט איך שכל געהאַט!... די קינדער אַפילו גייט עס אויך נישט גוט... די איינִיקלעך דערפאַר וועלן אפשר זיין לייט... נייע מענטשן... נישט געשטעלט — און גע-מעקט, אָן קאָפּ-פאַרדרייעניש, נאָר מען אַרבעט: ווער ביי אַ בעל-מלאכה, ווער אין פאַבריק... נישט אַלע, נאָר ס'רוב אַזוינע... אַ סך מעשה אבות ירשו בנים, אַ סך זענען אַוועק...

— געבענטשט זאָלן זיין זייערע הענט, און דו, וואָס טוסט, באָבעניו?

— אַביסל קוק איך צום אַלטן... אַביסל שטריק איך זאָקן... באַק מאָנקיכלעך פאַר אוראייניקלעך... אויף יום-טוב — ווי אַמאָל האָניק-טייגלעך... מען לעבט אַבי ווייטער. אַצינד בין איך דאָ.

נאָר, אַז איך בין שוין דאָ, וואָלט איך געוואָלט פרעגן, שוין נישט דיך, וועגן רעמאַטען... נאָר דו גלויבסט דאָך אָבער אין קיין דאָקטוירים נישט.

— איך גלויב, באָבעניו — אַ סך ערלעכע לייט! איך וועל דיר אויסזוכן איינעם.

— ס'האָט צייט, מיר וועלן זיך נאָך זען.

דערווייל געזעגנט זי זיך.

איך באַגלייט זי, וויל שוין פאַרמאַכן די טיר, נאָר אויף דער שוועל מאַכט זי:

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? מקנא בין איך דיך נ י ש ט... שטענדיק מיטן בעזעם.

— וואָס זאָל מען טאָן, באָבעניו? וואו דאָס מזל שטעלט אַ מענטש, דאָרט איז טשאַסאַוואָי!

יט

25־טן סעפּטעמבער 1902

רבותי!

צי האָב איך אייך ביז היינט נישט געטריי געדינט?

זאָגט, צי האָט זיך עפּעס צוגעקלעפּט צו מיינע פינגער?

צי האָב איך אַמאָל אַ פרעמדן אָקס גענומען, אַ פרעמדן אייזל, נישט סאַמע אייגענע, נישט סאמע היימישע געקוילעט אויף כשר?!

און וויפל באַלאָנען ביטער־וואסער האָב איך אייך צוגע־שטעלט, צו לייטערן דאָס געבליט?

און מיינע בליצן, וואָס איך לאָז אויף פינסטערע שטעט־און־שטעטלעך? און די מאָנומענטאַלע פאָטאָגראַפיעס, וואָס איך מאַך דערביי?

דאַרף איך אייך נאָך בעטן, איר זאָלט מיר ערלויבן כאָטש איין מאָל צו באַנוצן די שטעט און שטעטלעך פון מיין טובה וועגן?

און באַנוצן וויל איך די „שטעט און שטעטלעך" אויף אַ רשימה פון חתנים און כלות!...

די מעשה דערפון איז אזוי: איך זוך מיר אַ צושפּרונג צו דער פרנסה. אויף ליטעראַטור אליין איז זיך נישט צו שטעלן! צו וואָס־זשע נעמט מען זיך אָבער? צו דעם, וואָס איך טויג, טאָר איך מיך נישט נעמען, און וואָס איך מעג, צו דעם, לא עליכם, טויג איך נישט! זאָגט די שוויגער תחי': שדכנות! מהיכא תיתי, זאָל זיין שדכנות! בין איך אָבער נישט אימשטאַנד אַרויס־

צופּאָרן אויף דער מדינה און דורכרעדן זיך פּה־אל־פּה מיט שד־
כנים און מחותּנים; איך מוז זיצן אויפן אָרט און האלטן די
„שטעט און שטעטלעך" ביים משוגענעם פּולס! און גלאַט, לאָמיך
נאָר רירן פון אָרט, וועט די רעדאַקציע וועלן, איך זאָל קלייבן
אבאָנענטן, און צו דעם טויג איך שוין לגמרי נישט! שרייבן,
אַ חוץ „שטעט און שטעטלעך", נאָך שלום־לאהובי־בּריוו בין איך
אויך נישט אימשטאַנד, נאָך „שטעט און שטעטלעך" קריגט מען
גאַנץ אָפּט אַן אָפּשיי צום שרייבגעצייג. עס איז אַוודאי א שנאת־
חנם, נאָר אַ קרענק איז עס! היינט פּאָסט־געלט, היכי תּמצא
פּאָסט־געלט? אפילו פּאַראַן אַ ביליקע יידישע פּאָסט, בּחצי חנם
אַ פּאָכס, א מין „שומר־שמכר־לשומר", איז זי אָבער נישט זי־
כער. יידעלעך, געוואוינט צו חלוף, טוישן זיי אויס די בּריוו,
וואַרפן אריין דורך אָפענע פענסטער... דער מאַן כאַפּט דעם ווייבס,
דאָס ווייב דעם מאַנס בּריוו, און נישט איין „מנוחה ושמחה" זע־
נען זיך דעריבער צעגאַנגען.

מיט דער צייט, אַז דאָס געשעפט מיט צייטונגען, סאָדע־
וואסער און אַנדערע וואַסערן וועט אָפּפאַלן צוליב דער קאָנקו־
רענץ, וועט אפשר די יידישע פּאָסט פאַלן אין בּעסערע הענט
אריין! דערצו איז אָבער נאָך ווייט.

וועל איך טאַקע געבן אַ רשימה פון חתנים און כּלות אויפן
אָרט פון „שטעט און שטעטלעך".

איך מיין נישט די גאַנצע רשימה. די כּלי־כּתיבה פון
אקדמות וואָלט דערצו נישט געקלעקט. איך וועל יוצא זיין מיט
א קליינעם מן־המעשׂר, מיט אַ לעק פון געדיכטן, וואָס מען
רופט:

„פּראָבּן אָן אַ שום ווערט!"

ערשטנס, נעמט אַ ראַמש חתנים.

יוריסטן, וואָס האָבּן מורא פאַר שפּרענק־וואַסער, דאָקטוי־
רים אָן פּראַקטיקע, ווי אויך מאַטעמאַטיקער. וואָס ציילן און רע־
כענען—שטייגער אין די גאַסן, שינדלען אויף די דעכער, בּוי־

מער אין די גערטנער, צי גאָר — און מיט מער האַרץ־ווייטאָג — פרצמד געלט אין סוחרישע קאַנטאָרן...

דאַכט זיך אייך אפשר, פּועלים בטלים? האָט איר א טעות! מיט אַזעלכע האַנדל איך נישט! אַזויגס הויב איך פון מיסט נישט אויף! איך מיין די, וואָס שטעלן זיך אַלס קאַנדידאַטן צו די רבנישע — קלפּיס אין די גרויסע שטעט! זאָרגט נישט! זיי וועלן במהרה בימינו צולייגן די רויטע ליפּעלצך מיט די ווייסע ציינדעלעך צום קהלשן קרעפּל און נאָגן און בייסן כאחד האדם! ווי אין אַבראַמאָוויטשעס „קליאַטשע” שטייט.

וכנגד ביבשה — א ראַמש כלות:

עטלעכע טוץ אַקושערקעס און דענטיסטקעס, וואָס עס איז זיי נמאס ומאוס געוואָרן די הוילע „זעלבשטענדיקייט”, און ווילן חתונה האָבן אַבי אַוועקצולייגן די כּלאכה!

העלפט מיר מזווג זווגים זיין! לעקט אויך אָפּ א ביין. איך בין, חס־ושלום, קיין צר־עין נישט!

און, „צווישן אונז נישט אויף זיך”. די מיידלעך זענען דאָך אַוודאי סחורות! אַ קלער קאָנט איר נאָר האָבן וועגן די א ו י ס־ש ט ו ד י ר ט ע; איר קאָנט, למשל, מורא האָבן, טאָמער עפּנט זיך אַ קאָנקורענץ־געשעפט — אַ ראַבינער־שול, טאָמער הויבן אָן די „דוכאָוונעס” צו באַלייגן העכערע עקזאַמענס, — זאָג איך אייך בהן־שלי, אַז עס איז אומזיסט דער גאַנצער פּחד! פון ראַבינער־שולן האָט מען אַזוי לאַנג גערעדט און גערעדט, ביז עס איז נמאס געוואָרן רעדנדיק... „דוכאָוונעס”, וואָס מאַכן הויכע עקזאַמענס, זענען דערווייל אַזוי זעלטן, אַז ווען איינער באַווייזט זיך, ווערט א רעש אין „הצפירה”. און ווען מיר זאָלן האָבן אילוסטראַציעס, וואָלט מען פון אַזעלכע פּאָרטרעטן געמאַכט.

אפשר וועט זיי באַנוצן „מזרחי” צו פּאָסט־קאַרטן!

דאָס איז געווען סחורה פון ש ט ע ט: פּעטערבורג, מאָסקווע, אָדעס. אין וואַרשע קענען די לייט צו ווייניק „עברי”...

איך וואָלט אָבער געהאַט נאָך א גרעסערן ראַמש חתנים פון „שטעטלעך”, ווען נישט דער קאָמעט!

איר האָט דאָך אוודאי געלעזן, אַז הינטער פעטערבורג האָט זיך באַוויזן אַ קאָמעט מיט אן עק פון צוויי צי דריי אַר־שין; אַ קאָמעט באַדייט: מלחמה! איז אָבער די שאלה: ווער וועט פירן מלחמה? זאָל דער קאָמעט געווען מיינען די מלחמה צווישן „ליובאָשיצקי” און „בן אביגדור” אין „הצפירה” וועגן זשאַרגאָן — וואָלט ער אַ סך אַ לענגערן עק געהאַט! אלא מאי, האָב איך געטראַכט, ער מיינט די אומות העולם.

וואַרף איך אַ בליק אויף די אומות העולם, איך וויל זען: ווער וויל און קאָן האַלטן מלחמה?

עסטרייך קאָן זיך נישט רירן, כל־זמן אונגאַרן און גאַלי־ציען ליגן זיך איינס ביים אַנדערן אין די האָר וועגן אַ „כרמלית” פון ד׳ על ד׳ מיטן נאָמען „מאָרסקע אָקאָ”. בפרט כל זמן וואַרשעווער קראמשטיקס זאָגן, אַז זיי וועלן באין אופן נישט שווייגן! פראנקרייך האָט זיך נאָך נישט אויסגערייניקט פון די גלחים, און האַלט זיך אין איין קראַצן אין קאָפּ! ענגלאַנד דאנקט גאָט, אַז זי איז אַרויס בשלום פון דער לעצטער מלחמה. בלייבט איין דייטשלאַנד? איז עס אָבער פארנומען מיט פויזן! פראָפעסאָרן לויפן אַרום אין די וועלדער און זוכן ריטער פאַר פוילישע קינדער אין פויזנער שולן; יוריסטן ליגן טעג און נעכט איבערן קאָדעקס און זוכן א פאראַגראַף מיט קייטן און אייזערנע ריטער פאַר די קינדערס עלטערן; די האַרמאַטן, מיט די לעכער קעגן פאַריז, האָט מען איבערגעדרייט קעגן פויזן —

הכלל — ווער, צו אַלדי־שוואַרצע יאָר, וועט האַלטן מלחמה?

לאַנג קלערן האָב איך מורא פארן קאָפּ — כאַפּ איך מיך צום קאַלענדאַר! ווי וועל איך נישט געפינען אַ נביאהלע, אַ וואונק?

כאַפּ איך פריער זייערס אַ קאַלענדאַר — נישטאָ אַ וואָרט! טראַכט איך מיר: זיי וויסן אַ סך! כאַפּ איך אונזערס אַ לוח, זע איך ערשט — אַז אונזער לוח איז נישט מער ווי אַ ריינע אי־

בערזעצונג פון זייער לוח! אַ חוץ מנהגי־בית־הכנסת מיט די סד־רות, וואָס מען דרוקט איבער פון יאָר צו יאָר—אַן איבערזעצונג וואָרט ביי וואָרט! זייערע ירידים, זייערע „קדושים", כאָטש מען האָט שוין לאַנג פאַרוועַרט מיט זיי צו האַגדלען!

כאַפּ איך היימישע קאָרעספּאָנדענציעס—און דאָ קומט ערשט דער אמת אַרויס; מלחמה אין תפוצות ישראל!

דער קאָמעט איז נאָר אַ נייער, די מלחמות זענען אַלטע; כלי־קדש, גבאים, ציוניזם...

קאָן איך דען האנדלען מיט חתנים, וואָס איידער וואָס, איי־דער ווען, וועלן זיי בלייבן אָן נעז, אָן אויערן, און וועלן זיך אַ מינוט פאַר דער חופה, אַלס ב פרייטע פון מיליטער, אָפּ־שטעלן און הייסן געבן טאָפּלט נדן? גיי, מאַך אויפסניי קריעת ים־סוף!

אַזויפיל כח האָב איך נישט!

פאַראַן אפילו א שטעטל, וואָס איז געבענטשט מיט שלום! האָט עס אָבער אַן אַנדער חסרון: עס איז דאָרט אָפּגעבערענט געוואָרן דאָס באָד מיט דער מקוה, און פון צוריק אויפבויען האָט מען, פונקט ווי פון אַ ראַבינער־שול, אַזוי לאַנג גערעדט און גערעדט, ביז עס איז בלויז געוואָרן רעדנדיק!

מילא, די „ווייבער יאַק די ווייבער" — זיי טוען זיך אַן עצה; עס איז נאָענט צו אַנדערע שטעטלעך, אפילו נישט זייער ווייט פון מינסק; פאָרט מען וואו עס איז און מען שלאָגט זיך אויס די הוצאות מיט איינקויפן: אייער, ציבעלעס, הינער, צי א שטיקל וואָלנצייג, וכדומה...

אָבער די מענער — שרייט מען — גייען אַרום, ווי די קוימען־קערער!

נאָך איין חתן און נאָך איין כלה וויל איך אייך פאָרשטעלן...

דער חתן איז א בחור אַ בעל־מופת.

אפילו אַ פּראָסטער בעלפער געווען, אַ בעלפער, וואָס דער־מלמד פלעגט נישט צולאָזן אפילו צו דער „עברי״. ער פלעגט אָנטאָן, אָפּפירן די קינדער, טראָגן זיי כמנהג פוילן — „פּאָד וואַרימעס״ און אַלע ערב־שבת ויום־טוב מאַכן ביי באַלעבאַטים פיש.

אָבער, „אַז גאָט וויל — זאָגט מען — שיסט אַ בעזעם״— ווייזט זיך אויס, אַז דער בעלפער פלעגט מאַכן די פיש לכבוד שבת ויום־טוב מיט אַזעלכע כוונות, אַז ער האָט זוכה געווען, — וואַרט, וועט איר זען צו וואָס!

איינמאָל, עס איז געווען ערב־שבת נחמו, מאַכט דער בעלפער פיש ביים גביר. אין קיך זענען געווען: די דינסט, אַ יונגע עגונה, וואָס דער גביר האָט צוגענומען מער פאַר רחמנות, ווי צוליב דער אַרבעט; די שבת־גויה, וואָס ער אַליין האָט באַשטעלט, זי זאָל קומען אַלע ערב־שבת העלפן דער עגונה פוצן די פּיר פּאָר זילבערנע לייכטער, און דער בעלפער! אַ חוץ דעם, האָט דער גביר אַלעמאָל געעפנט די טיר פון שטוב און געזען, צי זיי שבת־גויע טוט אירס בשלמות...

און פלוצים, דער גביר האַלט אַזוי אָפן די טיר, די עגונה דרייט זיך, ווי איר שטייגער איז, ביים קוימען; די שבת־גויע פוצט און דער בעלפער גיט אַ שפּאַלט אויף דעם גרויסן, לעבעדיקן העכט, גיט אַ שפּרונג אַרויס פון בויך אַ לעבעדיקער שלייען, גיט זיך אַ הויב אויף די פליס־פעדערן, אַ שווים איבער דער לופט און גיט אַ זאָג מיט אַ קול פון אַ מענטש:

„דו, בעלפער, ווייל דו האָסט אַזויפיל כוונות אַריינגעלייגט אין די שבתדיקע פיש, וועסטו זוכה זיין...״

נאָר מער האָט מען נישט פאַרשטאַנען, אַזאַ געשווינד לשון האָט דער שלייען געהאַט, און אַזוי געשווינד איז ער אַרויס דורך דעם אָפענעם פענסטער!

און געהערט האָבן עס די עגונה, דער גביר אפילו לייקנט, נאָר מען גלויבט אים נישט. און אַ „מסיחה לפי תומה״ — די שבת־גויע, וואָס פאַרשטייט אויסגעצייכנט יידיש, און רעדט יידיש

אַזוי וואויל, אַז נישט איין יידישער מחבר וואָלט געמעגט צו איר גיין אויף דער לערן!

דאָס איז דער התן. אַזינד גייט די כלה און אַ וואוילע כלה — אויסגעטונקט אין יחוס!

פאַרשטייט איר מיך, אַ רבס אַ טאָכטער, פון דער רוסי־שער געגנט אַ רב!

און וואָס פאַר אַ רב!

מיט זיבן אויגן פלעגט ער קוקן אויף שחיטת־חוץ; אָפּגע־היט ווי אַן אויג אין קאָפּ דעם עירוב! יעדע וואָך אויפסניי גע־כשרט די מקוה! אַ צונג צו חלף האָט ער געהאַט, טאַקע איינע אין דער וועלט! היינט אויף חרמות — אַ מויל אויף אייזערנע שרויפן! און מעביר געווען האָט ער: פיר און צוואַנציק שוחטים, פיר און זעכציק קצבים און דריי „חדרים מתוקנים" צעבראָכן כחרס הנשבר!

ווי געזאָגט, דער צדיק איז נתבקש געוואָרן בישיבה של מעלה, מן־הסתם פאַר אַן אויבער־שמש אין גן-עדן אַריין, און האָט איבערגעלאָזט אַ בת־י ח י ד ה! שרייבן שרייבט מען: אַ יפהפיה! אַ לייבל, ווי אַ קליסקעלע, אויגעלעך, ווי די מאַנדלען ליפּעלעך, ווי דינע פעדעמלעך, און האָר — נאָר דאָס איז שוין אַ נאַרישקייט, וואָס מען שרייבט וועגן האָר, עס וועט פון זיי קיין זכר נישט בלייבן! וויל טאַקע די שטאָט זיך און דער י ת ו מ ה שטעלן אַ חופה מיט אַ י י ן חתן אין א י י ן טאָג!

מען שרייבט: מען זוכט אַן אלמן צי אַ גרוש, אַבי אַ זקן ירגל, נאָר אַ בחור, אויב אַ רעכטער, וואָלט אויך נישט געשאַדט!

מיין איך טאַקע, אַז א רעכטער וואָלט געווען דער בחור, דער בעל-מופת!

איי וואָס? וועגן לערנען? נאַרישקייטן! הלמאי דער וואַר־שעווער רב מאַכט אָן אין די גטין „נח מיט זיבן גרייזן", ווייסט נישט, ווען עס קומט „המכונה", ווען עס קומט „דמתקריא" — שרייבט פאַניע במקום „פיניע" וכדומה! נו? צאָלט ער נישט

צוועלף הונדערט רובל דירה־געלט און האָט נישט קיין זומער־זוואוינונג אין אָטוואָצק?

אַזוי מיין איך. נאָר „קבלו דעתי" זאָג איך נישט.

און לאָמיר רעכנען, אַז די שטאָט וועט נישט וועלן; מיינט איר, מיין חתן וועט פאַרזיצן? האָב איך פאַר אים אפשר אַ בעסערן שדוך! — אַ דבוק!

איר גלויבט נישט? הערט אַ מעשה:

אין „אונזערס" אַ פוילישער שטאָט (קיין נענטערע אדרעסן קאָן איך נישט אָנגעבן; איר קאָנט דאָך נישט פאַרלאַנגען, איך זאָל מיר לאָזן אויסרייסן דעם ביסן פון מויל) — אין „אונזערס" אַ פוילישער שטאָט האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גלגול. אַ צייט לאַנג האָט ער זיך ממש אַרומגעוואַלגערט אין די גאַסן און נישט געהאַט אין וועמען אַריין. געווען איז ער אַ מענישער שוסטער, און אַ פסק האָט ער געהאַט, אַז ער מוז אַריין דווקא אין אַ דאַמסקן שניידער אַ זכר, צי אַ נקבה, אַלץ איינס, אַבי דאַמסקי שניידער! אין דער שטאָט זענען אָבער מער קיין דאַמסקע שניידער נישט געווען, אויסער איינעם ר' חיים־יאָסל מיט אַ זון ר' יונה־בער און מיט אַ טאָכטער, פון וועלכער מען רעדט, וואָס האָבן אַלע דריי געאַרבעט ביי איין טיש.

אין שטוב אריינקומען האָט דער דבוק באין אופן נישט געקאָנט. אַ כשרע מזוזה, שמורהלעך ביי פענסטער און קוומען — קריך אויף די גלייכע ווענט! בלייבט נאָר איבער דער גאַס. אין גאַס אַרויס גייט אָבער ר' חיים יאָסל, ווי אויך זיין זון ר' יונה־בער, קיינמאָל נישט אָן אַ גאַרטל. אפילו ווען מען גייט צום פריי־סטאַוו, לאָזט מען דעם גאַרטל נישט פון לייב אַראָפּ. וויל ער מיט אַ גאַרטל — מוטב; ובאם לאו — זאָל ער שיקן קיין וואַרשע — אַזוי האָבן זיי געזאָגט — און טאַקע אויסגעפירט, ווי אַלץ, וואָס מען מיינט ערנסט! הכלל, פאַרן גלגול בלייבט נישט מער ווי דאָס מיידל. האָט אָבער דאָס מיידל אַ צוואה פון דער מוטער דער צנועה, זי זאָל שטענדיק טראָגן אַ פאַרטוך, און זי האַלט די צוואה און היט דאָס פאַרטוך, ווי אַן אויג אין קאָפּ! און אַ קיימא לן האָבן מיר, אַז וואָס ביי אונז איז אַ גאַרטל, דאָס איז אַ פאַרטוך ביי אַן אשה...

לויערט ער פונדעסטוועגן אויפן מיידל. קלערן קלערט ער אַזוי: וואָס עס קאָן זיך אַלץ מאַכן! ביי לייטן טרעפט זיך, אַז אַ מאַנספאַרשוין פארלירט דעם גאַרטל און אַן אשה דאָס פאַרטוך! נאָר ביי אַ מאַנספערשוין, וואָס פאַרלירט דעם גאַרטל, בלייבן נאָך כשרע ציצית, און ביי אן אשה וואָס? גאָרנישט!

קייקלט ער זיך אַלץ נאָך דעם מיידל טריט ביי טריט און זי, נעבעך, הויבט גאָרנישט אָן דערפון צו וויסן.

איינמאָל, אין אַ הייסן תמוז-טאָג, פאַלט איין דעם מיידל און גייט זיך באָדן. עס פלעגט גאָרניט איר טבע צו זיין! נאָר, אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, גייט זי זיך באָדן! און אַזוי ווי זי קומט צום טייך, וויל זיך אויסטון און וואַרפט פון זיך אַראָפּ דאָס פאַרטוך — טראַך! דער דבוק איז אַריין!

און שוין, ער לאָזט זי שוין מער קיין פאַרטוך נישט אָנ-טון!... מיט אירע אייגענע הענט פאַטשט ער זי אין די באַקן, אַז מען ווייזט איר נאָר אַ פאַרטוך!

פונדעסטוועגן האָט מען זי איינמאָל געראַטעוועט!

ערב-יום-כפור איז עס געווען! ערב-יום-כפור, ווייסט מען, ווילט זיך אַ גלגול אויך טובל זיין! האָט מען איר געהייסן נעמען אַ נייעם ערדענעם טאָפּ, גיין צום טייך, אָנשעפּן ריין וואַסער, און צוריק קומען, און שטעלן פאַר זיך דעם טאָפּ מיט וואַסער אויף דעם קוימען. זי האָט אַזוי געטאָן. אויפן קוימען האָט דער-ווייל, ווי אַלע ערב-יום-כפור, אַ פייער געברענט, און ביים קוי-מען זענען צוויי גבאיטעס געשטאַנען גרייט און געוואַרט. אַזוי ווי דאָס מיידל האָט אַנידערגעשטעלט דעם טאָפּ אויפן קוימען, איז דער דבוק אַרויס צו טבילה! באותו הרגע האָט איין גבאיטע פאַר-דעקט דעם טאָפּ מיט אַן אייזערנעם שטאַרץ און די צווייטע האָט געוואָרפן איבערן מיידל אַ פאַרטוך, און געגעבן אזא בינד צו, אַז דאָס מיידל האָט אַזש אַ געשריי געטאָן, אָנגעכאַפּט האָט עס זי ביים האַרץ!

דער דבוק אין טאָפּ האָט אָבער העכער געשריגן! אַ פייער איז געווען אַ גרויס, דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן קאָכן און ער האָט געמאַכט קולות עד לב השמים — אין באָד האָט מען גע-

הערס! און ווען עס איז באשערט, וואָלט עס א סוף גענומען! איז
אָבער דאָס מיידל אַ מיידל מיט רחמנות און דאָס האָט קאַליע
געמאַכט! אַז דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו זידן, האָט
פלוצים דער דבוק אויסגעשריגן כהאי לישנא: טריינע־דוואָשע —
אַזוי האָט דאָס מיידל געהייסן — טריינע־דוואָשע! האָב רחמנות
אויף מיר; איך בין דיין עלטער־זיידע!

און אזוי ווי טריינע־דוואָשע האָט דערהערט, אז דער דבוק
איז איר עלטער־זיידע, האָט זי געכאפּט דעם קאָכעדיקן טאָפּ און
אַרויסגעשליידערט דורכן פענסטער!

און דאָס וואסער האָט זיך אויסגעגאָסן, דער טאָפּ איז
צעבראָכן געוואָרן און אויפן מיסט אין שאַרבן איז געבליבן ליגן
דער גלגול און האָט ווייטער געלויערט! וואָס זאָל ער טון?

און נישט לאַנג האָט ער געוואַרט! עס איז אַ שרפה גע־
וואָרן — ר' יאָסל חימל מיטן זון, מיט דער טאָכטער זענען קוים
אַרויס לעבעדיק אין די העמדער, זיי אָן די גאַרטלען, פאַר דאָס
אָבער אין ציצית. און זי וואָס? אָן אַ פאַרטוך מיטן זינדיקן לייב!
פאַרשטייט איר דעם סוף!

אַצינד הייסט דער ביאַליסטאָקער מגיד, זי זאָל תתונה האָבן!

נאָר גאָר אינגאַנצן פאַרנעמען זיך מיט אייגענע געשעפטן
לאָזט מיך נישט דאָס האַרץ. איך וויל נאָך ענטפערן אויף אַ
בריוו, וואָס רירט אָן אייך אַזוי ווי מיך. וועגן „שטעט און שטעט־
לעך" גייט עס.

און עס איז אַ בריוו מיט אַ „ירגזון":

„ס'טייטש — שרייבט זיך א בייזער ייד פון דער פראָווינץ —
מיט גבירים בעלי־צדקה זיך טשעפּען?

„צי איז שוין צדקה קיין מצוה נישט, קיין מדה טובה נישט?

„צי איז בעסער די גבירים זאָלן ליגן אויף די קאַסטנס,
ווי די עכבורים אָדער אויסלערנען זיי אויף כל העברות שבתורה?

„און ווער טשעפּעט? טיגטלער, פעדער־בייסער, קבצנים" —
און דעם בייזן ייד מוז איך ענטפערן!

ערשטנס, מיין ליבער ייד, גיבן די טינטלער מער פאַר די גבירים — זיי, די טינטלער, גיבן ג י ך, און אייגנס — זייער א י י ג נ ס — זייער אייגענע נשמה גיבן זיי! און די גבירים גיבן פון קעשענע, און וועמענס עס איז, ווייסט איין גאָט!

צווייטנס, צדקה איז אַ מצוה, אפשר גאָר אַ גרויסע מצוה, אפשר וועט נאָך אַ לאַנגע צייט איינס פון די דריי פיס, אויף וועלכע די וועלט שטייט, זיין צדקה... נאָר ליב האָבן אַ ווייב איז אויך אַ מצוה, אויף דער מצוה שטייט אוודאי די וועלט, און וועט אייביק שטיין, און פונדעסטוועגן הייסט עס „דברים-שבצנעה"... אַ מצוה דאַרף זיין אַ צנועה, נישט שרייען אין די גאסן, נישט אַרומלויפן אין שרייענדיקע טריקאָטן אין די הויפן.

מתן־קערבלעך איז נאָך קיין מתן-תורה נישט; קולות וברקים ולפידים זענען איבעריק...

איר שרייבט ווייטער, אַז דאָס טוט אפשר נישט דער גביר אליין, נאָר זיינע מענטשן? האָט מען אוודאי געדאַרפט שרייבן, יאָל ער וויסן, ווי ווייט זיינע מ ע נ ט ש ן זענען קיין מ ע נ ט ש ן נישט!

20

1־טן אקטאבער 1902

נישט געבייזערט זיך, װאַרשעװער דאָקטוירים;

כעס — זאָגט דער „תּלמוד״ — איז עבודה זרה!

און שמעקט אייך נישט דער „תּלמוד״, נאַט אייך אַ לאַ־טייניש װערטל: „יופּיטער, דו ביסט בייז? אַ סימן — ביסט אומגערעכט!

און אפשר האַלט איר נאָר פון רעצעפּטן־לאַטיין? נאַט אייך אַ פּראָסט װערטל, אפשר א שניידעריש: װי מען גיט א קלאַפּ אָן טיש, רופט זיך אָן די שער!

טייל זינגען:

עס האָט געהאַט דאָס מיידעלע
אַ נעזל װי אַ קיגעלע;
האַלט זי שטאַרק פון נעזעלע
און שרייט גאָר אויפן שפּיגעלע!

אמת, א יושר?

צי האָב איך אייך אלע אין איין זאַק אַריינגענומען און אויפן מאַרק אויסגעשיט?

צי האָב איך אויפגעהויבן אַ האַק אויף אייערע ביימער, צי גאָר אַ פוס אויף די הונט־שװאָמען, װאָס װאַקסן אין זייער שאָטן?

נאָך װאָס לאָזן די ביימער די צװייגן אַראָפּ און װילן די הונט־שװאָמען פארשטעלן?

„ליכט! לופט! — שרייט איר ביים קראַנקנס בעט — אַרויס מיטן מיסט!״

און אז עס קומט צו אייך, װאָלט איר די לאָדנס פאַר אַ

פרעמד אויג פאַרמאַכט! אייער מיסט (און ווען איר שווייגט, וואָלט עס נישט אייער געווען) איז הייליק... און ווער מאַכט עס הייליק? די מאַראַליטעט? דער דאָקטאָרשער מוסר, וואָס הייסט פאַרשווייגן, קוקן דורך די פינגער, וואָס אַ קאָלעגע טוט! אחדות, זאָגט איר, מוז זיין!

ווי איז דעם מוסר, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר גאַנצע טויזנט דאָקטוירים קעגן הונדערט טויזנט קראַנקע! וואָלט נישט גלייכער געווען יד אחת פון ניין הונדערט ניין און ניינציק דאָקטוירים ערלעכע קעגן אַ טויזנטסטן שווינדלער?

„אַ יונגער יידישער דאָקטאָר — שרייבט איר, דאָס רחמנות צו דערוועקן — קאָן זיך נישט אַרויפאַרבעטן. קיין שטעלע אַלס ייד באַקומט ער נישט. קורירן האָבן זיך אונזערע יידעלעך ליב ביי נישט־יידן"...

אמת — נאָר צי איז נאָר אייער לאַגע אַזוי שלעכט, אָדער איר וועט אַלעמען ערלויבן, זיי זאָלן זיך מיט דער לאַגע פאַרטיידיקן?

און זאָגט נאָר, רבותי, אויב כל־ישראל־חברים שמעקט אייך אַזוי, — ווער דינט ביי אייך?... וואו קויפן אייערע ווייבער וועש, שטיקט און העפט פאַר אייך? ווער זענען די שטיוול אויף אייערע פיס, די צילינדער אויף אייערע קעפּ, די רעק אויף אייער לייב? וואָס פאַר א ביכער ליגן רויט געבונדן אין אייער וואַרט־צימער? און איר אַליין וואָס לעזט?

און אַ דאָקטאָר לויפט ארויס פון אַ יידישן שוסטער און ציילט איבער די פאָר גראָשן, און געפונט אַ דורכגעשטאָכן צענערל און שפייט אויס: פאַדליעץ!

און א דאָקטאָר לויפט אַרויס פון אַ יולדת, וואו ער האָט, נאָך אַן „איבערזיין", אויסגעשטעלט די יד אויף נאָך צען רובל אגיט „בדמיך חיי!", ער כאַפּט דעם פּאַלטאָ! — — —

און דיביידע דאָקטוירים טרעפן זיך.

— יאַק שע מאַש, קאָלעגאַ!

— יאַק שע מאַש, קאָלעגאַ!
און קלאָגן זיך אויף יידישער פּראַקטיק.
יד אחת — — אחדות — — — —

ווי אַ פּודעל פון קאַלטן וואַסער שפּרינג איך אַרויס פון דאָקטערײ און מוסר און טרייסל מיך אָפּ און וואַרף מיך אויף שטעטלעכדיקן זאַמד!

פון מוסר ווי אויך פון רעצעפּטן וועט שוין נישט זיין אַ וואָרט, דערפאַר וועט נאָך אַמאָל זיין: אחדות! און ווייסט איר צווישן וועמען אַחדות? צווישן קהלות! נאַטירליך נישט צווישן אַלע; דערווייל צווישן צוויי! — —

פּאַרצייטן, אַז עס זענען קיין באַנען נישט געווען, שאָסייען ווייניק, און אויף די טראַקטן איז מען נישט זיכער געווען מיטן לעבן, פלעגט טיילמאָל שלום און מלחמה צווישן שטעט אָפּהענגען פון אַן אתרוג. נאָנטע] קהלות האָבן געהאַלטן בשותּפות אתרוגים, און אַן עקסטרע ערל, וואָס פלעגט רייטנדיק איבערפירן איין אתרוג פון קהלה צו קהלה... מעשה שהיה און דער ערל האָט אָפּגעביסן דעם פּטום אין זאַמושץ, האָט שעברשין איר העלפט אתרוג נישט געוואָלט באַצאָלן און יאָרן לאַנג האָט זיך געצויגן אַ פּראָצעס צווישןביידע קהלות... אָדער שלום און מלחמה צווישן שטעטלעך האָט זיך געווענדט אין רב: וואָרים פאַרצייטן, ווען תורה איז געווען פול אין אַלע ווינקעלעך, פלעגן צוויי אַפילו דריי קהלות האָבן אינגאַנצן א י י ן רב, וואָס פלעגט זיצן דאָ א חודש, דאָרט אַ חודש, פירן ביידע ישיבות, פּסקענען אין ביידע דין-תורהס, קוקן אויף יידישקייט און אין איינוועגס אויף אָרעמע לייט, מען זאָל נישט מאַכן קיין „קנוניא" און „מיקר זיין דעם שער" פון „צרכי אוכל נפש" — בפרט מעל אויף פּסח, פיש אויף שבתים וימים טובים זאָלן נישט זיין טייער וכו׳.:.

היינט האָט שוין בעונותינו הרבים די תורה אין איין צוריק פליען אין הימל אַריין; די תורהס האָט מען נישט, עס קאָסט טייערער און עס דויערט לענגער, ווי אין געריכט — וועגן יקרות

בפרט און וועגן אָרעמע לייט בכלל קלערט מען שוין לאַנג נישט— און יעדעס שטעטל האָט זיינע דריי-פיר רבנים און שרעקט זיך, עס זאָל נישט קומען קיין פינפטער און קיין זעקסטער !...

וואָס רעדן האַלט צוזאַמען, ווי מען שרייבט, רעזינע, אַ קהלה אין בעסאַראַביען, וואָס לעבט פון טאַבאַק און וויינטרויבן, און ריבניצע — אַ פוילישע קהלה, וואָס מען שרייבט נישט, פון וואַנען זי לעבט ?

וואָס קאָן זיין אַזוינס, וואָס באַהעפט די צוויי שטעט, וואָס דער בייזער טייך דניעסטר צעשיידט מיט זיינע וואסערן ?

אַ מקוה איז עס !

אין רעזינע איז אָפּגעבּרענט געוואָרן די מקוה, אין ריבניצע נאָך נישט !

פאָרן זיך רעזינער ווייבער כּשרן קיין ריבניצע און דאָס ריבניצער באָד שיקט נאָך זיי אַרויס שיפלעך איבערן דניעסטר קיין רעזינע —

אחדות ! —

און פאַר די שיפלעך צאָלט מען נישט — מיטן באָד-געלט איז מען יוצא — — —

און ווען מען הייצט אין ריבניצע דאָס באָד, שיקט אַרויס די רעזינער רביצין אַ חברה ווייבער אין די רעזינער גאסן, און זיי קלאַפּן שטילערהייט פאַרטאָג אָן אין די לאָדן — און יעדער קלאַפּ איז אַ בשורה טובה, א נחמה :

די שיפלעך קומען, די שיפלעך קומען

נישט לאַנג אָבער — זאָגט מען — וועט צווישן אַ פוילישער שטאָט מיט אַ בעסאַראַבישער זיין אחדות !

אין רעזינע, זאָגט מען, איז פאַראַן אַ זעיר אנפּין פון באַראָן הירש, אַ גביר אַ חשוך-בנים — אויף אים האָפט מען, ער וועט צוריק אויפשטעלן די באָד ! כאָטש די וווייטע קרובים להכעיס !

זעט, דאָקטוירים, דערהאַלט אים ביים לעבן, כאָטש ביז דער צוואה !

8־טן אָקטאָבער 1902

און אַז עס וועלן קומען די ימים נוראים, עס וועלן זיך עפענען די טויערן פון הימל, די שערי־רחמים וועלן זיך עפענען ברייט, — וואָס, מיינט איר, וועל איך בעטן ביי זיין ליבן נאָמען?

נישט קיין חכמה, ווי שלמה המלך; נישט קיין נצחון איבער שונאים, ווי דוד המלך זיין פאָטער; אַפילו נישט קיין בולקע מיט פרישע פוטער, ווי, להבדיל, באָנטשע שווייג.

עשירות וועל איך בעטן.

איך וועל מיך איבערדעקן מיטן טלית איבערן קאָפּ און בעטן רחמים: געלט! געלט, רבונו של עולם! געלט!

מען האָט היינט קיין אַנדער ברירה נישט!

עשירות גיט ממשלה, לכל הפּחות איבער קהל; כּבוד, לכל הפּחות אין בתּי־כּנסיות ובתּי מדרשים; פון אזוי עולם הזה איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן! און וויל מען, אויפן הונדערטסטן פאַל אַ שטיקל עולם הבא אויך — ווערט מען אַ מתעסק בצרכי צבור, גיט מען צדקה...

אַ דאגה מיט וואָס גאָט און לייט צו קויפן!

מען טיילט אַפילו עולם-הבא!

וויל איך, בין איך אַליין אַ רעדל-פירער: איך הייס מיך מאַכן פאַר ראש-הקהל, גבאי, צי פאַר וואָס עס איז, בין איך! פיר איך אייגנהענטיק קהל ביי דער נאָז, נעם איך איין דאָס גאַנצע עולם הבא. וויל איך, הייס איך קלייבן ועמען מיר געפעלט; פיר איך יענעם ביי דער נאָז, יענער די שטאָט ביי דער נאָז און מיטן עולם הבא טיילט מען זיך; עס וועט גענוג זיין פאַר ביידע!

איך האָב געלט. וויל איך „הוצאות והכנסות“, „אתה הראית“

„חתן תורה״, „חתן בראשית״ און אַלץ, וואָס אַ מקום קדוש האָט צו פאַרקויפן, וויל איך, נעם איך אַליין און שלינג שטיקער עולם־הבא; וויל איך, בין איך אנדערע מכבד מיט עולם הבא, ווי מיט אַ גוטן ציגאַר!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז הונדערט אָרעמע לייט — אָדעסער בני־ציון ווילן פאַרשריבן ווערן אין גאָלדענעם בוך פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, האָבן זיי קיין געלט נישט! מען בענקט, מען לעכצט צום גאָלדענעם בוך, נאָר — ווי אין דעם „אַף־ברי״־לידל זינגט זיך: און קיין געלט איז נישטאָ! הונדערט רובל זעט אַן אָדעסער בן־ציון אפילו אין חלום נישט!

וואָס מוזן זיי, נעבעך, טון, די אָרעמע לייט? הערן זיי דעם לידער רבס עצה, מאַכן יעדן פערטן שבת פאַר אַ וואָכנטאָג, שטעלן קיין טשאָלענט נישט, זאָגן זיך אָפּ פון קאַשע, קוגל, פלייש — און עסן „שאר ירקות״, און לויט מען שרייבט, האָט א שבת פרשת עקב איינגעבראַכט אַ פאַרצייכעניש אין גאָלדענעם בוך!

און — ווייַ צום קבצנישן נחת! פאַרשריבן איז געוואָרן — נישט בערל טרעגער, נישט יונה וואַסער־טרעגער, נישט שמואל שוסטער, יוסל שניידער וכדומה, נאָר בתכלית הקצור: אָדעסער „בני ציון״! אַלע אונטער איין פאַרצייכעניש, ווי אָרעמע יונגלעך האָבן שמחת תורה א י י ן עליה אונטער איין טלית...

אָבער, אַז איך וועל, אם ירצה השם, זיין אַן עושר, כאַפּ איך אַרויס א הונדערטער — עס איז דאָך נישט ערגער ווי אן עברהלע! — און שיק! און פאַרשרייבן וועט מען: הלא הוא הגביר המפורסם, מיט נאָמען, ביינאָמען, צונאָמען, פאָטער־נאָמען, פאַמיליען־נאָמען, אפילו מיט דער גילדיע, וואָס איך וועל צאָלן...

וועל איך דעמאָלט אויך לעבן בשלום מיטן ווייב, איז נאָך אַ הונדערטער, פאַרשרייבט מען זי אויך! קינדער אין דער וויג קאָן איך פאַרשרייבן! נפלעך!

און ממילא וועט עס מיך נישט קאָסטן אויך! וואָרים, אַז מען קאָן, ווען מען וויל — הייבט זיך גאָרנישט אָן צו וועלן! איז גאָר די תאוה נישט אַזוי גרויס! זאָלן די ק ב צ נ י ם אָפּקויפן

אדק-ישראל, אויפבויען דעם בית-המקדש און מיר וועלן דערנאָך געבן זילבערנע לעפל!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַז איך בין אַן עושר און וואוין, למשל, אין א גרויסער שטאָט, וואו אַלץ איז טייער, און עולם-הבא און כבוד אויך; וואו, אַז עס קומט צו עפּעס, רעדט מען פון טויזנטער, אַ נישט וויל אפילו א „קוריער פאַראַנגני" נישט דערמאָנען! און איך בין, לא עליכם, קאַרג, האָב אויף אַזוי פיל קיין ממשלה נישט, טויזנטער לאָזט דאָס האַרץ נישט: טו איך מיר, מיינט איר, קיין עצה נישט? אוודאי! נעם איך און פאָר מיר אַרויס אויף דער וועלט — גע-שעפטן צום פאָרן פעלן נישט! — כאַפּ איך מיך אַראָפּ כלאחר-יד ערגעץ אין אַ קליין שטעטלע, וואו א מאה איז אַ שטאַרקע מטבע! למשל, אין מאָהילעווער גובערניע אין אַ קאָפּוסט, און אַז איך וויל, גיב איך אַ וואָרף אין דעם מויזן-לאָך אַריין אַ דריי הונדערטער... ווי מיינט איר, וועט נישט רוישן די וועלט? א דריי הונדערטער קרן-קימת-געלט אויף תלמוד-תורה, און מן־הסתם אויף כשרע! און איין אונטער צי אויבער־סעקרעטאַר, אַ משה דוד דרבקין וכדומה, וועט באַלד לויפן מיט די לאַנגע הענט און אָנ-ציען די גרויסע גלאָק אין „הצפירה", צי אין „המליץ", צי איןביידע צוזאמען און מיין נאָמען וועט קלינגען, קלינגען און ווייטער קלינגען, אַז מען וועט הערן אין אַלע זיבן הימלען, ווי אין גאַנץ תפוצות ישראל!

ווער שמועסט, אַז איך וועל נאָך אַזועקלעגן די האַנט פון האַרץ און פאַרשרייבן זיך נאָך אויף עטלעכע רובל יאָר-געלט — האָ — האָ!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען איך וואוין, למשל, אין פּאָלטאַווע, בין איך איינער פון די גרויסע רעדל-פירער, עפּן איך נאָך אַ תלמוד-תורה! אז איך וויל, עפן איך!

און איך שטעל מיר פאָר, אַז עס קומען אַריין צו מיר יענע לייט, יונגע משכילימלעך, וואָס מיינען, אַז זיי האָבן אַ מאָ-כצאָל אויף פּעדאַגאָגיע, אויף תלמוד-תורה, און פרעגן, אַפילו בעניוות:

— גביר-לעב, מיר האָבן געהערט, דו ווילסט עפענען אַ תלמוד-תורה, מיר האָבן שוין אָנגעגרייט פאַר דיר אַ דרייפאַכיקן „יישר כח": אַ געזאָגטן. אַ געשריבענעם און אַ געדרוקטן!

מיר וועלן עס מיטן גאַנצן האַרץ פאַרזאָרגן... נאָר זאָג אונז גביר-לעב, — רעכט תלמוד-תורה, נאָר ווער וועט לערנען און וואָס וועט מען לערנען אין תלמוד תורה?

און איך בעט זיי אַפילו נישט זיצן, און שטעל מיר אַפילו צו זיי נישט אויף. און ענטפער אויפן גבירישן שטייגער:

— פון ווען אָן וועלן עס קבצנים זאָגן דעות?

און זיי וועלן אַראָפּבויגן די קעפּ און פּרובן זיך נאָך מיט אַ ציטעריקן קול:

— ס׳טייטש, עס גייט דאָך נישט וועגן מסחר, וועגן באַנק-נאָטן צי וועגן פּאַדריאַדן, אויף וואָס נישט מ י ר זענען די מבינים.. עס גייט דאָך וועגן תורה. וועגן לערנען, און מיר זענען דאָך די מורשים!..״

דאָס אָבער אַרט מיך שוין! איך לעג מיין פינגער (מיט די כיר בריליאַנטענע רינגען) אויפן עלפאַנדביינערנעם קנעפּל פון עלעקטרישן גלעקל אויפן טיש. די שוטים ווייסן אַפילו נישט, וואָס דאָס רירן באַטייט און זאָגן ווייטער, אַביסל פעסטער ביי דער דעה:

— און עס איז דאָך נישט — זאָגן זיי — אייער געלט!

עס איז דאָך קאָראָבקע-געלט, קעסטל-געלט! אָרעם געלט איז עס דאָך! א ו נ ז ע ר געלט! איר מיט אייער איידעלן געזונט און נאָך איידעלערן געזינטל עסט דאָך נאָר הינער-פלייש, אַלערליי וואָס פלייש...

נאָר דאָס גלעקל האָט זיינס געטון; פאַר מיר ענטפערט שוין דער לאָקיי! — — — — — — — — — — — — — —

און ווען איך וואוין, למשל, אין אַ שטעטל אין גראָדנער גובערניע, בין אַ גרויסער עושר און עס פאַלט מיר איין צו פאָרן אַלס דעלעגאַט פון בני-ציון קיין מינסק, וואָלט איך, מיינט איר, נישט געפאָרן?

איך וואָלט גאָר קיין ציוניסט נישט געווען, — ביי גרויסע געשעפטן, ווער האָט צייט דערצו? — איך וואָלט אַפילו קיין שקל

נישט געצאַלט — גלייכער אַן אָרעמען קרוב! — און געפאָרן וואָלט איך?

מען וואָלט מיך אַפילו נישט אויסגעקליבן! ווער דארף עס?

ביי דער קלפּי וואָלט געווען אַ מלחמה צווישן אַ „מזרחי" מיט אַ „פּראַקציאָניסט"; איינער וואָלט גובר געווען; מיין דאגה ווער... און צומאָרגנס וואָלט איך געשיקט אָנזאָגן דעם סעקרעטאַר, אַז איך וויל, דאָס הייסט: אַז ווען מען בעט מיך. וואָלט איך אפשר נישט אָפּגעזאָגט... און — ווער קלפּי, ווען קלפּי? ער וואָלט שוין געשריבן און געחתמעט אויף מיר! — — — — — — — —

איר שפּילט אייך מיט עשירות??

הונדערטער בלעכער פאַלן פון די דעכער; אין פאַבריקן ווערן מענטשן צעזעגט און צעשניטן; ביי פענסטער-וואַשן פאַלן אַראָפּ אָרעמע מיידלעך פון דריטן און פון פערטן שטאָק... און אַזוי — וויפל ווערן נעלם?...

נאָר ווייסט עמעץ דערפון?

אָבער, איך רעד שוין נישט פון אמעריקאַנישן „מאַטטייעה" און זיין אויטאָמאָביל, פון וועלכן ער איז אַראָפּגעפאַלן, נאָר גלאַט — ווען איך, למשל, בין אַן עושר, אָדער ווען איר צ. ב. ש. זייט אַן עושר און איינער פון אונז פאַלט אַראָפּ נאָר פון אַ פּשוטן וואָגן, וועדי שמועסט — פון ביציקל, נו, וואָלט נישט געקלונגען אין אַלע „שמאַטעס"?

אויב איר גלויבט נישט, פּרובט!

קלוגע פעלקער לייגן זייערע חכמות אין גלייך ווערטלעך אַריין, און נישט אומזיסט זאָגט דער עולם: באַדיי אַ משכון צו פאַרזעצן, אַבי אַן עושר צו זיין!

מען האָט הייגט קיין אַנדער ברירה נישט!

15־טן אקטאבער 1902

נישט איך אַליין בין פרום און דאַוון, נאָר אפילו מעשה־ידי — מיין „שטעט און שטעטלעך" פעליעטאָן!

עס איז אפילו אֵ יידיש קינד, אַ גלות קינד... אזוינס, אַז עס געבירט אַ בייזע לשון־קודש קאַץ, בייסט זי אים באַלד דאָס ווייכע קעפל אָפּ און עס דערלעבט נישט צו זען די ליכטיקע שיין! און דאָך, קוים שפרינגט עס מיר פון האַרץ אַרויס, נאָך דעם נאָפּל נישט אָפּגעשניטן, פארלייגט עס שוין די פרומע הענטלעך און עפנט דאָס קליינע מיילעכל און זאָגט אויף לשון־קודש:

— „אלהי,

„עד שלא נוצרתי אינני כדאי!

„ועכשיו שנוצרתי —

„כאלו לא נוצרתי?"

עס האָט אַביסל „גראַם" אין זיך, נאָר אַ סך אמת!

אויף וועמען ווירקט מען? ווער הערט און פאַרבעסערט זיך?

דער געטראָפענער זאָגט: אַ בלבול; דער נישט געטראָפענער — אָ, אַ גלייכווערטל!

א פיין־געבילדעטער, פיין־דערצויגענער ציט צוזאַמען די פוילע ליפּן: פוי!

אַ פיין־געבילדעטער, פיין־דערצויגענער מענטש דארף קיין מגיד נישט! ער האָט זיין אייגן געוויסן, אַ פיין, ווייס דער־

צויגן שויס־קעצל מיט שטענדיק אָפּגעשניטענע נעגעלעך, וואָס בייסט נישט, קראַצט נישט, נאָר גלעט איבער דער נשמה.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ מענטש באַשטייט פון א גוף מיט אַ נשמה. דאַכט זיך, אַז די נשמה איז דער עיקר, דאָך קומט אַרויס פאַרקערט. אַז דעם גוף איז עפּעס, דערפילט באַלד די נשמה און מען לויפט צו ווע־מען מען דאַרף, אַ צאָן אַרויסרייסן, אָפּשניידן אַן איבערוואוקס, אויסברענען אַ ווילד־פלייש, א פּאָליפּ... פרעגן. אין וועלכן באָד אַריין מען דאַרף פאָרן און אין גאַס ווען איר קיינמאָל נישט זען, וויניקסטנס זייער זעלטן. עס זאָל אַרומגיין אַ מענטש מיט אַ פוילן גוף!

אָבער פאַרפוילטע, איבערגעוואַקסענע נשמות? אויף יעדן שריט און טריט. נאָר אַז די נשמה ווערט קראַנק, האָט נישט ווער צו פילן.

אַז דו זאָגסט עמעצן אין גאַס: וואָס זעסטו עס אַזוי שלעכט אויס? נעמט ער עס אָן פאַר א גוטע מטבע, אַ קאָמפּלימענט פאַר חברקייט! פּרוב אָבער און זאָג עמעצן: „וואָס איז דיין נשמה אַזוי בלאַס, אַזוי אַש־גרוי אָדער פויל־גרין, ווי א סוף־זומער־בלאַט?" שילט ער דיך אין טאַטנס טאַטן אַריין!

— — — — — — — — — — — — — —

און מיט אַן אָנגעשוואָלן קול פון רחמנות זאָג איך אַ פיין־געבילדעטן מענטש: „הער, דו ביסט א צייט געשלאָפן... מיט אַ פרעמד לידל האָט מען דיך איינגעשלעפערט, און דו האָסט עס אין שלאָף ווייטער געזונגען, דאָס נאַרישע פרעמדע לידל... און בשעת דו ביסט געשלאָפן און דאָס נאַרישע פרעמדע לידל געזונ־גען, איז דיר אַ היישעריק מיט אַ קופּערן פּיסקל אין דער נאָז אַריין, פון דער נאָז אין קאָפּ אַריין, און האָט דיר פון מח אַ שטיק געהירן אויפגעגעסן און דו ביסט ווייטער געשלאָפן און דאָס נאַרישע פרעמדע לידל געזונגען, ביז עס האָט דיך אויפגעוועקט א געשריי, אַ ליאַרם: דיין הויז ברענט! און דו האָסט זיך אויפ־געכאַפּט האַלב מענטש, מיט האַלבע געהירן, געעפנט אַ פּאָר נאַרישע אויגן, אַן אויסגעפוילט מויל (אין שלאָף האָסטו די ציין

פארלוירן) און זינגסט ווייטער דיין שלאָף-לידל, און ציטערסט פאַר שרעק און דרייסט זיך ארום, ווי אַ פאַרלוירענע שאָף אויפן אָרט, אַרום און אַרום, אַרום און אַרום — —"

און מיט אַ קול, אָנגעשוואָלן פון רחמנות, זאָג איך ווייטער דעם געבילדעטן מענטש מיט דעם האַלב אויסגעגעסענעם געהירן:
„הער אויף צו זינגען, די זינג-צייט איז שוין לאַנג פאַריבער... נאַ! נעם אַ שמעק-טאַבעק, ניס-אָפּ, ניס-אָפּ שטאַרק, וועט דיר דער היי-שעריק, וואָס עסט דיר אויף די געהירן פון קאָפּ, פון נאָז אַרויס, און ווער געזונט!"

בייזערט ער זיך!

אַ נאָגל, אַז ער פאַררייסט זיך, לאָזט ער זיך אָפּעררירן, און אַז מען עסט אים דעם מח, די נשמה אוס, פילט ער נישט און זינגט, און בייזערט זיך!

— — — — — — — — — — — — —

און טרעף איך אַ פּראָסטן גלות-ייד, און גיי צו און זאָג אים: אַרויס פון בודע! עפנט ער אויף מיר אַ פּאָר אויגן!

זאָג איך אים: הער, דו האָסט געשלאָפן... דו האָסט אַזוי לאַנג געליטן, ביז דו האָסט איינגעשלאָפן... און אין שלאָף האָסטו געקרעכצט, נישט געזונגען... אייגענע לידער האָסטו לאַנג אין צרות פאַרגעסן און פרעמדע נישט אויסגעלערנט... נאָר בשעת דו האָסט געשלאָפן, איז די שיינע נאָר שרעקלעכע לילית געקומען און האָט אויף דיר אַ כשוף געוואָרפן. זי האָט דיר אַן אייזערנע קייט אויפן האַלז געלייגט און שלאָפּעדיקערהייט צו אַ פינסטערער בודע געשלעפּט און געזאָגט: זיי אַ הונט! און פאַרכשופטער האָסטו געענטערט: איך בין אַ הונט! און די צונג אַרויסגעשטעלט און פליגן געכאַפּט אָדער אין קלאָרע נעכט קעגן דער לבנה גע-בילט...

נאָר ווייל דו האָסט קיין פרעמדע לידער נישט געזונגען, האָט אויף דיין נשמה דער כשוף קיין שליטה נישט געהאַט. זי האָט זיך נאָר איינגעקנוילט, איינגעשרומפּן און ערגעץ טיף, טיף אין מח צי אין האַרץ באַהאַלטן, זי זאָל זיך מיט די הינטישע געדאַנ-קען נישט טרעפן, קיין פליגן נישט כאַפּן!

ער עפנט נאָך גרעסערע אויגן און איך זאָג ווייטער:
הער, פון פליגן כאַפּן לעבט מען נישט —
פרעמדע טעלער לעקן איז קיין כבוד נישט —
אַ פינסטערע בודע איז קיין הויז נישט — און דו ביסט קיין הונט נישט! וועק דיך נאָר אויף, וועט זיך אויפוועקן דיין נשמה, זי וועט זיך פאַרשפּרייטן אין דיין גאַנצן גוף, און וועט פאַרטרייבן די הינטישע געדאַנקען — און אַ מענטש וועסטו ווערן.

ענטפערט ער מיר:

— דו וועסט מיך אָפּטריניק נישט מאַכן, איך בין א הונט און בלייב געטריי!

און ער ווייזט מיר — די ציינער!

— — — — — — — — — — — —

בארג אראָפּ צו זיין אָרעמען ברודער אין טאָל לויפט גוטמאַן, איך האָב אים קוים אין נאַכט־שאָטן דערקענט; בייטאָג האָט ער מורא פאַרן ווייב. די ארורה איז אַ מיוחסת, אים ליידט זי קוים, קוים; זיינע אָרעמע קרובים לאָזט זי אפילו נישט דערמאָנען. און אָנגעלאָדן איז ער. גוטמאַן, מיט פּעקלעך און שקאַרמעצן. אַ פּעקעלע צוקער, א ביסעלע קאַווע, אַן אלטע פּאָר פּלודערן, אַן אויסגעבויגענער צילינדער, פון די קעשענעס שטאַרן נאָך ארויס פלעשלעך — אַ ביסל מעדיצין, עס קאָן צונוץ קומען, אַביסל איינגעמאַכטס. עקסטרע פאַר די קינדער — אַביסל קאַנדל־צוקער...

אין דער בוזעם־קעשענע, בין איך זיכער, טראָגט ער נאָך עטלעכע בילעטן אויף קוילן, עס גייט צו ווינטער. אַ האַלב טוץ בילעטן אויף מיטאָגן און ברויט אין דער ביליקער קיך... אַ גאַנץ טוץ בילעטן פאַר דער גאנצער משפחה אין בעדל אריין! — נעבעך -- פאַרוואָרלעסיקט געוואָרן...

און אַ זיסער רחמנות־שמייכל בלאָנדזשעט אים ארום די וואָנגסן; ער וואַרפט אַלעמאָל אַ בליק אין הימל אַריין, גלייך ער נעמט די שטערן פאַר עדות, אַז ער טוט, וואָס ער קאָן — —

— גוטמאַן, — כאַפּ איך אים אָן ביי דער האַנט — פאַרוואָס קאָן דיין ברודער זיך אַליין נישט פאַרזאָרגן?

— מיין ברודער? פאַרוואָס? — שטאַמלט ער — פאַרוואָס?
— יאָ, פאַרוואָס?
— ווייל ער האָט שוין יאָרנלאַנג — ענטפערט גוטמאַן — קיין פענסטער נישט געעפנט און קיין פרישע לופט נישט איינגעאָטעמט... און ער וואוינט אין טאָל, אין נאַסן פייכטן טאָל... אויפן באַרג אַרויף האָט ער מורא, דער קאָפּ דרייט זיך אים, זאָגט ער... און אין שטוב איז פול שפּינוועבס — און עס פליען אַרום פלעדערמייז, וואָס רייסן זיך אין די האָר...
— כ׳ווייס, — ענטפער איך אים — דיין אָרעמער ברודער איז קראַנק אויף דער נשמה. אויפן באַרג אַרויף וויל ער נישט, צו פרישער לופט בענקט ער נישט... דאָס שפּינוועבס, מיינט ער, איז פון דיקע שטריק און ער מיט זיינע שוואַכע הענט וועט זיי נישט איבעררייסן... די פלעדערמייז, מיינט ער, זענען אָדלער, און ער ציטערט, זיי זאָלן אים נישט דעם מח שפּאַלטן און די געהירן פרעסן...
— כ׳ווייס, — זאָג איך ווייטער. — נאָר דו ביסט דאָך אויך אין שפּינוועבס געבוירן, צווישן פלעדערמייז געוואַקסן — ווער האָט דיך פריי געמאַכט?
— ווער? איך האָב אַביסל שכל געהאַט...
— הער, גוטמאַן, אפשר וועסטו געבן דיין ברודער נישט קיין צדקה, נאָר שכל?
— עס וועט דיר געזונטער זיין! צדקה — איז אַנשיטן אַ געלעכערטן זאַק... שכל געבן, דעם אמת אויסזאָגן, לערנען — איז אַל־שעס קריגעלע בוימאייל. מען גיסט און מען גיסט, און דאָס קריגל בוימאייל בלייבט קריגעלע בוימאייל!... זאָג אים, ווי אַזוי דו ביסט אַרויס און פריי געוואָרן...
— ער וויל מיך נישט הערן... ער איז מיר, זאָגט ער, מיט מיין ארוחה נישט מקנא...
— און שוועבעלעך — פרעג איך — האָסטו?
— נאָך וואָס?
— נעם, — זאָג איך, — צינד אונטער די בודע... פאַרברען דיין אָרעמען ברודערס קרענק...

— פוי! אונטערצינדערס! — בייזערט זיך גוטמאַן און לויפט אַוועק.

זיין גוט האַרץ דאַרף צדקה געבן, ער מוז האָבן אַן אָרעמען ברודער! אַנישט, וואו וועט ער נעמען עולם-הבא?

און דער אָרעמער ברודער ווייסט נישט, אַז זיין נשמה איז קראַנק!

— — — — — — — — — — — —

„איין שבת יידן זאָלן האַלטן, וואָלט משיח געקומען!״

ווייטער אַ גמרא און ווייטער אַן אמת!

איין שבת, ווי עס דאַרף צו זיין, איין אמתע נשמה יתרה!

אַ נשמה יתירה, וואָס זאָל פילן, וואָס זאָל וויסן, ווי יענע די טאָג־טעגלעכע, די וואָכעדיקע איז קראַנק!

וואו נעמט מען זי?

— — — — — — — — — — — —

23

29־כן אקטאבער 1920

איר געדענקט דאָס אַלטע משכּילים־ליד? עס פֿאַרשווינדן די וואָלקן, די נאַכט מיט איר פֿינסטערן שלייער ווערט צערונען— די ווילדע חיות-רעות אין וואַלד לויפֿן זיך באַהאַלטן אין לעכער און אין היילן, — עס רויטלט זיך די זוים פֿון הימל אין מזרח, אַ לייכט פֿריילעך געריוש גייט דורך די לופֿטן—הערט אַ בשורה־טובה: אַ נייע זון ווערט געבוירן, אַ נייער טאָג!

דאָס האָט געהערט דער „תעודה מיטן האַמער און ער קלאַפּט אין דער קאַמער": אַרויס פֿון די בעטן! אַרויס פֿון די פֿינסטערע שטיבער אין גאַס וועלט אַריין!

עס איז געווען אַ ליד פֿון נצחון, — פֿאַרוואָס האָט עס אַזאַ האַרץ־טרויעריקע מעלאָדיע געהאַט?

ווייל מ'האָט געפֿילט, אַז דאָס ליד איז פֿאַלש! מען האָט דעם „אַבערגלויבן" באַגראָבן און אויף זיין קבר געטאַנצט, און דעם אַלטן משכּילס האַרץ האָט זיך דאָך געקוועלט: ווער ווייסט צי דער „אַבערגלויבן" איז נישט אָפּיר פֿון אונטער דער האַנט און דער קבר איז לער, אָדער גאָט ווייסט ווּעמען מיר האָבן באַגראָבן?

די זעלבע שאָטן ליגן אין אָרעמע פֿאָלקס-אויגן, די זעלבע רוחות־רעות נאָגן אים אויס די נשמה, די זעלבע פֿיפּערנאָטער־וואַמפּירן טרינקען אים אויס דאָס בלוט פֿון די אָדערן, דעם מאַרך פֿון די ביינער...

עס איז קיין מזרח און קיין מאָרגנרויט נישט געווען, געשוויגדער האָט ערגעץ ווייט אין אויטאָדאָפֿע געפֿלאַקערט, אַ מזבח מיט מענטשן־קרבנות פֿאַרן בל, בעל צי בעל־זבוב — — און אפֿשר איז דער טאָג געווען נאָר אַ „קורצער פֿרייטאָג", אַ „טל־

ומטר״-טאָג, און די לאַנגע שוועדע נאַכט איז צוריק געקומען מיט איר שווערן אָטעם, דריקנדיקע חלומות און מערדערייען אין די גאַסן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף אונזער פוילן, שטילן (טייך) שלות, וואָס רירט זיך קוים, קוים, האָט פּלוצים א וואַל געשלאָגן!

עס שלאָגט מיט קראַפט, פון וועלכער דער שלות האָט זיך שוין לאַנג נישט געחלומט, און רייסט זיך מיט אַ בייזער געוואַלט אַלץ ווייטער און ווייטער!

וואוהין? אפשר צום גן־עדן-התחתון — ער האָט געהערט דרשענען פון לעבן, פון קראַפט, פון שענקייט! און אפשר צו רבה-בר-בר-חנאס אָרט, וואו הימל און ערד קושן זיך, און אַ זיס ציטערניש נעמט דורך די ערד און פלאַם־פייער ווערט דער הימל! און אפשר גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, גאָט און לייט להכעיס איבערן זאַמד אַריבער, נאָך וואָס גרענעצן? רחבות וויל ער, צום אין־סוף בענקט ער!

זינגט, משכּילים! פרייט אייך און זינגט, פון אונזער שלוה וועט אַ ים ווערן!

זינגט נישט, משכּילים! אין ווילט איר אייך נאַרן, זינגט אייער נצחון נאָר מיט אַ האַרץ-טרויעריקער מעלאָדיע, ענלעך צו א קלאָג־ליד, צו א שטילן הספּד!

דער וואַל איז נישט שולדיק, וואָס ער הויבט זיך און שלאָגט, נאָר דער רוח — אַ דבּוק איז אין וואַל אַריין, אפשר אַ נשמה־יתרה. און דאָס יאָגט און טרייבט, און שטיפט און וואַרפט!

דער וואַל אַליין איז וואַסער, די זילבערנע שוים אויף זיין רוקן איז אויך נאָר וואַסער; וואַסער מיט דער אייביקער טבע צו פליסן, וואו עס לאָזט זיך, וואו א שפּאַלט, וואָס נידעריקער, וואָס טיפער, וואָס באַהאַלטענער!

זעט — דער דבּוק האָט זיך באַפרייט, דער רוח איז אין זיין רו אריינגעגאַנגען, אויס נשמה-יתרה, און דער גרויסער גולם — דער וואַל בלייבט פאַר זיך אַליין דערשראָקן, דערשראָקן

פאַר זיין אייגענער העזה — נאָר פאַרציטערט, הויבט זיך אָן אָפּ־צורוקן, צוריק, צוריק אין דער מאַמעס שויס אריין, צעפּליסן זיך, צערינען. און פאַרגעסן ווערן אין דער פוילער שטילקייט פון אַלטן פויל־שוואַכן שלות...

מיר שווימען צוריק! און נאָך ווי!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שעפּט נחת פון שטעט און שטעטלעך!

אין לוהין — וואָלינער גובערניע — האָבן יונגעליייט געוואָלט עפענען א לעזע־ביבליאָטעק מיט ביכער און צייטונגען, איז מען דערפון געוואָר געוואָרן און דער רב, בעצה־אחת מיט שיינע באַלע־באטים, האָט אויפגערופן אַן איסור, מען זאָל אויף דער ביבליאָטעק קיין דירה נישט פאַרדינגען און פון ביבליאָטעק־פּלאַן איז געוואָרן גאָרנישט!

אין וואָלבראָם (קעלצער גוב.) איז געווען אַן אסיפה אין גערער שטיבל. מען האָט געטרונקן אַביסל משקה און צוויי וויכטיקע זאַכן פאַרריכט. ערשטנס, האָט מען געלייגט אין חרם אריין די מענער, וואָס לאָזן זייערע ווייבער טראָגן האָר־שייטלען אויפן אָרט פון „גזרה־קופּקעס״; די ווייבער אַליין זאָל מען אַרויסטרייבן פון שול! צווייטנס, האָט זיך געפונען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט בשתיקה געלעזן יידישע צייטונגען, האָט מען ביי אים גענומען אַ ש ב ו ע ה ד א ו ר י י ת א, אַז מהיום־והלאה וועט ער די עולה נישט טאָן; אויב ער וויל וויסן נייעס, וואָס נוצט אים צום מסחר, זאָל ער לעזן דעם „קוריער וואַרשאַווסקי״ אָדער „פּאָראַנגני״...

אין בענדין זענען זיך צוזאַמען געקומען פיר צדיקים מיט־אַמאָל שערן די שאָף, עס איז געוואָרן אַ גרויסע קאָנקורענץ, און ר׳ אַלטערל — איינער פון די פיר — האָט געמוזט אַראָפּ־לאָזן פון מקח פאַר רפואות, פאַר בנים־זכרים, ווי אויך פאַר הצלחה אין לאָטעריע...

פיר צדיקים כנגד ארבע כנפות זענען אויך באַפאַלן דאָס קבצנישע זוואָלין... דער פאַרקאַן פון בית־הקברות איז צעלעגט. די שול איז אַ חורבה. דער בית־המדרש־דאַך איז ווי אַ זיפּ: עס רעגנט אַריין און די ספרים פוילן, בעלי־מלאכות גייען ארום אַן

בריט — און די פיר צדיקים האָבן דאָך אַרויסגעשלעפּט שיינע עטלעכע הונדערט רובל!

פון נאָוואָגעאָרגיעווסק איז מען מבטיח, אז די מעשה, וואָס מען האָט געשריבן פון דאָרטיקן לערער איז אמת.

אין סאָקאָלי איז פאַראַן אן אַלטע חברה־קדישא מיט אַל־טע חטאים... ערב ראש חודש שבט — אַ סעודה־גדולה!... פאַר שבט לויפט מען אַרום, ווי פאַרסמטע מייז: צי איז נישט עמעץ קראַנק? צי וועט נישט זיין קיין פּטער בר־מינן? און איז עמעץ קראַנק, לויפט מען צום דאָקטאָר פרעגן, ווי ער האלט, צי וועט ער דערגיין ביז ערב ראש חודש שבט? אַז נישט — אַז נישט פאַרזעצט מען די ספר־תורה!...

און אַז עס האָט זיך געמאַכט א חברה א נייע, מיט נייע תקנות, מיט נייע הנהגות, אָן רציחות, אָן גזלות, אָן פרעסן אונזויפן — שטעלט זיך די אַלטע. ווי אַ חיה־רעה אויף אלע פירו און לאָזט נישט.

ש—ק איז אַ שטעטל, וואָס האָט אַ וב פון רב־לאַנד! די סאָקאָלער אַ ל ט ע און נ יי ע חברות זינען צו אים געפאָרן האַלטן אַ דין־תורה... ביידע צדדים האָבן צוזאַמענגעקלאַפּט הונ־דערט און ניינציק רובל פסק־געלט און דער רב האָט צוויי מאָל גע־פסקנט. פריער, אַז די נייע חברה הייסט נישט קיין הסגת־גבול, ווייל גזל איז אסור מדאוריתא, און די אַלטע חברה, לויט ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט געגזלט אלמנות מיט יתומים, און דערנאָך. — אַז מען האָט אים איינגערוימט, אַז אין דער נייער חברה האָבן זיך פאַרשריבן ציוניסטן. האָט ער איבערגעפסקנט: קבורה־געלט איז קיין גזלה נישט, אַ מנהג ברעכט אַ דין. אַ חברה טאָר מען נישט מבטל זיין... אלטע צעלייגן און יונגע בויען איז גאָך נישט גלייך! וכדומה...

פויל, נידעריק, פאַלש און יאָמערלעך — — —

באַ — טרייסט איר אייך — די פראָווינץ!

און אין וואַרשע?

אין וואַרשע גראָסיערט דער לאָמער צדיק פון ביאַלע: צו־ריק צוועגס פון אויסלאַנד, שטעלט ער זיך אָפּ אין וואַרשע... ר' אַלטערל אויף דער פראָווינץ האָט געוואָרפן דעם פרייז, דער

ביאַלער האָטן געהויבן! ביי א יידענע פלעגט ער נעמען אַכט, הײנט ניין גילדן! אַ חוץ דעם ווערט גענומען אַ מין סטעמפּל — צען גראָשן פון יעדן קוויטל, פאַר א סגולה — אַ רובל.

און ער נעמט חלילה, נישט זיך! ער לעבט פון „כוללת" — פון יאָר-געלט, וואָס חסידים און חסידות שטעלן זיך. די נישט באשטענדיקע הכנסות (אַזוי זאָגט ער) גייען קיין ארץ-ישראל!

און ווער גלויבט אים? ווער לאָזט זיך גענארן? ווער לאָזט זיך שינדן?

נישט קיין גבירים, נישט אַפילו קיין באַלעבאַטים, נאָר די אָרעמסטע ווייבער, וואָס מען טרייבט מיט די קיישלעך פון די גאַסן; די אומגליקלעכסטע בטלנים, וואָס טויגן שוין צו גאָרנישט און האָבן זיך צו גאָרנישט צו נעמען; די קראנקסטע, וואָס האָבן שוין פארלוירן דעם צוטרוי צום רופא, אָדער, וואָס דער רופא האָט שוין אויסגעדריקט ווי אַ ציטרין און פאַרטריבן... די, וואָס געבן דעם גראָשן מיטן לעבן, מיט דער נשמה צוזאַמען!

פאלשקייט, שווינדל, נידעריקייט, פוילקייט — שמאַך און שאַנד — — —

— אַלטע זאַכן, — זאָגט איר, אַלטע, טאָג־טעגלעכע זאַכן.

אוי, מענטשן, מענטשן, הלואי וואָלטן זיי נישט אַלט, נישט טאָג־טעגלעך געווען!

זיי זענען אָבער אַזוי אַלט, אַז גאַנץ אַלטע מענטשן זענען שוין מיט זיי געבוירן און קאָנען זיך אַנדערש דאָס יידישע לעבן נישט פאָרשטעלן, און מען ווערט אָפּהענטיק אָדער מען פאַרמאַכט די אויגן און מען זאָגט זיך: מיר זעען נישט, על־כן עקסיסטירט עס נישט! זיי זענען אָבער נאָר טאָג-טעגלעכע פאַקטן, אומעטום, איבעראַל, אין גאַנץ תפוצות־ישראל, און מען ווערט געוואוינט דערצו ווי צו אַן אַלטער, פאַרעלטערטער קרענק; און מען פאַר־לירט אין דער פוילקייט דעם חוש־הריח, ווי דער קראָט אונטער דער ערד די אויגן!

און מען לעבט אין דער פאַלשקייט, אינם שווינדל, אין פוילקייט, אין שמאַך און שאַנד און מען זינגט בדחנישע נצחון־

׳ידלעך — נאָר די מעלאָדיע? אָך, די מעלאָדיע, זי פעלשט אָן אייך. זי באַווייזט, אַז איר נאַרט אייך!

און עס גייט צו שמחת־תורה!

און דער יאָמערלעכער, פינסטערער, פוילער, נידעריקער עולם וועט אַרויסכאַפּן דאָס תּורהלע פון ארון־קודש און וועט זיך פרייען מיט איר, און וועט זינגען איבער איר און טאַנצן מיט איר — —

קינדער אויף די בענק וועלן האַלטן אַלערליי קאָלירטע פענער מיט רויטע עפּל און ליכטלעך און הבדלות איבער די עפּל און דער עולם מיטן תּורהלע וועט טאַנצן און הקפות מאַכן, אַרום שלחן, אַרום הייליקן שלחן...

די הענט וועלן זי האַלטן, די ליפּן וועלן קושן. די פיס— אונטערטאַנצן. די מיילער — זינגען —

אַ פרייד האָבן זיי מיטן תּורהלע...

און דאָס תּורהלע מיט זיי?

אַז דער עולם וועט אַהיימגיין נאָכן זינגען, נאָכן טאַנצן, וועט דאָס תּורהלע בלייבן איינע אַליין צוריק אינם ארון, אין פינסטערן ארון...

שטיל וועט זיין אין בית־המדרש, אויסגייען וועלן די ליכט און דאָס תּורהלע וועט, אין דער שטילער פינסטערקייט אין ענגען ארון פאַרמאַכט, — וויינען!

זי וועט וויינען, ווייל אומריינע הענט האָבן זי געהאַלזט, אומריינע ליפּן — געקושט, אומריינע, דורכגעפוילטע מענטשן האָבן זיך מיט איר געפרייט, מיט איר געטאַנצט...

6־טן נאָוועמבער 1902

היינט בין איך אַ „בא בטענה״.

און אַ טענה האָב איך צו דער באָבע יאַכנעס אייניקלעך — צו מיינע קאָרעספּאָנדענטן פון שטעט און שטעטלעך.

וואָס זיי מאַכן מיך בלינד מיט טונקעלן פּאַפּיר, העלער טינט, פאַרצוקטע אותיות און משונהדיקער אָרטאָגראַפיע, בין איך זיי מוחל! איך בין שוין קיין יונגערמאַן נישט און ביזן טויט אַריין וועלן נאָך די אויגן אויסהאַלטן; איז נאָך אַ פּאָר ברילן; פאַרוואָס אָבער שרייבן זיי דאָס שיטערע און לאָזן דאָס געדיכטע ביי זיך?

וואָס זיי טויג, דאָס פאַרגעסן זיי נישט. „למען השם מיין בריוו אָפּצודרוקן אָן אַ שום שנוי, איר מעגט נאָר פאַרשענערן, פּאַרפּוצן; אָבער, למען השם, נישט מער״ — „למען השם מיין נאָמען נישט אָפּצודרוקן, די פאַנאַטיקער וועלן מיך עוקר מן השורש זיין, אויפעסן״ — דאָס געדענקן זיי, אָבער דאָס רעכטע, דאָס וויכטיקע, וואָס קאָן אָנכאַפּן ביים האַרץ, ביי דער נשמה — פאַרגעסן זיי!

איך קריג אַ קאָרעספּאָנדענציע פון דרויא, ווילנער גוב. גראָד אַ פיין בייגעלע פּאַפּיר, פאַרשריבן אויף אַלע פיר זייטן: א מעשה שהיה מיט אַ „מטיף-לציון״ און אַ „בעל-מחלוקת״, דער מטיף איז געקומען, געבעטן רשות ביי באַלעבאַטים, ביי „בכבודע, אָרנטלעכע באַלעבאַטים און עלטערע באַלעבאַטים״, — זיי האָבן ערלויבט, מען האָט אויפגעהאָנגען אין מקום-קדוש אַ צעטל — אַ מודעה; ז.יו געקומען דער בעל-מחלוקת און האָט די מודעה אָפּגעריסן.

דאָס איז געווען פרייטאָג. שבת איז נאָך ערנסטער געווען,

דער מטיף וויל זאָגן, אָרנטלעכע בכבודע עלטערע באַלעבאַטים שטעלן אויף די אויערן, נאָר דער „בעל־דבר" שטעלט זיך אויף די פיס און שרייט: „איידער פון צ י ו ן אין אַ מ ק ו ם ק ד ו ש, איז גלייכער צו רעדן נבול־פה, פון שמד"... אַ מערכה, וואָס דער ראַבינער איז אָנגעקומען, דער דאָקטאָר ב.! ער האָט דעם עולם באַרוהיקט און דער מגיד איז אַרויף אויף דער בימה!...

ד אָ ס איז געווען שבת; זונטאָג איז די זאַך געגאַנגען שוין ט י פ ע ר.

„איינמאָל איז קיינמאָל", האָט דער מטיף געטראַכט און צו-געזאָגט אַ דרשה אויף זונטאָג, זייגער זיבן פאַרנאַכט.

זונטאָג, זייגער זיבן פאַרנאַכט, דער עולם לויפט אין בית-המדרש אַריין, קעפּ אויף קעפּ, קינד און קייט, סטאָפּ! דער בית-המדרש איז פאַרמאַכט; דער בעל־דבר האָט אויפגעהאָנגען אַ פעסטן, שווערן אייזערנעם שלאָס אויף דער בית־המדרש-טיר! מען רופט צו שלום, מען וויל אַ פשרה מאַכן, דרויער ציוניסטן האָבן פיינט מחלוקת שנאת־מות, נאָר דער בעל-דבר איז נעלם געוואָרן, און דער שווערער שוואַרצער שלאָס — שווייגט! דרויער ציוניסטן ווייסן אָבער, אַז ציוניזם איז תחיה, תחיה — לעבן, לעבן איז, אויסער עברית בעברית אין חדרים, כח, השגה מויערן צו ברעכן — אויס שלאָס! די טיר אויפגעזעצט, די פעסטונג איינ-גענומען! דער בית-המדרש איז אָבער פינסטער, ווי דאָס האַרץ ביים בעל־דבר! קיין טראָפּן „קעראָסין", קיין זכר פון קיין ליכט! די דרויער ציוניסטן טרעטן אָבער פאַר דער פינסטערקייט נישט אָפּ — מען קלאַפּט צוזאַמען אַ פּאָר גראָשן, מען שיקט נאָך „קעראָסין", נאָך ליכט, והעיר שושן צהלה ושמחה — הידד! דער מטיף זאָגט!

והעיקר חסר מן הספר: ו אָ ס האָט דער מגיד געזאָגט? וואָס האָט ער פאַרזייט אין די דרויער הערצער און וואָס וועט דאָרט וואַקסן?

פאַראַן אַ שטעטל אויף דער גרענעץ, פּלאָצקער גובערניע. דאָבּרזשין הייסט עס, דאָס טייכל דרעווענץ שניידט עס דורך, דער גערער פירט עס ביי דער נאָז, דער אַלעקסאַנדראָווער, אָטוואָצקער אַ חוץ שאר ירקות מעלקן עס אויס, פון הינטער קראָקוי קומט דער פּאָדגאָרזשער און שערט די שאָף. מיט איין וואָרט, אַ שטעטל מיט אַ פּרצוף-פּנים, ווי אַלע שטעטלעך, נאָר אַ רבּ, לויט מען שרייבּט, האָט עס אן אויסטערלישן! מיר זענען געוויינט מיט שטילע, אויסגעווייקטע פאַרמאַטערטע רבנים, שאין כוחם אלא בפיהם — שופר צו בלאָזן, גזילה צו דאַוונען, אַפּיקורסים און ציוניסטן, וואָס זענען ענלעך צו אַפּיקורסים, אין חרם אַריינצו-לייגן, — דער דאָבּזשינער רבּ אָבּער האָט אַ יד, אַ גאָלדענע יד און גיט, ווען מען דאַרף, אַ מתנת-יד!

און, אַ געוויסן שבת צו מנחה, האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שע-נע סצענע אין בית-המדרש.

דער רבּ האָט זיך פאַרשפּעטיקט, געקומען צום אויסנעמען, דער בעל-פּתיחה גייט שוין מיטן ספר.

דער רבּ קומט אַריין און גיט אַ געשריי: צוריק אַריינשטעלן!

דער בעל-פּתיחה פאָלגט.

דאָס ספר איז צוריק אין ארון, און דער רבּ פרעגט בקול רם:

— וועלכער שייגעץ האָט עס געהייסן, מען זאָל זיך שטעלן דאַוונען אָ ן מיר?

דער עולם שווייגט, נאָר איינער אַ באַלעבאָס ענטפערט·

— דער שייגעץ, וואָס האָט אייך פאַר אַ רבּ געמאַכט!

און — דריי פּעטש, דריי פלאַמענדיקע פּעטש פליען; דאָס האָט דער רבּ אָנגעמאָסטן אין צוגעקלעבּט דעם שייגעץ וואָס האָט פאַר אַ רבּ געמאַכט; ערשט מיט צוויי יאָר צוריק, ווי מען שרייבּט.

אַ שיינע מעשה, נאָר דאָס געדיכטע פעלט: וו אָ ס קאָן דער רבּ א ו י ס ע ר פּאַטשן?

מען שרייבּט: אונזערע רבנים שלאָפן נישט! זיי גרייטן זיך צו מלחמה, גאַרטלען זיך די לענדן! זיי פילן, אַז עס האַלט

ביי „ערקתא דמסאני״, נאָר עס וועט ווייטער גייען! פון קאָפּ ביז פיס באַוואָפנט האָבן זיי זיך אויף די וואַלן, ביי די גרענעצן פון זייער ממשלה, מיט פייערדיקן תלמיד־חכם־כּעס אין די אויגן, מיט שופרות אין די הענט... פון אַרומיקע קהלות הערט זיך מעשים, מען שטעלט שומרים שבת ביים ערוב און מען גייט נישט אַרויס שפּאַצירן הינטער דער שטאָט קיין זכרים מיט נקבות, אפילו מיט לייבלעכע שוועסטער, אפילו מיט אייגענע ווייבער נישט. יעדן מין באַזונדער לאָזט מען, נאָר ביי דער גרענעץ רעווידירט מען, צי האָבן זיי נישט קיין טרפהנע סחורה: אַביסל קטורת, אַ גאָז־טיכל אין קעשענע! „אונזער״ רב האָט אויסגערופן, אַז מען טאָר נישט מצרף זיין צום מנין די מחללי־שבתניקעס, וואָס טראָגן נאָז־טיכלעך, וואָס טרינקען פרייטאָג־צו־נאַכטס, נאָך דער ערשטער סעודה, הייסן טיי פון ש פ ע ט אויפגעשטעלטע סאַמאָוואַרן, וואָס זענען מוצאי שבת יוצא מיט דריי שטערן און רויכערן פאַר הבדלה! און אַ כרוז בכתב האָט ער אַרויסגעלאָזט: „מען זאָל זהיר זיין אין תורת־משה, יידישע קינדער זאָלן זי לערנען כסדר, מיט פירוש רש״י, חס ושלום — נישט איבערהיפּערן „ויקרא״, נישט די רש״י פון מעשה שהיה ביי ראובנען... וכדומה! וואָרעם אנישט, עתידה תורה שתשתכח מישראל, עס וועלן אַרויסוואַקסן גוים, ציוניסטן, אפקורסים וכו׳, וכו׳... און די שטאָט שוויגט, שעפּט נאָך נחת!

און דער קאָרעספּאָנדענט בעט: זעט למען השם אַרויסצושטעלן אונזער שטאָט מיט דער גובערניע, למשל ולשנינה, אויף חרפה און שאַנד!

נאָך אַ קלייניקייט האָט דער קאָרעספּאָנדענט פאַרגעסן צו שרייבן: ווי הייסט די שטאָט? וואו ליגט זי?

פּיעטרקאָווער גובערניע (פּוילן) האָט אַ שטעטל ברעזין.

ברעזין לעבט פון דער נאָדל; זי אַרבעט טאַנדעט. פון גאַנץ רוסלאַנד קומען זיך צוזאַמען סוחרים און קויפן אויף ברעזינער סחורה און באַקליידן די רוסישע דערפער. קינד און קייט, אַז מען האָט נאָר אַ האַנט און מען קען אַ נאָדל האַלטן, איז

מען שוין שניידער! א גאַנץ יאָר סעזאָן, אַ גאַנץ יאָר אַרבעט, עס פעלט קיין פרנסה נישט! אויסער פאַר ימים־טובים. פאַראַן אפילו גבירים, גאָר פריש אויפגעקומענע, נישט לאַנג די נאָדל אַוועקגעלייגט! און דאָס גאַנצע שטעטל אַרבעט, אויסער קאַליקעס, אויסער כלי־קודש און אויפגעקומענע גבירים, און אויסער די מאַגאַזיניערס, וואָס קויפן אויף די סחורה און פאַרקויפן זי די פרעמדע סוחרים. אַרבעטן ווערט געאַרבעט אַכצן שעה אין מעת־לעת, באַקומען באַקומט מען זעכציק קאָפּיקעס פאַר אַ קאָסטיום מיט צודאַטן — גאָר הונגערן הונגערט כמעט קיינער נישט.

אמת, אינטערעסאַנט? אַ טאַנדעט שטעטל, אַ שניידעריש שטעטל, דורכאויס „יגיע־כפו״, אויסער קאַליקעס...

גאָר ווי זעט אויס שטעטל אויס?

ווי אַזוי ענטפערט עס אויף פאַרשידענע לעבנס־פראַגן?

צי איז עס צופרידן מיט אַכצן שעה אַרבעט אַ מעת־לעת און זעכציק קאָפּיקעס שניידער־געלט פאַר אַ קאָסטיום מיט צו־דאַטן? וואָס זאָגט עס בנוגע צו ציוניזם? צי האָט עס געהערט פון עקאָנאָמישער אַרבעט אין ציוניזם? וכדומה...

פון דעם קיין וואָרט! עס ווערט גאָר דערציילט פון אַן „איקס־מיקס״, וואָס דער רב האָט געשפּילט מיטן שטעטל. פאַראַן צוויי שוחטים, מען פילט, אַז עס פעלט אַ דריטער: דער רב האָט אין דער משפחה אַ שטיקל קאַנדידאַט, די שטאָט איז פון קאַנ־דידאַט נישט זייער צופרידן, הויבט זיך אָן „איקס־מיקס״; זאָגט די שטאָט: „מען דאַרף אַ דריטן שוחט״. ענטפערט דער רב: „איך האָב אַ קרוב אַ שוחט!״ זאָגט די שטאָט: „מיר ווילן נישט אייער קרוב״, ענטפערט דער רב — „מען דאַרף נישט קיין דריטן שוחט״ וחוזר חלילה...

פון מיראָפּאָל, וואָלינער גובערניע — אַ בויגן פּאַפּיר!

וואָלין איז וואָלין און איר שפּילט אייך מיט מיראָפּאָל?

איין מיראָפּאָלער באַד גיט מער מאַטעריאַל. ווי גאַנץ אָדעס מיטן ים צוזאַמען! אַ והא ראיה: אָדעס שווייגט און מיראָפּאָל שיקט

גאַנצע בויגן פּאַפּיר! דאָס מיראָפּאָלער באָד, מוזט איר וויסן, שטייט אויפן רוקן פון אַ בארג, פון פאָרנט צוויי שטאָק: אַ באָד און אַ בוידעם, פון דער הינטערזייט גייט מען גלייך אַריין אין בוידעם-טיר, וואו די באָד-בעזעמלעך ליגן. עס זעט אויס, גלייך דער באַרג איז באַשאַפן געוואָרן משׁשת ימי בראשית צוליב דעם באָד מיטן בעדער; מען זאָל קיין לייטער צום בוידעם נישט דאַרפן, דער גרעסטער חלש זאָל לייכט צוקומען צום אוצר פון פרישע באָד-בעזעמלעך; וואָלט נאָר אַזוי לייכט געווען השׂגות צו באַקומען!

און נישט אומזיסט האָט די מיראָפּאָלער באַד מיט דער מקוה די זכיה, דער מיראָפּאָלער צדיק ר׳ דודל זאָל זיך פאַרען און שווענקען אין איר. עס איז אַן אַלט, זייער אַן אַלט באָד, פון קדמונים א באָד! דאָס אויפהאַלטן די אַלטע חורבה קאָסט מיראָ־פּאָלער קהל א צוועלף הונדערט רובל אַ יאָר, און דאָך איז זי שטענדיק בחזקת סכנה!

דער אַרענדאַטאָר פון באָד צאָלט אינגאַנצן זעקס הונדערט רובל אַ יאָר, דערפאַר איז ער מחויב: בכבודו ובעצמו, ע״י שליח דעם באָד־גוי, צוטראָגן קאָכעדיק וואַסער צום גבאי אויף וואַנעס וויפיל מען דאַרף, און שנית, בשעת הדחק, אז קהל דארף געלט, גיט ער דאָס שכירות פאָרויס. היינט, למשל, איז די באַד „פאַר־קאַשפּערט״ אויף גאַנצע זעקס יאָר! פאַרשטייט זיך, אַז דער ארענ־דאַקטאָר וויל שוין מער קיין געלט נישט אויסלעגן, קהל האָט נישט פון וואַנען, און אַז עס פאַלט אַרויס אַ שטיין, אַ ציגל צי אַ שינדל פון באָד — בלייבט אַ לאָך. הכלל די באָד זעט אויס, הלואי אויפן בוקאַרעשטער טעאַטער געזאָגט. נאָר נישט אין דעם גייט עס, עס האָט זיך אין באָד א וואונדערלעכע שרעקלעכע מעשה געטראָפן...

אויפן באַרג וואַקסן אַ פּאָר גרעזעלעך און אין מיראָפּאָל געפינען זיך הונגעריקע בהמות.

איינמאָל שפּאַצירט זיך אַזאַ בהמה אויפן באַרג און זוכט חיונה... דער קאָפּ צו דער ערד, די צונג אַרויסגעלאָזט און טריט ביי טריט. פּלוצלינג בלייבט זי שטיין. דער בעדער האָט פאַרגעסן

דאָס טירל פון באָד-בוידעם צו פאַרמאַכן, און דער הונגעריקער בהמה איז פאַרלאָפן אַ געשמאַקער ריח פון פרישע באָד־בעזעמלעך! שטענדיק איז דער בוידעם פאַרשלאָסן, — אַפילו נישט מיט אַ דרויער שלאָס פאַר אַ ציוניסטישן מטיף, נאָר מיט אַ שלעסל, יוצא צו זיין פאַר אַ מיראָפּאָלער הונגעריקער בהמה — און היינט, דער גן-עדן איז אָפן! די בהמה קלערט נישט לאַנג, גייט נאָך דער תאוה, לאָזט זיך אין גן-עדן צריין, און פרעסט... וואָס מער זי פרעסט, פרייליכער ווערט זי, זאַט — הויבט זי אָן טאַנצן: טאַנצנדיק דערלאַנגט זי דער אַלטער סטעליע קלעפּ, לעכערט זי דורך און פאַלט אין מקוה אַריין אפשר אַ האַלבע שעה נאָך ר' דודלס טבילה.

זי פאַלט אין מקוה אַריין, ברעכט די פיס און — מעשה שטן — מען קאָן זי אַפילו כשר נישט קוילען!

דאַכט זיך, אַ שיינע מעשה און דאָס געדיכטע פעלט!

ווער איז די בהמה, וויאָס האָט זיך אַריינגעריסן אין מקוה אַריין זוכן תקון נאָך דעם צדיק ר' דודלס טבילה? וואָס איז ז' געווען און וואָס האָט זי געזינדיקט, און פאַרוואָס איז איר נישט באשערט געווען געקוילעט צו ווערן אויף כשר? און וואָס זאָגט דערצו דער תמים ר' דודל? צי מיינט ער נישט, אַז די אָרעמע בהמה, וואָס מען האָט נישט געקאָנט קוילען אויף כשר, וועט מוזן באַכאַמאָל מגולגל ווערן? און אין וועמען?

איך בין זיכער, אַז גאַנץ מיראָפּאָל רעדט דערפון און קלערט דעריבער, און אונזער קאָרעספּאָנדענט באַשעפטיקט זיך מיט נאַרישע שאלות: ווען וועט מען פאַרריכטן די באָד? וואָס וועלן די ווייבער טון? עס גייט צו ווינטער...

וכדומה!

נו, איז אויסצוהאַלטן מיט דער באָבע יאַכנעס אייניקלעך!

20־טן נאָוועמבער 1902

פון בוענאָס איירעס ווערט געשריבן:

די פּאָליציי האָט געזוכט אין אַ געוויסן הויז געפעלשטע מאַרקן און אין קעלער פון הויז האָט זי געפינען יונגע מיידלעך, געבונדענע מיט שטריק, האלב-נאַקעטע מיט צייכנס פון ריטער און שטעקנס אויף די לייבער.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס זענען ארויסגעגנבעטע נפשות, וואָס די רוצחים, די נפשות-הענדלער, האָבן פאַרקויפט אויף זינד, שאַנד און שפּאָט... מאַנכע האָבן זיך שוין לאנג אונ־טערגעגעבן און געחאָרן, וואָס מען האָט פון זיי געוואָלט, אַנדערע האָבן זיך געסמט, אַרויסגעוואָרפן זיך דורך פענסטער, פאַרגאָסן זיך די פּנימער מיט וויטריאָל. די האַלט מען שוין געבונדן, און מען פּייניקט זיי מיט הונגער, דורשט און שלעג, ביז זיי וועלן נישט נאָכגעבן...

— — — — — — — — — — — — — —

— פון־וואַנען איך קום קיין בוענאָס איירעס?

ערשטנס, איז בוענאָס איירעס אַ יידישע שטאָט, ווי אַלע יידישע שטעט; בפרט זייט די פּאריזער „כל ישראל חברים“ האָט אַהינגעשיקט יידישע אַרבעטער און זיי גייען אויס פאַר הונגער, ווייל אָן הישפּאַניש איז שווער אַרבעט צו געפינען; צווייטנס, האָט מען אין דעם קעלער יידישע טעכטער געפונען, און דווקא פון אונזערע קאַנטן...

... אונזערע יידישע טעכטער וואַלגערן זיך אָרום נישט אין איין קעלער...

די פּאָליציי שווייגט, ווייל מען צאָלט איר זי זאָל שווייגן.

קהל שווייגט, ווייל אויף אַזוינע זאַכן האָט עס אַ רב!

און דער בוענאָס אײַרעסער רב שווייגט, פּונקט ווי אונ־זערע רבנים שווייגן... כאָטש די נפשות־הענדלער גייען אַרום אין גאַנץ תּפוצות ישׂראל...

— ווייטער די רבנים?

— געוויס! די נפשות־הענדלער געפינען זיך דאָרט, וואו מען לערנט נישט, נאָר מען לערנט; וואו עס זאָגט נישט קיין מטיף, נאָר א „בעל־דרשן", וואו דאָס רבעלע לערנט אלשיך אין קלויז, דער רב דרשנט פון חמץ־נקשה פון איין שבת הגדול צום צווייטן, און דער הייליקער רבי האָט זיין אָפענע קראָם מיט הבטחות אויף געזונט, בנים־זכרים, יראת־שמים, זכה־בגורלס און וואָס איר ווילט...

און אַלע דריי, דאָס קלויז־רבעלע, דער שטאָט־רב און דער נע־ונד — דאָס הייליקע רבילע — האָבן. אַ חוץ זייערע פּרנסות און למודים נאָך נייע שאלות צו פּסקענען! ווייניק טעפּל־לעפּל שאלות, שאלות־נשים, ווערן נאָך געבוירן האַרבע, ברענענדיקע שאלות שהזמן גרמן: צי מעג מען אַ ציוניסט מצרף זיין צום מנין? און, ביי הפסד — מרובה, ווען היימישע, כּשרע לייט ווילן קויפן בהצי חנם, צי מעג מען צולאָזן צו דער ליציטאַציע פון עליות און מצוות א שטייפן קאַלנער? צי איז דער חרם אויף יידישע צייטונגען חל אויפן „וואסכאָד", ווייל די עניבים זענען יידישע, צי ניין, ווייל דאָס לשון איז נישט יידיש?

און איך, מרנן ורבנן ורבותי, האָב פאר אייך נאָך אַ שאלה. פריער דער ספּור המעשׂה:

ערגעץ אין א קליין שטעטל האָט געוואוינט אַן אלמנה מיט אַ טאָכטער. זייט מוחל — אייגנטלעך מיט צוויי טעכטער, נאָר צו דער שאלה געהערט נאָר איינע, די עלטערע. און — „פאַר אייך נישט אויף זיך", רבותים, איז די עלטערע טאָכטער אַ גרויסע יפה־פיה געווען (אפשר היינט אויך), ממש אַ „פאַרנעמעניש פאַר די אויגן" — אַ פאָרטרעט! עס איז טאַקע „שקר החן", פונדעסט־וועגן... איר ווייסט דאָך, הייַנטיקע צייטן... און די אלמנה האָט זיך נישט געקאָנט אָפּיאָגן פון שדכנים מיט חתנים! מען האָט געזאָגט:

אַן אוצר האָט זי, די אלמנה! און מען האָט איר מקנא געווען, און אַלע בחורים האָבן זיך מיט אַלע כחות געריסן צום אוצר, ווי די נאַכט-זומער-פֿייגעלעך, אויב איר ווייסט, צו א ברענענדיקן לאָמפּ... און זיי האָבן זיך די פֿליגעלעך אָפּגעברענט, די נשמהלעך פֿאַרשרפֿהט און לא עליכם — גאָרנישט! דעם מיידל האָט עפּעס בעסערס געחלומט, ווי קליינשטעטלדיקע חתנים! און עס איז געקומען אַ מזלדיקער טאָג, ווען איר חלום האָט געזאָלט מקוים ווערן! עס איז צו איר אַראָפּגעקומען, ווי אין פֿאָלקס-לידל שטייט: „אַ יונגעלע פֿון ווין"! אייגנטלעך — אַ יונגערמאַן, ער האָט אין ווין פֿון איר שיינקייט געהערט און עס האָט אים צו איר ווי מיט צוואַנגען געצויגן. און ער איז דעם מיידל געפֿעלן, דער מוטער אויך; ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס באַנקיר פֿון אַ גרויסער, גרויסער שטאָט! און עס זענען צום מזל תנאים געווען, און מען האָט טעלער צעבראָכן... און עס האָט זיך געפֿונען אַ רב צום סדור קדושין, און מען האָט א חופּה געשטעלט, און אַ גלעזל געפּלאַצט, און אַ לעבן אויך! — — —

נאָך עטלעכע טעג האָט דאָס פּאָר-פֿאָלק געזאָלט פֿאָרן קיין ווין, געקומען איז עס קיין בוקארעשט און דעם חתנס אַ פֿעטער האָט דאָס יונגע ווייבל פֿאַרקויפֿט און טראַנספּאָרטירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַ רייכן טערקישן פּאַשאַ אין האַרעם אריין...!

אפשר ווייסט איר נישט, רבותים, וואָס „האַרעם" איז? זייט וויסן, אַז ביי די טערקן איז חרם דרבנו גרשון נישט נוהג. און וואָס רייכער אַ טערק איז, מער ווייבער האָט ער. און „עפֿנטלעך רעכטלעך", נישט בסוד. ווי אונזערע גבירים מוזן טון! קיין גרויס נחת דערפֿון האָבן די ווייבער נישט! זיי ווערן געהאַלטן אונטער שלאָס און ריגל. עס זאָל אויף זיי קיין פֿרעמד אויג פֿון אַ פֿרעמדן מאַנספּאַרשוין נישט פֿאַלן. אַצינד, רבותים, דערמאָנט אייך אָן אחשורושן פֿון דער מגילה, אָן „בית הנשים", „שומר הנשים" און אָן די סריסים — וועט איר שוין וויסן, וואָס האַרעם איז טייטש!

נאָר נישט אין דעם גייט עס. דאָס איז מעשים בכל יום הונדערטער אַזוינע מעשיות קאָן דערציילט און געדרוקט ווערן.

און איר, טייערע רבנים, וואָס לייענט נאָר אַ ל ט ע, נישט קיין נייע ספרים, וועט נישט וויסן, נישט וועלן וויסן און ווייטער געבן חופה וקדושין! עס איז אייער פרנסה! און פרוווט נ י ש ט געבן, וועלן עס פּאַר אייך אַנדערע טאָן; יהיה־מי־שיהיה, אַ מלמד, אַזוי אַ ירא שמים, אַ ייד מיט אַ גאַרטל, ווען אפילו אָן עברי...

די ברכות זענען, זיי צוליב, געדרוקט מיט גרויסע אותיות און געפינטלט...

די ש א ל ה, וואָס איך וויל אייך פרעגן, איז אַן אַנדערע. הערט ווייטער:

דעם אָרעמען יונגן ווייבל איז אַ נס געשען. זי האָט חן געקריגן ביים עלטסטן סריס פון הארעם אין די אויגן, און עס איז איר געראָטן אַהיימצושיקן אַ בריוו צו דער מוטער און אַ נס בתוך נס — דער בריוו איז אָנגעקומען, כאָטש טערקישע פּאָסט! און די אלמנה איז געלאָפן מיט אַ יללה צום גובערנאַטאָר, און דער גובערנאַטאָר האָט אויף איר רחמנות באַקומען און גע-שריבן צו די הויכע פענסטער. און די הויכע פענסטער האָבן זיך אַריינגעמישט און מען האָט דאָס ווייבל אָפּגענומען און אָפּגע־שיקט דער מוטער.

דאָס „יונגעלע פון וויך", פאַרשטייט זיך, איז לאַנג א נעלם!

אצינד גייט דער גוף השאלה; צי דאַרף דאָס יונגע ווייבל אַ גט?

צי זענען אַזוינע קדושין לשם גיבה פון אַ נפש, לשם זנות — צי זענען אַזוינע קדושין תופש און זי מוז בלייבן אַן עגונה?

צי האָט איר, איר היינטיקע גאונים, פייערדיקע שפּיק-ביישפּיק־קעפּ, צי האָט איר קיין שום מיטל נישט זי צו באַפרייען „מחבלי העגון"?

און אַז יאָ, צי געפינען זיך צווישן אייך אַזוינע מענטשן, וואָס זאָלן עס ארויסזאָגן און אויף זיך ש ט ע ל ן און פּסקענען אַזוינע, וואָס זאָלן אַזוינס אויף זיך נעמען, — וואָס מע

זאָל קאָנען פון זיי האָפן, וואָס עס איז פאַר אַ תקנה פאַר „בנות-ישראל״?

ווי מיינט איר, אפשר דער ליפסקער רב?

— — — — — — — — — — — —

„אין נאָמען פון זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט הימל און ערד באַשאַפן״ — —

דאָס איז אַן אָנהויב פון אַ כתב, וואָס דער ליפסקער רב האָט אַרויסגעגעבן זיין קהל.

און וואָס וויל ער דערציילן דער הרב האבּ״ד דק״ק ליפסק אין נאָמען פון זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט הימל און ערד באַשאַפן? ער דערציילט, וואָס פאַר אַ התחייבות ער האָט אויף זיך גענומען קעגן ליפסקער קהל!

„איך, אונטערגעשריבענער, — קלינגט דאָס התחייבות — בין מודה, און מיין חתימה זאָל זיין אויף מיר באַגלויבט, ווי הונדערט עדות, אַז איך, הרב האבּ״ד דק״ק ליפסק, נישט געצווּנגען, גאָר אָן אַ שום אונס, נאָר טאַקע מיט מיין אייגענעם גוטן ווילן, האָב אויף מיר גענומען, אַ נדר געטאָן, און אַ נדר אויף קהל־שער דעה, וואָס מען קאָן נישט מתיר זיין, אַז פון היינט אָן און ווייטער טאָר איך מיך מיט קיינעם פון ליפסקער קהלה נישט ווערטלען, נישט קריגן, נישט רופן מיט צונעמען, מבזה זיין... נישט איך, נישט מיין הויזגעזינט... און אויב עמעץ פון מיין הויזגעזינט וועט עמעצן יהיה-מי-שיהיה פון ליפסקער קהל זידלען, בין איך מחויב אָנצושרייען און שטיל מאַכן... און איך וועל די ליפסקער באלעבאַטים נישט שטערן צו מאַכן חברות, צו לערנען ש״ס אָדער משניות... אויך נעם איך אויף מיר, ס'זאָל שוין מער צו מיין שטוב קיין עוולה, קיין צוטריט נישט האָבן. איך זאָל אין מיין הויז מער נישט אריינלאָזן די מענטשן מיט ציינגער, וואָס באַרעדן די שטאָט און זענען זי מבזה... אויך וועל איך די באלעבאטים פון שטאָט נישט שטערן אין זייערע פרנסות, און וועל נאָר קוקן אויף שכירות...

אָט דעם בריוו האָט אונטערגעשריבן: יהודה ליב בר' מיכאל ראָזענבערג חופ״ק ליפסק און צוגעלייגט דעם רבנישן שטעמפל...

וואָס פאַר אַ הויז האָט דער ליפּסקער רב געפירט? ווער איז זיין הויזגעזינט?

וואָס פאַר אַ „מענטשן מיט צינגער" האָבן זיך ביי אים אויפגעהאַלטן?

וואָס פאַר אַ פּרנסות האָבן עס די ליפּסקער באַלעבאַטים, וועלכע דער רב מיטן הויזגעזינט האָבן געקאָנט שטערן, און זיך מתחייב געווען נישט צו שטערן?

וואָס האָט דער רב געוואָלט אויסער שכירות?

דאָס זענען שאלות, אפשר האַרבע שאלות! אָבער דאָס איז שוין זיכער, אַז אויפן ליפּסקער רב איז שוין נישט צו רעכענען! אַז ווען עס וועט קומען צו אַ ליפּסקער מיידל אַ „יונגעלע פון ווין". וועט דער ליפּסקער רב, וואָס מוז קוקן אויף זיין שכירות, נישט קלערן. נישט איבערפרעגן און תוך כדי דבור געבן חופה וקדושין...

און אַז דער „יונגעלע פון ווין" וועט נעלם ווערן, און אַן אלמנהס אַ טאָכטער וועט על פּי נס צוריקקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צי פון בוענאָס-איירעס, וועט דער ליפּסקער רב פאַר איר קיין עצה און קיין ראט נישט געפינען, אפילו נישט זוכן...

פון אַזוינע רבנים וועלן שוין יידישע טעכטער נישט געהאָלפן ווערן!

און נישט פון נ...ער רב!

— — — — — — — — — — — — —

ווער דער נ...ער רב איז?

אַ ייד אַ למדן, אַ מדקדק במצוות און ווי זאָל איך אייך אויסמאָלן? אפילו אַ בעל-נסיון...

ערשט נישט לאנג האָט ער אויך אַ נסיון געהאַט.

נאָר זאָל ער עס בעסער אַליין דערציילן, מיט זיין אייגענעם לשון

„אין מיין שטעטל, פאַרשטייט איר מיך, איז פאַראַן איינער אַ טוביה. אַ ייד — אַ האָלץ־העקער. אומשטיינס געזאָגט, אַ האָלץ־העקער — ער האָט דען כח דערצו? נאָר אַ מענטש אויף דער עלטער. האָט זיך נישט צו וואָס צו נעמען, קוים אלף־בית און

קאָן אפילו קיין דרדקי־מלמד נישט זיין, נעמט ער זיך האָלץ צו האַקן. עס געדויערט ביי אים ימים ושנים, נאָר וואָס זאָל מען טון? גיי, נעם צו ביי אַ ייד די לעצטע פרנסה!

איינמאָל טרעפט זיך אַזאַ מעשה. צוויי פון די גרעסטע באַלעבאַטים אין מיין שטעטל האנדלען מיט וואלד. קויפן זיי אַמאָל א וואַלד בשותפות. אַז א שותפות, ווערט מן־הסתם אַ סכסוך, טענהן ביידע „כולו שלי", ווי ביי סוחרים דער שטייגער איז. קומען זיי צו מיר. מילא, איך וועל זיי קיין דין תורה נישט פסקענען; איינער וואָלט דאָך מיר אוודאי א שונא גע־בליבן! וויל איך מאכן אַ פשר. בין איך דאָך אָבער נישט בקי אין די „קוביקן" מיט זייערע חשבונות! בין איך מיך מישב און מוסר! רעד איך בשבח השלום! דערווייל לייג איך אונטער דעם אַן איי, יענעם אַן איי; זאָג איך דעם א חניפהלע, יענעם אַ חניפהלע, ביז זיי גלייכן זיך אויס ביי מיר אין שטוב. און איך שאָקל צו מיטן קאָפּ: גלייך אַזוי! גלייך אַזוי! גייען זיי טאַקע אַרויס צופרידן און שיקן מיר, מכלומרשט פסק־געלט, אַ פירל קלעצלעך פון וואַלד. זייער גלייך! עס גייט צו ווינטער! שיק איך טאַקע צו טוביהן, ער זאָל קומען צעהאַקן די קלעצלעך. קומט ער כעלות הבוקר און האַקט ביז קרוב למנחה. וויפל קומט דיר, טוביה? זאָגט ער, צוואַנציק קאָפּיקעס. פאַרשטיי איך, אַז מיינען מיינט ער צען, זאָג איך פופצן! וויל איך רעכן, אַז איך וועל אַזוי געשווינד נישט האָבן צו באַצאָלן, זאָל אים קומען פינף קאָפּיקעס מער! אין כאַלאַטל־קעשענע האָב איך אפילו גע־האט פופצן קאָפּיקעס, נאָר די לעצטע, און צו דער פענסיע איז נאָך אַ פּאָר וואָכן. און אויסער דער פענסיע האָב איך נישט. פון וואַנען? נאָר טראַכטן טראַכט איך מיר אַזוי: וועט ער זיין א תובע בכה: „רבי, זייט מוחל, באַצאָלט", איז פאַראַן, איז ער בילכער! פאָרט אַ נהנה מיגיע כפו! אלא נישט — איז נישט! וועט זיין מאָרגן אויף אָנבייסן. און טוביה האָט נישט געמאָנט! ער האָט געכאַפּט אַ טרונק וואַסער, אַ בליק געטאָן, און אַז ער האָט געזען, אַז איך שווייג, האָט ער אויך געשוויגן און איז אַוועקגעגאַנגען. דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער זיך אפילו אַ פּאָר

באַל אָפּגעשטעלט, נאָר צו מיר איבערגעדרייט האָט ער זיך נישט!... מילא, דאַרף איך מיך שטעלן מנחה דאַוונען, וויל איך מיך אויפהייבן, וואַשן די הענט, דערפיל איך פּלוצים, אַז עס שטעכט מיך אין דער זייט! עפּעס אַ מעשה — נאָר קודם-כל מנחה! איך טו מיינס און דאַוון, מבלבל זיין לאָז איך מיך נישט אפילו ביי צאָן־ווייטאָג! נאָר ווי איך גיי אויס שמונה-עשרה — שלעכט! צוריקגיין די דריי טריט איז מיר שווער! דערמאַן איך מיך אין טאַטן, עליו השלומס, צוואה. אפילו אַ פּראָסטער ייד געווען מיין טאַטע, נאָר אַ חרוץ עתיק! פאַרן גוססן רופט ער מיך צו און זאָגט מיר כהאי לישנא: הער, זיינוול, דו זאָלסט נישט גלויבן אין די נ י י ע רופאים מיט די נ י י ע רפואות! וואָס ניי — איז נישט געטריי! אַלטע רופאים זענען גרעסערע חכמים געווען און בעסערע רפואות געהאַט! קוים, חס-ושלום, ווערט דיר עפּעס, כאַפּ א ווינער טרענקל! — אַזוי האָט ער געזאָגט. אַ ווינער טרענקל קאָסט טאַקע פופצן קאָפּיקעס, זאָג איך אָפּ „עלינו“, הויב אָן זוכן די מטבע אין כאַלאַטל און וויל רופן דעם שמש, און שיקן נאָך אַ ווינער טרענקל, האָב איך אָבער קיין גאַנצע קעשענע נישט געהאַט, און די מטבע איז אַראָפּ טיפער אין שלאָפּרעקל, און עס געדויערט, איידער איך ג ע פ י נ ׳! און זוכנדיק, פאַלט מיר דערווייל איין אַ מחשבה: פּושע ישראל! — זאָג איך צו מיר — וואו איז „יפשפש במעשיו“? וואָס איז? אומזיסטע יסורים? און קוים הויב איך אָן איבערקלערן, וואָס פאַר אַ חטא, דערמאָן איך מיך — טוביה! עובר געווען אויף „לא תלין“!

און דאָ הויבט זיך אָן דער נסיון. פון א י י ן זייט אַ לא־תעשה פון דער תורה... „לא תלין“ זאָגט דער פּסוק!

פון צווייטן צד איז אפשר סכנות-נפשות אַזאַ שטעכן, קיין יונגערמאַן בין איך נישט! „וחי בהם“ שטייט! און צוואת שכיב־מרע! גיי, ווייס!

דערמאָן איך מיך אָבער, אַז אַזוי ווי איך האָב מיך דער־מאָנט אָן טוביהן, איז מיר די מטבע אין דער האַנט אַריינגע־שפּרונגען!... פסקן איך מיר: ז י י נ ע פופצן קאָפּיקעס! אָפּגעבן!

און דעם שמש האָב איך אָפּגעשאַפּט! ערשטנס, אַ מצווה טוט מען אַליין, און צווייטנס — מיין שמש! אַ חוב אָפּגעבן וועט ער אַרויסגיין מבעוד־יום און אַהינקומען וועט ער בבֵי־טוב! דערווייל אַ נאַכט איבערשלאָפן! און עס קאָן אים גאָר איינפאַלן און זיך באָרגן דערווייל די פופצן קאַפּיקעס! ער איז אַזאַ עושר ווי איך, אפשר מער! און טאָמער קומט אים גאָר ביי מיר פופצן קאָפּיקעס? ווער געדענקט! כאַפּ איך דעם מאַנטל און לויף אַליין!

— און בשלום אָפּגעגעבן?

— ווי דען! שלוחי מצווה אינן נזוקין! טוביהן אין דער האַנט אַריין... איך האָב אים געטראָפן זיצנדיק אויף דער שוועל ביי אַ הויכער שיסל קאַרטאָפל!

ער האָט געמיינט, אַז איך האָב פריער פאַרגעסן און שפּעטער זיך דערמאָנט, איז ער נבהל ונשתומם געוואָרן! סטייטש, בכבודו ובעצמו דער רב, און פאַר פופצן קאָפּיקעס און פאַר אַזאַ טוביהן! ער האָט זיך צעהיינט! זאָג איך אים: ניין, נישט דיר צו־ליב, טוביה, נאָר צוליב דער תורה הקדושה! אין דער תורה הקדושה שטייט: לא תלין פעולת שכיר. עס איז טייטש: לא — נישט, תלין — זאָלסט נישט איבערנעכטיקן, פעולת — די לוין, שכיר — פון אַ פאַרדונגענעם. צעווייינט ער זיך נאָך מער! ער האָט, זאָגט ער, גאָרנישט געוואוסט, סאַר אַ וואויל תורהלע מיר האָבן! אַן עם־הארץ!

— און די זייט אייערע, רבי?

— איך האָב טאַקע באַלד אַ ווינער טרענקל געקויפט, האָט אויפגעהערט!

— און וואו האָט איר גענומען געלט?

— וואו כ'האָב גענומען? טאַקע ביים אייגענעם טוביה צו־ריק געבאָרגט!... פאַר אונז נישט אויף זיך, אפילו עד־היום נישט אָפּגעגעבן. פון וואַנען? און לאָז אַזאַ ייד האָבן ביי מיר פופצן קאָפּיקעס! עס וועט אים, חלילה, נישט שאַדן.

און צוריק געשמועסט: מלוה איז קיין חיות נישט! „פעולת שכיר" איז פייער!

— — — — — — — — — — — — —

איר זעט, אַן אמת פרום רבל, אַ מדקדק במצוות, אַן עומד בנסיון! אַ רבל מיט אַן אמת יידיש האַרץ; ער איז אפשר געפעלט אויף מסירת־נפש, אויף קדוש השם... אָבער מתיר זיין קיין עגונה פון א גזלן אַ נעלם וועט ער, דאַכט זיך, נישט! אַזויפיל כח האָט ער נישט! און גלאט, קהל לאָזט קיין יידישע פרנסה נישט שטערן! קהל גלויבט דעם רב אין הימל־זאַכן, אין מצוה־זאַכן, אָבער בנוגע צו פרנסה, צו עולם־הזה, איז דער רב ביי קהל אין דער האַנט... וויל טאַקע קהל אַ שטילן רב!

לויבט מען טאקע דעם מ...ער רב פאַר זיין שטילקייט. קיין פליג אויף דער וואַנט רירט ער נישט!

— אַ וואוילער ייד — שרייבט מען — מאַכט נישט קאַליע קיין פרנסה!

און פרנסה, ברוך השם, איז דאָ אין מ., הלואי, אויף אַלע קהלות געזאָגט:

מ., מוזט איר וויסן, ליגט ביי דער גרענעץ, און גאָט האָט זי געבענשט מיט אַ באַן, מיט אַ „לאַנגער" סטאַנציע פון דער באַן... די באַן האָט שומר־ים — בלויע בלימלעך, און אין די וואַגאָנען זיצן יידישע עמיגראַנטן, וואָס פאָרן מיט ווייב און קינד, פעק און פעקלעך, נאָר אָן פאַספּאָרטן... אויף גאָטס באַראָט און אויפן „פעקלערס" יושר...

ווער עס האָט נאָר א תביעת־עין דערקענט זיי באַלד. אַ בליק פון פארלוירענע שאָף... בלויע פנימער, פאַרביסענע ליפּן, עס זאָל פון זיי קיין קרעכץ, קיין קול נישט ארויס. פאַרדריקט, מען זאָל קיין אָרט נישט פאַרנעמען, מען זאָל קיינעם אין די אויגן אַריין נישט פאַלן... ווייבער שווייגן! די טרערן פאַלן, טרערן ווי אַרבעס, נאָר שטיל... קינדער זיצן אָן א קלאַנג, אָן אַ שמייכל, מיט פאַרשראָקענע אויגן...

און, זאָרגט נישט! אַ מ...ער כשרער ייד האָט אַ תביעת־עין. ער קומט אין וואַגאָן און דערקענט זיין קרבן אין אויגנבליק. און קוים דערקענט ער, גייט ער צו ווי אַ שוחט; פרום און

קאַלט, נאָר אַ חלף. ער שטרעקט נאָר אויס די האַנט. „ר׳ קרוב — זאָגט ער — שענקט א קערבל!״

באַמערקט: ער בעט קיין נדבה נישט. ער זאָגט אויך נישט: גיב, אַניט וועל איך אויסזאָגן! נאָר גצלאַחן זאָגט ער: ר׳ קרוב, שענקט אַ קערבל! שענקט מען נישט, גייט ער זיך אַוועק, און ווי פון אונטער דער ערד וואקסט אַרויס אַ בלוי בלימל, און דער עמיגראַנט ווערט אַראָפּגעשלעפּט מיט ווייב און קינד. מיט פּעק און פּעקלעך — גלייך אין תפיסה אַריין... שענקט מען טאַקע יאָ! און דער שיינער ייד גייט אַראָפּ אַ צופרידענער, און אויף זיין אָרט קומט — אַ יידענע, זיין ווייב. זי וואַרפט אויך נאָר אַ בליק און דערקענט אויך כהרף עין דעם קרבן, שטרעקט אויך אויס די האַנט: ר׳ קרוב, שענקט אַ קערבל!

דערנאָך קומט אַ שנור, אַ טאָכטער, אַן איידעם... אַן אַנדער שיינער ייד...

און דעם רב, כאָטש ער האָט קיין כתב נישט געגעבן, פאַלט נישט איין צו שטערן!

און שיינע יידן האָבן טאַקע פּרנסה איבערן מויל, און מאכן קינדער חתונה און גיבן צדקה, און מען באַקומט ביי זיי אַ גמילת חסד, און רח״ש צאָלן זיי, אַז עס קומט אויס, כיד המלך...

און באַלעבאַטים! זיי בויען זיך הייזער, אַפילו בתי-מדרשים!

איינער האָט אויפגעשטעלט איין בית־המדרש, האָט זיך דער צווייטער מקנא געווען און אויפגעבויט אַ צווייטן — נאָך אַ שענערן בית־המדרש! און אין ביידע בתי־מדרשים זענען „עליות״, „פּתיחות״, „יין קדוש״ וכדומה מצוות — געלד און טאָ־לער, אָן ציוניסטן!... און דער עולם הבא פאַר מ...ער שיינע יידן וואקסט אויך ווי אויף הייוון!

און ווי געזאָגט — דער רב, זאָל לעבן קוקט און שווייגט!

ער וועט נישט שטערן דער פּרנסה פון אַ „פּעקלער״, פון אַ „מוליכער״, פון יהיה מי שיהיה אַ באַלעבאָס, אַפילו נישט א נפשות-הענדלער... און חופה וקדושין, אַז מען וועט דאַרפן, אַבי רח״ש, וועט ער געבן... און עגונות מתיר זיין — לאו!

און צו דער רבנישע אסיפה, וואָס דאַרף אין קורצן זיין אין פּעטערבורג, ראַט איך, מען זאָל פון אונזער קאַנט אַרויסשיקן: דעם ליפּסקער, דעם נ...ער, ווי אויך דעם מ...ער רב

און די באַלעבאַטישע קהלות וועלן קאָנען רוהיק זיין פאַרן זומפּ!... עס וועט קיין ווינטל נישט בלאָזן, קיין שניי נישט זיין! און פּרנסה וועט בלייבן פּרנסה! און עס וועלן זיין עגונות. עס וועט בלייבן „חליצה״, און יידישע טעכטער וועלן אויך בלייבן אַ גאַנגבאַרע סחורה... ווי היינט, ווי נעכטן, ווי אַלע מאָל...

4־טן דעצעמבער, 1902

בריף און מאמרים ווי האָלץ... פון פאַרשידענע דאַטן, פון גאַנץ תפוצות ישראל, נאָר די פאַקטן צעשיטן זיך ווי זאַמד, קלעפּן זיך נישט און האַלטן זיך נישט צוזאַמען, און עס טריקנט מיר דער מח קלערנדיק: אויף וואָס פּאַר אַ פּאָדעם בינד איך אויף די פּערל? איך זיץ און קלער, און די ברעמען פאַלן מיר שווער איבער די מידע אויגן. איך שלאָף איין, און עס קומט אויף מיר אַ חלום, וואָס לאַכט אויס אָרט און צייט און בינדט צוזאַמען נאָענט און ווייט, און ווייטערס... אין עפּעס טראָגט מיך איך חלום אויף און אָפּ איבער טאָל און בערג, איבער טעג, וואָכן און חדשים...

אָט בין איך אין באַזעל אויף אַ קאָנגרעס. צוזאַמענגעפאָרן זיך אַ סנהדרין מארבע פּנות העולם, נאָר דאָס יידעלע פון יענער זייט סמבטיון פעלט, און עס איז אַ שקלא וטריא: וואָס איז אַזוינס ציוניזם? און מען שפּאַרט און אַמפּערט זיך, און מען רעדט אין אַלערליי לשונות, מיט אַלערליי מינים פון העויות און תנועות, ביז מען מאַכט יד־אחת און מען ענטפערט: „ציוניזם איז די אידעע צו שאַפן פאַרן יידישן פאָלק אן עפנטלעך־רעכטלעך-געזיכערטע היים אין פּאַלעסטינע..."

און איך פרעג מיך: וועט עמעץ זיין דאַגעגן? און איך ענטפער מיר: אַ מאַסע. ערשטנס, די אַלע, וואָס קאָנען קיין נייע אידעען נישט ליידן, וואָס קאָנען שוין קיין נייע אידעען נישט פאַרטראָגן. אַפילו נישט קיין אַ ל ט ע אידעען מיט א ניי פּנים... אויך די, וואָס ווילן נישט לאָזן „כאַפּן פיש פאַר דער נעץ" און — פאַר דער צייט. בפרט — אָן אַ רמז אין זוהר, אָן אַ

גימטריא אין „רזיאל המלאך" און מיט א קאָנקורענץ פאַר די הייליקע און גוטע יידן, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג אונטערגענומען דעם פּאָדריאַד אַראָפּצוברענגען משיחן און צו באַפרייען די כנסת-ישראל פון לאַנגן „והוא רחום"...

מאַנכע וועלן פאַרציטערט ווערן. דאָס זענען די, וואָס דאָס וואָרט: „דאָס יידישע פאָלק", וואַרפט זיי אין זיבעטן שווייס אַריין!

פונוויטנס וועלן זיך אפשר האַלטן אויך די, וואָס ווילן נישט אויפהענגען אַלע יידישע געשעפטן, ווי אַן אָפּרייס-קאַלענדאַר אויף אַ נאָגל אין דער וואַנט!

— וויפיל דאַרף קאָסטן אַ טשאַרטער? — הער איך פרעגט דערווייל אַ סוחרישע נשמה.

— פינף און צוואַנציק מיליאָן רובל! — ענטפערט אַ ציוניסטישער בן-בית.

— או! — דערשרעקט זיך יענער.

— נישט פאַראַן קיין אָרעם פאָלק! — ענטפערט דער בן-בית. — —

מהיכא תיתי, טראַכט איך. נישט קוקנדיק אויף די הערכסטע אידעאַלן, וואָס אַ זינדיקער בשר ודם קאָן האָבן, האָט דאָס יידישע פאָלק דאָס זעלבע רעכט צו וועלן, וואָס אַלע ווילן און האָבן. און כל-זמן אַלע פעלקער האָבן זייער אייגנס, אָפּגעזונדערטע, אָפּגעגרענעצטע לענדער, מעג די כנסת ישראל אויך גלוסטן אַ פאַרזיכערטע, עפנטלעך-רעכטלעך פאַרזיכערטע היים... מיינע פערציק קאָפּיקעס אויף אַ שקל און עטלעכע רובל אויף אַן אַקציע וועל איך נישט קאַרגן... און איך חזר מיר איבער: אַן עפנטלעך-רעכטלעך פאַרזיכערטע היים... נאָר עפּעס אַ שכן הויבט זיך אויף און רוימט מיר איין: וואַרט, עס איז נישט אַזוי פּראָסט, ווי מען זאָגט! דאָ אין אויסלאַנד האָט דער דייטש צו שאַפן: דער דייטש איז בטבע אַ פּשטן, וואָס ער זאָגט. דאָס מיינט ער... לאָמיר נאָר אַהיים קומען!... עס איז אַ טיפע סוגיא, אַ שווערע סוגיא, א פּלפּול און אַ פּרד"ס און אַ שטיק השכלה און עקאָנאָמיקע... ועסט זען!

איך וויל מיך אומקוקן, ווער עס רעדט, בעסער זיך איינהערן

אין וואָס מען זאָגט, נאָר דער רוח האָט מיך שוין אַוועקגע־שלעפּט איבער טאָל און בערג קיין מינסק, אויף אַן אסיפה, נאָר אָן דייטשן...

דער גרויסער עולם שלאָפט אפשר נישט, נאָר דרימלען, דרימלט ער. קיין פריי, אָפן אויג פאַר א מיליאָן... עמעץ שמיי־כעלט ווי פון חלום, מן-הסתם זעט ער אַ פולע באַנק מיט גאנצע פינף און צוואנציק מיליאָן: אַ צווייטער בייסט די ליפן, אפשר איז אים א שאָד אזויפיל געלט פאַר א פאַפירענעם טשאַרטער... און אויף דער בימה שטייט איינער מיט פייערדיקע אויגן און רעדט:

— דער ציוניזם שטייט צו צום פאָלק און וויל געלט! דער ציוניזם וויל נאָר נעמען, אָבער וואָס גיט ער? וואָס וויל ער געבן, דער ציוניזם?

און איך מיין, אז איך האָב א קלאָרע תשובה אויף דער שאלה: דער ציוניזם וויל געבן אַ לאַנד, ארץ־ישראל וויל ער געבן... ער וויל ערד פאַרן פאָלק, ערד צום אַקערן, זייען און שניידן... דער רעדנער אָבער ווייסט אַפּנים בעסער.

— דער ציוניזם — זאָגט ער — מוז שוין אָנהייבן צו געבן. באַלד און דאָ!

און אין נאָמען פון ציוניזם שיט ער ווי פון אַ פאַס אַרויס טייערע מתנות פאַרן פאָלק: אַרטעלן, חברות, פאָרדינסטן, וואָס איר ווילט, און דער עולם, הערנדיק פון מתנות, וועקט זיך אַביסל אויף און עס הערט זיך אַ געשריי: ווייניק, ווייניק!

איינער וויל נאָך: קאַטעדרעס פאַר מלמדים, אַ צווייטער אַן אוניווערזיטעט אין דער שווייץ אָדער אין ארץ-ישראל, אַ דריטער — מעטאָדן צו לערנען עברית בעברית — און עס ווערט אַ געשריי: קולטור! קולטור!

און צווייערליי קולטור!...

און דער, וואָס טראָגט מיך, פאַרטייטשט מיר: ציוניזם איז אייגענטלעך אַ הון, נאָר, אַז עס וועלן איר אויפוואַקסן

גאָלדענע פליגל פאַר פינף און צוואנציק מיליאָן, וועט זי ווערן אַן אָדלער און אַוועקפליען ווייט, ווייט צום לבנון, צום הר־הבית... דערווייל זיצט זי אויף איין אָרט, און יעדער קומט און לייגט איר אונטער אויסצעוואַרעמען אַן אַנדער איי... קולטור־אייער, עקאָנאָמישע-אייער, עברית־בעברית־אייער... און וואָס זאָל זי געבען טאָן, די הון? זי וואַרעמט...

— און אַלע אייער האָבן אין זיך לעבן?

— ניין... אַ סך וואַנט-געריבענע אייער... עקרות — — —

און ער טראָגט מיך ווייטער אַוועק...

און דער רוח כאַפּט מיך ווייטער און פאַרטראָגט מיך קיין ראַדאָם... אַ סטודענט איז אַראָפּגעקומען, אַ יונגער סטודענט, מילך און בלוט, און ער האַלט אַ רעדע פאַר אַ קליינעם, נאָר אַ פיינעם עולם...

ציוניזם — רופט ער — איז נישט קיין פינף און צוואנציק מיליאָן, מיר זענען צו ערהאַבן, מיר פליען צו הויך, מיר זאָלן זיך אַראָפּלאָזן און גראַבלען אין פרעמדע קעשענעס! אַרויס־צוקריגן קליין-געלט... ציוניזם איז נישט קיין טשאַרטער — פּאָליטיק לאָזן מיר פאַר אַנדערע, פאַר „דייטשע יידן", וואָס זענען נישט קלאָר אין אונזער לעבן, וואָס זייער אויסגעקילט האַרץ ברענגט נישט מיט אונזער רוסיש־פּויליש־יידישן פייער־און־פלאַם! ציוניזם איז דערווייל אויך נישט ארץ־ישראל, וואָרעם גיט אונז היינט פּאַלעסטינע, צי קאָנען מיר זי נעמען? האָבן מיר אַ פריי קולטיווירט פאָלק? קאָן אונזער פאָלק אַרבעטן? ציוניזם איז — קולטור... קולטור... און ווייטער קולטור...

— הידד!

איך עפן אַ מויל מיטצושרייען, נאָר דער רוח האָט מיך שוין געכאַפּט און טראָגט מיך ווייטער...

וואו בין איך?

דאַכט זיך, אין קאָוונע, אין דער שטאָט פון ישיבה־בחורים, מוסרניקעס און אַנדערע זיבן זאַכן, אויף אַן אסיפה פון „שלום־ציון" און אפשר גאָר אין באָברויסק אויף אַן אסיפה פון „שערי ציון!"

פאַרזאַמלט זענען הונדערטער, הונדערטער מענטשן, און מענטשן מיטן פולן מויל, אמתע יידן, מזרחי־יידן... יידן מיט בייכער, יידן מיט גרויע און מיט ווייסע בערד, יידן מיט לאַנגע ברעמען, בייזע פּנימער — אפילו רייכע יידן!

— שא! שא! די תקנות!

און מען לייענט תקנות — —

היות- ווי מען וויל אונז היינט אָפּגעבן ארץ־ישראל, ערלויבן פראַנק און פריי מקיים צו זיין אלע מצות התליות בארץ, עס זאָל שוין אפילו זיין אַ בית־המקדש, שטיין אַ מזבח, עס זאָלן אפילו גרייט זיין קעלבער אויף קרבנות, זענען מיר נאָך נישט פאַרטיק! וועט דער עולם נישט וויסן, ווי אַזוי מען דערנענט א קרבן, וואָס פאַר אַ קרבן, ווען קומט אַ קרבן, ווען די כהנים דארפן גייען תרומה עסן, ווי אַזוי מען איז זיך נוהג מיט אַ סוטה... עס וועט נישט זיין קיין „מיראָוואָי-סודיא" און קיין קאָ־דעקס, און קיינער וועט נישט קאָנען קיין דין־תורה פסקנען... עס וועלן זיין פעלדער און וויינגערטנער און דעם דין פון שמיטה און יובל וועט מען נישט וויסן, על־כן האָבן מיר מתקן געווען אַ חברה ש״ס פאַר באַלעבאַטים, אַ חברה „חומש מיט רש״י" פאַרן המון־עם:.. היינט שבת בראשית, איז געווען אַ התחלה, דער סיום וועט זיין אם ירצה השם, אויפן הר הבית — — —

— אמן! אמן!

און איך וויל אויך מיין מויל עפענען און שרייען, זאָל זיין „הידד", זאָל זיין „אמן", נאָר דער רוח האָט אפנים קיין צייט נישט, ביי די האָר שלעפּט ער מיך, איבער טאָל און בערג, איבער אָפּגעלעגענע וועגן —

שאַ! עס פויקט! שאַ, עס טראָמייטערט! פון אונטער אַ באַרג ווייזט זיך אַ פאָן... מיט גאָלדענע גרויסע אותיות: דגל

מחנה יהודה! די פויק פויקט, דער טראָמייטער טראָמייטערט, און נאָך דער פאָן גייט אַ מחנה גבורים: מגן־דודס אויף די ברוסט, נעז ביי די מיילער, — אונטער זייערע פיס ציטערט די ערד... אויף די שפיצן פון די פיקעס ציטערט דער בליק — —

— וואוהין גייט איר, גבורים? איינצונעמען ארץ־ישראל? עס פעלט געלט צו קויפן?

— איינעמען די קהלות! — ענטפערן די גבורים און מאַרשירן ווייטער... און ווערן פאַרשוואונדן אין אַ גאָלדענעם שטויב...

און איך בעט מיך ביים רוח, וואָס טראָגט מיך אַרום: איך בין דיר מוחל די גבורים, וואָס גייען איינצונעמען די קהלות, די מתנות, מיט וועלכע מען וויל מיך באַשיטן אין גלות, איך בין דיר מוחל די חברה ש״ס מיט דער קולטור צוזאמען, ווייז מיר די שטילע אַרבעטער, די אמתע שטילע מענטשן, וואָס האָבן כח אויסצוהאַלטן ביי דער גרויער שטילער אַרבעט, וואָס פויקן נישט, טראָמייטערן נישט, האַלטן קיין רעדעס נישט, אַמפּערן זיך נישט איבער האַרט־קלינגענדע איזמען — ווייז מיר די, וואָס קלייבן געלט, וואָס זאַמלען די אָרעמע גראָשן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק, ציוניסטן, צי נישט ציוניסטן.

ער הערט מיר אָבער נישט, און ווערט אפשר נאָך בייז, און לאָזט מיך אַראָפּ אין אַ קאַלטער, פייכטער ווינטער־נאַכט, אין ערגעץ אַ גרויס־שטאָטישן מאַרק...

אינמיטן מאַרק האָט עמעץ, אפנים פאַר רחמנות, אָנגעלייגט אַביסל האָלץ און אונטערגעצונדן — —

און דער עולם פון די אַרומיקע הייזער לויפט אַרויס צום פייער זיך דערוואַרעמען —

טייל ברענגען זיך מיט קאַרטאָפל און בראָטן, טייל קלאָגן זיך, פאַרוואָס דער, וואָס גיט פייער, גיט קיין קאַרטאָפל נישט... אַנדערע וואַרעמען זיך די הענט און לייענען קריאת־שמע, נאָך אַנדערע זאָגן תהילים... אַן אָפּגעריסענער משכיל לייענט בערנ־פעלדס „דעת אלהים״, אַ סטודענט לערנט זיך כעמיע, אַנדערע שאָקלען זיך גלאַט... טייל דערציילן זיך מעשיות...

און דאָס האָלץ ברענט און וועט זיך אויסברענען..
און איינער רופט צום צווייטן: בערל, ברענג אביסל האָלץ;
שמערל, ברענג אביסל האָלץ, יוסל — אביסל האָלץ...
נאָר זעלטן עמעץ זאָל ברענגען...

מען וואַרעמט זיך, מען דאַוונט, מען לערנט, מען דערציילט מעשיות, מען בראָט אפילו קאַרטאָפל, מען שאָקלט זיך גלאַט אזוי, און האָלץ וויל קיינער נישט ברענגען...

11־טן דעצעמבער, 1902

„און די פערטע מכה פון מצרים — זאָגט דער טייטש-חומש — איז געווען ערוב״. און דער טייטש-חומש פאַרטייטשט: ערוב איז אַ פאַרמישונג פון אַלערליי קליינע און גרעסערע חיות און פון שקצים ורמשים, הן פון איבער דער ערד, הן פון אונטער דער ערד און אַפילו פון ימים ומדבריות... אַלע זענען געקומען קיין מצרים, און עס איז געגאַנגען אַ טכויר מיט אַ מוילוואָרף, און אַ פוקס מיט אַ קיניגל און אַ שטעכעדיק חזירל מיט אַ גליטשיקער פראָש וכדומה אַלערליי פרעסער, בייסער און צופּער און האָבן זיך צעלאָזט אין גאַנץ מצרים. און אַז אַ מצרי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס און געוואָלט עפּעס פאַרבייסן, די נשמה צו דערכאַפּן, אָדער עס איז דורכגעגאַנגען אַ בעלפער מיט „פּאָדווארימעס״ פאַר דעם מצריס מיט דער מצריטעס קינדער אין חדר אַריין, איז אונטערגעשפּרונגען אַ חיהלע און האָט אויסגעריסן דאָס עסנווארג פון די הענט, אַפילו דעם ביסן פון מויל... אַנדערע קלענערע חיהלעך האָבן זיך געהאַלטן אין די לעכער און אין די שפּאַלטן פון די שטיבער, און אַז זיי האָבן דערפילט אַ ריח פון מאכלים, זענען זיי ארויס פון זייערע באַהעלטענישן און געכאַפּט פון די טישן, פון די שיסלען און פון די טעפּ... און גאָר קליינע חיהלעך האָבן זיך אַרונטערגעכאַפּט די מצריים אונטער די מלבושים און אָפּגעביסן פון זיי די הויט... און עס האָט געהונגערט דער מצרי מיט דער מצריטע אין שטוב און אין גאַס און די קליינע קינדער אין די חדרים, און די חיות מיט די חיהלעך זענען אַלץ פעטער און דיקער געוואָרן... אין פון אַ ווערימל איז אַרויסגעוואַקסן אַ פוקס, פון אַ היישעריק אַ לייב...

דער רבינו בחיי שרייבט: אַז דער נס פון ערוב איז געווען על פי דרך הטבע, אַז עס איז געקומען די צייט אויסצולייזן ישראל, האָט דער רבונו של עולם געשיקט א הונגער אויף די חיות אין די לעכער, אין די היילן, אין די וואַסערן און אין די געמויזעכצער, און דער הונגער האָט זיי געטריבן פון זייערע ערטער צום ישוב צו, און די נייע מחנות האָבן געטריבן די אַלטע מחנות, פון דערפער אין שטעטלעך, פון שטעטלעך אין שטעט, פון שטעט אין גרעסערע שטעט אַריין ביז צו פרעהס פּאַלאַץ...

— — — — — — — — — — — — —

דאָס אַלץ איז אַמאָל געווען!

היינט איז אפשר אויך שוין צייט אויסצולייזן ישראל, נאָר די מכות פאַלן נישט אויף מצרים.

און אַ הונגער איז, און טרייבט די חיות, די חיהלעך פון דערפער אין שטעטלעך, פון שטעטלעך אין שטעט, פון שטעט אין גרעסערע ביז אין גאָר גרויסע שטעט אַריין, און זיי זענען הונגעריק און כאַפּן פון די הענט און פון די מיילער, און נישט דער מצרי הונגערט, נאָר די „כּנסת ישראל". היינט האָט זי ערוב..

און דער היינטיקער ערוב פון כנסת ישראל איז ערגער פאַר יענעם ערוב פון מצרים... יענע חיהלעך האָבן נאָר געכאַפּט עסנוואַרג און נישט קיין מלבושים, ווייל די חיהלעך זענען נאַקעט געגאַנגען, און די היינטיקע חיות און חיהלעך טראָגן ראַצעמאַרענע קאַפּאָטאַנעס מיט סטראָקעס, זילבער-האָריקע שטריימלעך און זייַדענע זאָקן... און די נקבות פון די חיהלעך טראָגן סאַמעטענע און זיידענע מלבושים מיט טייערע בראַבאַנטער-שפּיצן, און היט פון יענער זייט גרענעץ מיט פעדערן פון פייגל פון יענער זייט ים, און זילבערנע און גאָלדענע פּאַנטאָפּעלעך, אַחוץ אַזוי תכשיטין... און די חיהלעך ווערן אויך פעט און דיק און וואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט, און מערן זיך, ווי פיש אין וואַסער, און ווי די פרעש אין מצרים און ציען אונז אָפּ די העמדער פון די לייבער און דערנאָך ערשט רייסן זיי דעם ביסן פון מויל...

— — — — — — — — — — — — —

און די חוצפה פון די חיהלעך וואקסט פון טאָג צו טאָג און דער אַפּעטיט זייערער פון שעה צו שעה.

און אַז אַן אלמנה פון ערגעץ אַן עפּוש לעבט אין דחקות פון אַ ציג, הערט זי דעם גבאים אַן עצה, פאַרקויפט די ציג, קויפט זיך אַ בעטל אויף דער לאָטעריע און די רעשט גיט זי אַוועק דעם חיהלע פאַר אַ צוזאָג — אַ זכה בגורל... געווינען פאַרשטייט זיך, געווינט ערגעץ אַן אָנגעגעסער עושר, און זי מיט די קינדער שטרעקן אויס די צונג פאַר אַ טראָפּן מילך...

און אַז אַן אָרעמער באַלעבאָס לעבט צען יאָר מיט אַ ווייב און האָט, נישט פאַר אייך געדאַכט, קיין קינדער נישט, און ער זאָגט: „אהבתי את אשתי" און וויל מיך מיט איר נישט גטן, גיט אים עמעץ אַן עצה טובה, און ער נעמט דאָס הייזל און פאַר-שרייבט אויפן הייליקן רבינס נאָמען פאַר אַ בן-זכר... קיין בן-זכר, פאַרשטייט זיך, באַקומט ער נישט, נאָר דער הייליקער רבי פאַר-מאַכט אַיין אויג, דערנאָך דאָס צווייטע, און זיין יורש טרייבט דעם אָרעמען באַלעבאָס פון דירה אַרויס און וואַלגערט זיך אַרום מיט דער עקרה אין גאַס...

און ווער עס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן ביי אַ שטרוי... און אַז אַ קלוג און קאַרג געוואָרענער פריץ נעמט צו ביים ייד די פאַכט און גיט זי אַוועק זיין אייגענער טאָכטער פאַר נדן, פאָרט דער ייד מיט ווייב און קינד און צעבראָכענע זיבן זאַכן אין שטאָט אַריין... און איידער ער דינגט נאָך אַ דירה, די פור מיט די זאכן שטייט נאָך אין מיטן מאַרק, דאָס ווייב מיט די קינדער דרייען זיך אַרום דער פור אָדער זיצן און קרעכצן — זוכט ער שוין פרנסה, לויפט ער אַריין צום הייליקן רבין, וואָס האָט זיך צו זיין מזל, נאָך אויף אַ טאָג פאַרהאַלטן אין שטאָט, און קויפט פאַרן לעצטן גראָשן אַ ברכה... די ברכה, פאַרשטייט זיך, ווערט נישט מקוים. דער דאָרף-ייד האָט זיך נישט צו וואָס צו נעמען; פון געזונטן ווייב איז אין „עפּוש" געוואָרן אַ „לא עליכם", אַ „לא יצלח", די קינדערלעך פאַלן אויך גאַנץ אָפּט אַוועק... אָבער אַ גלאָז מילך פאַר אַ קראַנקן, אַ רעצעפּט צו ח"י גדולים פאַר אַן אַנדער חיהלע איז שוין נישטאָ!

און אַז א יונגערמאַן פון „עפּוש", צי נישט פון „עפּוש", האָט זוכה געווען אַראָפּצוגיין פון קעסט מיט ווייב און קינדער און דעם נדן האָט דער שווער צוגענומען, צי אַ שותף, צי דער פּריץ, צי ער איז אַזוי געגאַנגען לאיבוד, און דאָ רופט מען: יעמוד! — זיי מוחל, שטעל זיך צום „פּריזיוו", און אַצינד דינען קאָן ער נישט, טאָר ער נישט, וואו וועט זיך דאָס קליינוואַרג אַהינ־טון? באַוואָרנט ער זיך טאָפּל: קויפט ער ביים רופא זיך אַ פּע־לער און ביים חיהלה פאַרן לעצטן רובל אַ גרויסן לאָס... און ציען ציט דער שלימזל אַרויס אַ קליינעם לאָס און דער פּעלער האָט ד ע ר ו ו י י ל אויך נישט געהאָלפן — ער גייט, און ווייב־קינד גיין אויס פאַר הונגער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פון ערגעץ אַן „עפּוש" ווערט אַ חיהלע געטריבן און געטריבן, ביז עס קומט קיין ווארשע, און שטעלט זיך אָפּ אין דער און אין דער גאַס. און ימים נוראים איז עס, דאָס הייסט: פאַרן „פּריזיוו", אין דאָס חיהלע באַנוצט זיך מיט דער צייט און שרייבט נח מיט זיבן גרייזן אַ מודעה, און צעוואַרפט זיי אין אַלע יידישע גאַסן און הויפן, באשר בכן ער איז אַ ספּעציאַליסט צו „פּריזיוון", ה ו י כ ע נומערן האָט ער... אויך, אַז מען דאַרף, פאַרקלענערט ער די מאָס, און פאַרגרעסערט וואָס עס איז פאַר אַ „פּעלער"... און פּריזיוווניקעס קומען פון אַלע גאַסן, און ג ל ו י ב ט נישט דער „פּריזיוווניק אַליין", האָט ער, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַ טאַטן, וואָס גלויבט, אַ מאַמען, וואָס גלויבט, און מומעס עטלעכע, וואָס גלויבן, און מען פאַרזעצט די קישן פון אונטער די קעפּ, די מלבושים פון לייב, און מען פאַרשולדיקט זיך, אויף גאָט באַראָט, גמילות חסדים, און מען איז זיך משוה כמנין „פּטור", און מען שאָקלט אויס פאַרן חיהלע די קעשענעס, ווי צו תשליך, אַז מען האָט נישט מער און מען גיט האַנט-געלט און אַ חרם-קוויטל אויף די רעשט...

און דערנאָך, אַז דער „פּריזיוווניק" גייט דינען, האָט מען אים קיין לייבל, קיין העמד נישט מיטצוגעבן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און, אַז עס מאַכן זיך שלעכטע צייטן אין „גרר", די פרנסה פאַלט, און כמאָלע טרייבן אין וואַלד לאָזט מען נישט, קוישלעך פלעכטן קאָן מען נישט, און דער פויער האָט נישט מיט וואָס אין שטאָט אַריינצוקומען און פאַרוואָס עפּעס צו קויפן, און עס פוילט דאָס לעצטע ביסל סחורה אין געוועלב, און דאָס ביסל געבעקס שימלט ביים בעקער... און דער ייד פון גרר האָט בטחון און רירט זיך נישט פון גרר, און האָט אַפילו אויף „הוצאות-הדרך" נישט, ער זאָל זיך קאָנען רירן פון גרר; קוקט ער מיט הוילע אויגן אויפן טעלערל פון הימל, און עס גייט די סדרה: „ויהי רעב בארץ" — ווערט קלייען-ברויט אַ מאכל, מיט קאַרטאָפלעס-שאָלעכץ צוגעביסן... און מען הונגערט, און מען קרענקט, און אַן איבערגאַנג פאַרשלעפּט זיך, און „גרר" הויבט אָן זוכן חטאים, תשובה-טון, האַלב גרר לויפט אויף קבר-אבות שרייען, די צווייטע העלפט רייסט איין די שול מיט קולות, און דערהערן דערהערט אַ „חיהלע" אין עפּוש, עטלעכע מייל פון גרר, און עס קומט צופאָרן...

און עס קומט צופאָרן, און עס שטעלט זיך אָפּ אין פאָר-שטעטל, אין ערשטן הייזל באַלד, און דינגט דאָס הייזל אָפּ ביים פויער, און רייניקט עס מיט קרייטעכצער, און שלאָגט מזוזות אָן ביי די טירן, און קמיעות פאַר די קוימען און לייגט הייליקע ספרים אויף די פענסטער און עפנט דערנאָך אַ קליין לופטשיקל אויף גרר און נעמט, און נעמט — ווי א בייז פערד נעמט ער... ער נעמט און די מגפה נעמט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער גראַדזשיסקער רבי פאָרט נישט אַרויס, ער איז אַ מושל בכפּה אויפן אָרט, און וואָלט געהאַט אַ גן-עדן אין גראַ-דזשיסק, ווען נישט דער משולח פון לאַמזשער ישיבה, וואָס קומט פון צייט צו צייט צו פאָרן, האַלט א דרשה און נעמט ביי אַ גראַ-דזשיסקער ייד צו אַ דרייער, טאַקע דעם דרייער, וואָס דער רבונו של עולם האָט איבערגעענטפערט דעם גראַדזשיסקער צדיק, טאַקע דעם דרייער, אויף וועלכן דער גראַדזשיסקער צדיק רעכנט, און קאָן זיך פון אים באין אופן נישט מתיאש זיין..

און עס ווערט א מלחמה צווישן גראָדזיסקער צדיק און דעם משולח פון לאָמזשער ישיבה... צווישן דעם גראָדזשיסקער צדיקס „תורה״ און לאָמזשער משולחס דרשות, וועגן דעם הארטן דרייער, וועגן דעם גראָדזשיסקער יידס האַרטן דרייער...

און עס האָט זיך געדאַכט: דער גראָדזשיסקער האָט מנצח געווען. חסידים האָבן זיך אריינגעלייגט אין סאַמע מיט. און מען האָט געאסרט דעם לאָמזשער משולחס דרשות! און נישט פון הימל האָט מען געאסרט, נישט קיין בת־קול האָט אויסגערופן א גזרה, נאָר די „מעשענע קנעפ״, וואָס האָבן צו זאָגן און צו שאַפן!

דער כוח פון דער לאָמזשער ישיבה איז אָבער גרויס, און נאָך גרעסער דעם משולחס יצר־הרע צום גראָדזשיסקער יידס דרייער, און א ייד אַ למדן האָט זיך אָן עצה געגעבן, און איז אַראָפּגעקומען קיין גראָדזשיסק, ווי אַלעמאָל, קיין דרשה זאָגן וועט ער נישט, אָבער תורה לערנען מעג ער? תורה פון חומש ארויס.

און שבת פרשת „איך זאָל אַזוי ויסן פון ביידע״, האָט זיך דער משולח אַנידערגעזעצט ביים גרויסן לומדים־טיש אין גראָדזשיסקער בית־המדרש. און אַרום טיש האָבן זיך געזעצט די גרויסע באַלעבאַטים, און דער משולח און די גרויסע באַלעבאַטים האַלטן אָפענע חומשים פאַר זיך, און אַרום דעם עולם מיט די אָפענע חומשים שטייט א ראָד קלענערע באַלעבאַטים, און אַרום די קלענערע גאָר קליינע באַלעבאַטים, דערנאָך ערשט אַ ראָד פון בעלי־מלאכות און אַזוי יידן... און דער משולח הויבט אָן אַ פסוק און פאַרטייטשט ע״פ פשט, און פרעגט אַ קשיא און פאַרענטפערט זי. און ווי פון אונטער דער ערד וואַקסן אַרויס אַנדערע צוויי קשיות, דערנאָך פיר, דערנאָך אַכט, און זיי פאַרוויקלען און פאַרקניפּן זיך, און פאַרבינדן זיך און עס ווערט א דרשה, אַ קינסטלעכע דרשה, ווי אַ שפּינוועבס אַרום אַ תורהלע, און עס קנאַקט, און עס רוישט, און דער עולם טראַכט: עס איז זיסער ווי האָניק, און דער משולח טראַכט: דעם גראָדזשיסקער יידס האַרטער דרייער איז מיין...

און עס האָט זיך געדאַכט, ער האָט מנצח געווען, נאָר נישט אַזוי געשווינד איז מען אַ חיהלע פון „ערוב״ מנצח...

דאָס חיהלע זעצט זיך צום טיש, און קיינער קומט נישט צו גיין, עס טראָגן זיך די ריחות פון שבתדיגע טיש-בשמים. — וואו זענען די געז? עס וועט אַריין אַ קוגעל — ווער וועט כאַפּן שיריים? און ווער וועט שטעלן ווייי? מיט וועמעז וועט ער בענטשן?

— וואָס איז געשען? — פרעגט דער רבי זיין רוח־הקודש, דעם גבאַי. און דער גבאי ענטפערט:

— דער משולח פון לאָמזשער ישיבה דרשנט!

און דער רבי זאָגט:

— גיי און זאָג, וואו מען דאַרף!

און דער גבאי ענטפערט: ער שטייט נישט אויף דער בימה און זאָגט נישט אויסנווייניק, ביים טיש זיצט ער און לערנט, און זאָגט פון דער סדרא...

ווערט דער רבי גרין, די הענט ציטערן, די אויגן פלאַמען.

— גיי, — זאָגט ער מיט אַ הייזעריק קול פאַר כעס — גיי אין בית־המדרש אַריין צום עולם און זאָג זיי מיט די דריי אותיות, אַז איך הייס נישט לערנען!

און דער גבאי איז געגאַנגען און האָט געזאָגט, און דער עולם האָט זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף, אַז מען מוז מורא האָבן פאַר אַ רבין, און דער משולח האָט אפשר קיין פּאַס נישט גע־האַט, און אויפגעהויבן האָט זיך דער משולח, צעלאָפּן זענען זיך די באַלעבאַטים, דער גבאי האָט די חומשים פאַרמאַכט...

מנצח געווען האָט סוף כל סוף דער רבי, דער ד ר ײ ע ר איז ז ײ ן!

18־טער דעצעמבער 1902

אויב איר מיינט, איך בין אַ בייזער בטבע, האָט איר אַ טעות.

אַז עס טוט מיר וויי, שריי איך. אַז עס כאַפּט מיך ביי דער לעבער, אַז מען באַלעגט מיך די נשמה מיט פּאָקשיווע (צי „קראַפּעווע״, ווי שלום־עליכם וויל), מאַך איך קולות, און וועק אייך אַמאָל פון זיסן שלאָף, און פאַרטרייב אייך די זיסע חלומות — אָבער ווייטער, בין איך גאָר אַ גוטער מענטש! אַ נשמה האָב איך אַ גילדענע, מען וואָלט זי געמעגט אין לאָמבאַרד שאַצן, און אַ האַרץ האָב איך אַ ווייכס און, ביי וואָס עס איז, צע־גייט עס פאַר רחמנות; ווי פּוטער!

און טאַקע ביי וואָס עס איז!

איך האָב רחמנות אויפן שעדלעצער בעל־קריאה־בחור, וואָס מען האָט פאַר ציוניזם אויסגעפּאַטשט פאַרן עולם אין בית־המדרש און אַוועקגעטריבן פון ספר... און נישט דערפאַר האָב איך אויפן רחמנות, וואָס ער האָט פּעטש באַקומען, — אַ פּאַטש אויף ד פּ פרן ווי־ץ איז קיי און שפּיי — און אפילו נישט דערפאַר, וואָס דער פּאַטשער איז געווען איינער פון די, וואָס לעבן פון „פּעטער שענקט אַ קערבל״, וואָרעם, וואָס איז דער חילוק, ווער עס פּאַטשט? נאָר דערפאַר, וואָס דער בחור האָט אַ הויכע נשמה מיט הויכע אידעאַלן און אַ קליינעם גוף מיט קורצע הענט! א יונגערמאַן אַ בחור, אַ ציוניכט — און איז אָרעמער פאַר אַ קאַץ, און האָט קיין נאָגל נישט צום דראַפּן פאַרן ערגסטן הונט, און האָט קיין צאָן אין מויל צו בייסן, און קיין פינגער נישט אין אַ באָרד אַריינצושטעקן...

און איך צעגיי פאַר רחמנות אויף זיינע חברים, וואָס האָבן זיך שבת־צו־נאכטס באלד נאָך הבדלה אַנידערגעזעצט קלאָג-לידער צו שרייבן און בעטן זיך ביי מיר, איך זאָל זיין דער ווידער־קול פון זייערע קלאָג-לידער... אַ רחמנות אויף יונגעלייט, וואָס ווען מען דארף העלפן, האָבן זיי פלינל, ווען מען דארף בר־יונהס, ווערן זיי קינה־זאָגער... א רחמנות אויף די ווערעמלעך, צי זיי לייכטן, צי זיי לייכטן נישט.

און איך האָב רחמנות אפילו אויפן שעדלעצער רב. „טשע־פעט אים נישט — שרייבט אַ שעדלעצער ווייגענדיק ווערמל — ער איז אונזער א ציוניסט!” נאָר אין דעם וואָסער קען איך אים, ליידער, נישט אָפּוואשן פון זיינע זינד! לאָז ער בעסער נישט זיין קיין ציוניסט, קיין נאציאָנאַליסט אפילו נישט, נאָר זאָל ער פון צייט צו צייט אַרויפגיין אויף דער בימה און אויס־טייטשן פארן עולם: לא־תרצח! זאָל ער זאָגן, אַז רצחנען קאָן מען, נישט דוקא מיט אַ מעסער, נישט דוקא מיט סם, אַז צונגע־מען קאָן מען די נשמה מיט אַ ווייך־שמייכלענדיקן ווערטל: ר' קרוב, שענקט אַ קערבל! זאָל ער ארויסנעמען, ווען מען דאַרף, די ספר־תורה און דעם שופר פון ארון-קודש, און עפענען די תורה, און ווייזן, וואו „לא־תרצח” שטייט, און בלאָזן אופן שופר, עס זאָל ציטערן דער רוצח!

עס איז מיר אַ רחמנות אויפן שעדלעצער רב... ער איז א למדן און ווייסט, אַז „ווער עס קאָן ווערן און ווערט נישט”, איז ערגער ווי דער, וואָס זינדיקט מיט אייגענע הענט! איך ווייס, אַז ער איז פרום, אמת פרום און ווייסט פאַר ווען אַ בשר־ודם, בפרט אַ רב מוז אָפּגעבן דין וחשבון! און וואָס וועט ער ענטפערן, אַז מען וועט אים פרעגן: שעדלעצער רב, איר האָט געלאָזט בלוט פאַרגיסן אין די גאַסן, און געשוויגן! שפיכת דמים געזען און קיין וואָרט נישט גערעדט! איר האָט געזען דעם גרעסטן חילול־השם און דאָס מויל נישט געעפנט! איר האָט אַ בימה געהאַט מוסר צו זאָגן, הערצער צו דערוועקן, אַ פונק יהדות אין פאַרפעצטע הערצער אויפצובלאָזן און איר האָט געדרשנט, און מיט גאוה אייער חריפות באַוויזן!

אַ ווילד רחמנות אויפן שעדלעצער רב!

און אַז איך דערמאָן מיך אָן נייעם רעגן פון די נייע צײַ־טונגען, קריג איך רחמנות אויף די יידישע ליטעראַטן; אין פלוג דאַכט זיך, וועט זיי גוט זיין... די „בלעטער" וועלן די נאַקעטע לײַבער באַדעקן; זיי וועלן מלבושים קריגן און אפשר מיט נאָז־טיכלעך אין די טאשן; זיי וועלן גאַנצע שטיוול באַקומען, און אפשר מיט קאַלאָשן אויף די שטיוול. און אַ דאַך איבערן קאָפּ וועט זיין, אויס נע־ונד אין די הייזער! און מען וועט זיך אָן „וויעטשערע" נישט לעגן. מען וועט יעדן טאָג נאָך אפשר אַ וואַרעם מיטאָג עסן; אפשר אָנבײַסן אויך! דאָס אַלץ איז אָבער פאַרן זינדיקן גוף, די נשמה אָבער וועט לײַדן! מען וועט זי אויף שטיקער צערײַסן, אויף אײנציקע פעדעם, שאַרפּיע וועט מען פון איר מאַכן! מען וועט נישט וואַרטן ביז זי וועט „אויסטראָגן און ווייען באַקומען און האָבן", „זיבעטלעך" וועט מען פון איר רייסן, מפּיל־קינדער אָפּטרײַבן מיט געוואַלט, און די נשמות וועלן אין קורצן קראַנקע עקרות בלייבן... די בוימעלעך אָן ערלה־יאָרן וועלן אָפּדאַרן... און עס וועט קיין אויבס און קיין בלומען נישט זיין, און עס וועט קיין זאַנג אויפן פעלד זיך נישט שאָקלען... און אַז דער ווינטער וועט קומען אויפן אָרעמען האַרץ און דער שניי וועט פאַלן אויף אַן אויסגעגעסענער נשמה און דער פראָסט וועט דורכנעמען די גלידער — וועלן דע־מאָלט די טרערן אין די אויגן ברענען, ווי פייער, און און עס וועט זיין א געקריצעריי מיט די ציין, ווי אין גהינום!

אַ רחמנות!

און אַז דער ווינטער איז דאָס יאָר אזוי פרי און אַזוי כלוצלינג געקומען און דער ווײַסער שניי ליגט אין די גאסן, און דער פראָסט מאָלט זיין „סעצעסיע" אויף די פענסטער, קריג איך אויך רחמנות... און רחמנות קריג איך אויף די דראָשקאַרסקע פערד, מיט ווייסע בערד און וואָנסן, וואָס ציטערן מיט די קרענ־געס פאר קעלט, און קאָנען נישט אויפהייבן די פאָדערשטע פיס, ווי זייערע באַלעבאַטים די הענט, און קלאַפּן און דערוואַרעמען זיך,

און אויף די בעלי־צדקה, וואָס פאַרזאָרגן יאָר ביי יאָר אָרעמע לייט מיט האָלץ צו קוילן, און האָבן זיך דאָס מאָל פאַרשפעטיקט און קיין געלט נישט צוזאַמענגענומען צו דער צייט, און קאָנען גאַנצע נעכט אין די וואַרעמע שטיבער אונטער פוכענע איבער־בעטן נישט צומאַכן קיין אויג, חיסנדיק, אַז זייער ב ר ו ד ע ר, דער אביון, פרירט, אַז זייער ש וו ע ס ט ע ר די אלמנה ציטערט פאַר קעלט; אַז די אָל פאַלט אַרויס פון אָרעמען שוסטערס און די שער פון אָרעמען שניידערס און די נאָדל פון דער אָרעמער נייטאָרינס פאַרשטאַרטער געשוואָלענער האַנט! — אַז די קליינע קינדער שווייגן און רופן אפילו קיין עסן נישט; זיי האָבן מורא די מיילער צו עפענען, און דעם פראָסט אין לייב אַריינצולאָזן! און זיי ליגן, די בעלי־צדקה, ביינאַכט און קלערן, וואָס וועט זיין אין דער שרעקלעכער שעה, ווען די נאַקעט־אויסגעטאָנענע נשמה, אָן פעלצן און איבערבעטן, וועט אַרויספליען און אַרויפקומען אין דער הייך, אָפצוגעבן דין־וחשבון פאַרן ריכטער פון דער גאַנצער וועלט, און מען וועט זי פרעגן: וואָס האָסטו געטאָן, ווען דער פראָסט מיטן ווינט האָבן אַרומגעהוליעט אין דיין ברו־דערס דירה, אין דיין שוועסטערס סוטערינע, און פאַרקאָוועט זיי די פענסטער, מיט די לייבער, מיט די נשמות?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נישט נאָר אויף בעלי־צדקה, אַפילו אַזוי איך באַלע־באַטים האָב איך אויך רחמנות:

עס איז אַ שלעכטע צייט אַפילו פאַר באַלעבאַטים!

ווי ב ל יי ע ר ן אַ באַלעבאַטישע נשמה זאָל נישט זיין, ווי אַסעקורירט אַ באַלעבאַטישער מוח זאָל נישט זיין פאַר אַ בראַנד פון אַ נייע אידעע, — איז דאָך לא ימלט, עס זאָל זיך אים אַ פונק יהדות נישט אַריינכאַפן, אַ בליץ זאָל זיך נישט אַמאָל אַריינרייסן אין אַ באַלעבאַטישן קלייען־זאַק... אַ באַלעבאָס זאָל זיך, היינטיקע צייטן — נישט אַמאָל, כאָטש איין מאָל אין יאָר אָפשטעלן און זיך אַליין אַ פרעג טון: וואָס? נאָך וואָס?

נאָך וואָס האָט ער קינדער געהאַט, וואָס דאַנקען איבער נישט פאַרן לעבן, וואָס האָט ער זיי געשענקט? נאָך וואָס האָט

ער זיי ערצייגן, אז זיי זענען זיך צעלאָפן אויף אלערליי וועגן. גאָר אויף זיין וועג קיין טריט נישט געמאַכט? נאָך וואָס האָט ער דאָ אָן ארט פאַרנומען, אַז אויף זיין אָרט האבן הונדערטער בעסערע און ערלעכערע פאַר אים געוואַרט? און מיט וואָס זאָל ער זיך טרייסטן? מיטן ביסל מצוות און מעשים-טובים? צי פאַלט אים קיינמאָל נישט איין, אַז עס איז גאַנץ מעגלעך, אז ער האָט פאַלשע מטבעות געזאַמלט, אָפּגעליישטע זינד פאַר מצוות גע־האלטן און זיי וועלן אים נישט אויסלייזן, נישט אויסקויפן אין טאָג, צי אין דער נאַכט, ווען עס וועט קומען צו דין־וחשבון!

אַ רחמנות אויף באַלעבאַטים אויך, בפרט אויף וואַרשעווער באלעבאַטים פאַר די „וויבאָרן" אויף נייע דאָזאָרעס, נאָר זאָל דאָס שוין זיין אונטערן שטראָך; לאָזט אָפּאָטעמען...

— — — — — — — — — — — — —

וואַרשעווער „וויבאָרן" זענען הייסע „וויבאָרן"... עס נעמט צו דאָס לעבן ביי אַ באַלעבאָס... ער מוז אָפּגעבן דין־וחשבון און דאָס איז שווער פאַר אַ באַלעבאָס, ווען ער מוז אַפילו טון פאַר זיך אַליין! און בכלל „אויסקלייבן" איז היינטיקע צייטן נישט אַזוי לייכט! און דאָך איז עס אַמאָל אַזוי קלאָר, אזוי איינפאַך גע־ווען! אַפילו אין דעם פאַך האָט אויך אַ פאַרצייט־שער באלעבאָס מניחה געהאט! אויסצוקלויבן אַ „דאָזאָרצע" (פון פוילן רעד איך) איז געווען א האָר פון דער מילך אַרויסצוציען!

וועמען קלייבט מען? דעם ערגסטן!

וואָרים — ווער דאַרף דעם ראש-הקהל?

אַ רב איז פאַראַן שאלות צו פסקענען; די ישיבה פירט אויך דער דב, תלמוד-תורה פאַרזאָרגט ער אויך. אין חברה ש"ס זיצט ער אויבן־אָן און לערנט... באַלעבאַטים זענען פאַראַן, האָבן זיי בריהשע ווייבער אין די קלייטן, אין די שענק און אין איינ־פאָר־ און גאסט-הייזער! און זיי, די מענער, האָבן צייט צו קהל־זאַכן — צו מצוות און מעשים טובים! זיי פירן די שולן און די בתי־מדרשים, זיי זענען די גבאים אין דער חברה-קדישא, האַלטן אויף דעם הייליקן אָרט, מיטן באָד, מיט דער מקוה, מיטן הקדש, מיטן הכנסת־אורחים-הויז — אַלץ, אַלץ און צעטיילן זיך מיט

אַלע קהלשע אַרבעטן און קהלשע כבודים... און ער אליין נעמט אויך אַ חלק!

אַ ראש הקהל האָט מען באַדאַרפט פאַר זיי, פאַר די „פּריצים", וואָס האָבן צו שאַפן!... ביי וועלכע מען איז אין גלות!

די פריצים האָבן פון איינצעלנע יידן נישט געוואָלט וויסן, נאָר קהלות! אַלע שטייערן, אָפּצאָלן און אָפּגאָבן האָט מען מיט אַמאָל אויף קהל געלעגט, אַ סומע, ווי אויף איין מענטש... און צווישן זיך האָט מען ערשט די סומע אויף קעפּ צעטיילט!

גרויסע העכט, נאַטירליך, האָבן זיך אין דער נעץ פון שטייער נ י ש ט געלאָזט פאַנגען, די תקיפים האָט דער שטריק נישט געוואָרגן; די פּרעס, בלוט אויסצוזויגן, האָט מען צוגעלעגט צום שוואַכן, צום אָרעמען! און צו דעם האָט מען דעם ראש־הקהל באַדאַרפט!

ראש-הקהל האָט געמוזט זיין דער, וואָס האָט געקאָנט ארומגיין מיט די שמשים פון איין אָרעם הויז צום צווייטן, און אויפמאָנען, און אויסדריקן, און אויספּרעסן דעם שטייער! דער, וואָס האָט געקאָנט האַרץ האָבן אוועקצונעמען די בענטש-לייכטער ביים אָפּגעקומענעם באַלעבאָס, צוצונעמען די לעצטע ציג ביי דער אלמנה, אַראָפּציען דאָס מלבוש פון דער עגונהס לייב, אַפילו נעמען דאָס קישן פון אונטער אַ קראַנקן קאָפּ, פאַנטירן די כלים צו דעם אַרבעט ביים בעל מלאכה און אלץ אַרויספירן אין מאַרק אריין און פאַרקויפן!

אַ ראש-הקהל האָט געמוזט טראָגן מער ברענענדיקע קללות אויפן קאָפּ, ווי האָר און באָרד און פאות! און איינזאַפּן אין דער נשמה, מער זידנדיקע טרערן, ווי טראָפּן וואַסער אין שטאָט-ברונען! און האָבן ווייניקער געוויסן פאַר דער ערגסטער חיה־רעה אין וואַלד!... ראש-הקהל איז ביי אונז „רחמנים בני רחמנים" געווען דער, וואָס וואָלט ביי ז י י שינדער, קוילער צי הונטשלעגער געווען!

דערנאָך האָט דער ראש-הקהל באַקומען נאָך אַ בריליאַנט צו דער קרוין אויפן קאָפּ! נאָך איין קהלשן עסק האָט ער געהאַט צו פאַרזאָרגן — אָפּגעבן זעלנער פאַר דער קהלה.

שטייער נעמט מען פֿאַנק און פֿון בייטאָג; זעלבער נעמען אזוי געפּערלעכער, דאָס מוז מען שוין טון שטילערהייט און שטילע נאַכט.. ווי די וועלף אין א הונגעריקערווינטער-נאַכט, שלייכט זיך דער ראש־הקהל צו די שטילע הייזלעך און די שטילע הינטער־געסלעך, און נאָך אים גייען שמשים און פּאָליציי... ער קומט צו צו אַ פֿאַרשלאָפֿענעם הייזל און קלאַפּט אָן... מען עפֿנט און פֿון אונטערן ראש־הקהלס קאַפּטאַן באַווייזט זיך אַ לאַמטערנדל...

און חאָז דער ראש־הקהל האָט אָנגעקלאַפּט, ווייסט מען זיך שוין יאָרן-לאַנג אין די קעפּ אַרייַנקלאַפּן.. וואו זיין לאַמטערנדל האָט אַ שיין געוואָרפֿן, וועלן שוין זיין פֿינסטערע יאָרן און פֿינסטערע טעג, וואו זיין קול האָט זיך געהערט, וועט מען שוין וויינען און קלאָגן יאָרן לאַנג, דאָס לעבן לאַנג...

ווער קאָן זיין ראש־הקהל? דער, וואָס קאָן אויסרייסן א קינד פֿון דער מוטערס שויס און פֿאַרקאַווען און פֿאַרשיקן אויף די גרויסע פּרעסט, צו דער ברענענדיקער רוט, צום טרפֿהנעם טעפּל, צו דער שמד..

אָבער ווּעמען צו קלייבן האָט מען געוואוסט!..

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די מויערן פֿון געטאָ — נאָרדוי — קינדער, ווייַנט! — די „קינאָ" — די יידישע תּפֿיסה פֿאַלט אַדער בלייבט שטיין לער..

דער ראש־הקהל פֿאַרלירט די ברענענדיקע דערנער־קרוין פֿון קאָפּ: שטייער צאָלט יעדער באַזונדער, צום מיליטער שטעלט מען זיך צו דער צייט, און מען גייט על־פּי גורל... פֿון דער בייטש און דער פֿרעמדער האַנט איז קוים אַ ריטל געבליבן, קינדער צו שרעקן...

מען דאַרף שוין קיין אכזר נישט, קיין מערדער נישט. דער ראש־הקהל מעג האָבן אַ לויט האַרץ און גאָט אין האַרץ, אַ פֿינק יהדות איז שוין נישט קיין געפֿאַר! ער חעט שוין קיין זעלבער נישט כאַפּן, קיין שטייער נישט אויסברעסן, עס גייט נאָר וועגן „עטאַט", וועגן אַ קליינע סומע אויף שטאָט-זאַכן, אויף יידישע קהל-זאַכן.

אָבער אַ בזוי מוז ער זיין!

דער בורמישטש מוז האָבן וועמען אָנצוכאַפּן, ווי אַ צאַפּ ביי דער באָרד, און אויסקערן מיט אים דעם מאַגיסטראַט, צי דעם מאַרק... דער שרייבער, נאָך אַ ביטערן טראָפּן, מוז האָבן וועמען „ליכטלעך אונטער די אויגן" צו שטעלן... דער פּאָליציי, וואָס איז על־פּי־רוב, אינאײנוועגס דער שבת־גוי, האָט אין דער וואָכן חשק צו יידישע פּאות!... און די בורמישטשאָווע דאַרף אַ ייד ביי דער האַנט אויף שליחות, און די דינסט אירע דאַרף אויך אַמאָל אַ „משולח" אויף אַ גאַנג — און דאָס אַלץ (ווייניקסטנס אויף דער פּראָווינץ) מוז דער ראש־הקהל פאַרזאָרגן!...

און דער באַלעבאָס ווייסט ווייטער וועמען צו קלייבן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צייטן בייטן זיך...

דער אדון פון מאגיסטראַט איז אַנדערש, מענטשלעכער געוואָרן... דאָס הארץ האָט זיך אים אפשר נישט שטאַרק איבערגעקערט, נאָר געבאַשט פון „אייראָפּע" האָט ער שוין... דאָס התנהגות איז אנדערש. „פּאַניע מאָשקו!" הייסט עס שוין, ער בעט אַמאָל אַפילו זיצן, דערלאַנגט אַמאָל די יד... אַ ראש־הקהל ווערט אַ שטיקל מענטש, א שטיקל קרוב־למלכות, קאָן אַמאָל אַ יידן אַפילו אַ טובה טון, אָפּבעטן... עפּעס פאַרשמירן!

קיין בזוי קאָן ער שוין נישט זיין, נאָר — שרייבן קאָנען, חתמנען זיך קאָנען דאָס טאָר ער בשום אופן נישט!

גאָט ווייסט, וואָס ער וועט אונטערשרייבן, וואָס פאַר אַ חשבונות, וואָס פאַר אַ התחייבות... צו דעם מוז זיין אן אַסיפה פון באַלעבאַטים!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צייטן אָבער בייטן זיך און דער ראש־הקהל וואַקסט, בשעת ווען אַלץ אַרום אים פאַלט...

דער רב איז געפאַלן... די ישיבות פאַרמאַכט, די בתי־מדרשים לער... ער ווערט אַ מענטש: ער לערנט זיך אַביסל צורת־מטבע, אַביסל רוסיש, שרייבט קוויטלעך פאַר נולדים ונפטרים לויפט אויף אַלע בריתן און חתונות, לויפט אַרום אָפּנעמען שבועות, אַ רובל פאַר אַ שבועה (פון וואַרשע רעד איך) און לייגט מער

געוויכט אויפן געהאלט און רח״ש און ביי־זאַכן, ווי אויף תורה און יראת־שמים... העכסטנס האָט ער די „יאַטקע״ אין זין... דער גלאַנץ פון שטריימל גייט איבער צום ראש־הקהלס קאפעליוש... די אַלטע בכבודע באַלעבאַטים, די למדנים, די חברה־ש״סניקעס, די חברה־קדישא־מעד־טרינקער, די עליות־פּרעסער שטאַרבן אויס, און אַלע חברות, און אַלע קהלשע אַנשטאַלטן פאַלן דעם ראש־הקהל אין דער האַנט אַריין — אַרום און ארום פאַרנומענע מענטשן: באַנקירן, פאַבריאַדטשיקעס, פאַבריקאַנטן, גרויס־הענדלער, דאָקטוירים, אינזשעניערן, יוריסטן... אַ דאגה!... יעדער האָט זיינס אין זין — און דער ראש־הקהל מוז אַלע פאַרזאָרגן! עס ווערט אַ כבוד אַ ממשלה, טיילמאָל אַ פעטער ביסן...

און אַז עס קומט פאַר אַ קלפּי, בין איך דעם שטרוי־זאַק, דעם בייכיקן באַלעבאָס נישט מקנא! האָב איך אויף אים רחמנות, ער מוז קלערן, ער מוז, נעבעך, זיך מישב זיין, עפּעס אין זין האָבן... און טיילמאָל מוז ער זיך נאָך אונטערצינדן. אויפפלאַמען... און עס איז גאָר זיין טבע נישט, זיין שטייגער נישט... גאָט ווייסט, וויפיל געכט ער וועט דערנאָך נישט שלאָפן, וואָס דער דאָקטאָר וועט אים נישט פאַרשרייבן, וואוהין ער וועט אים נישט שיקן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַמאָל אָבער טרעפט און אַ באַלעבאָס האָט אַ מערכה! ביי מיינעם אַ באַקאַנטן האָט עס געטראָפן!

ער האָט אַ ווילדע מערכה געהאַט

איזן איז ער, בטבע, אַ קראַנקער; אויף די נירן ליידט ער. דענעוויירן זיך איז פאַר אים סם, און פון נאטור איז ער אַ שווע־רער מענש. אַ געדאַנק צום מח קריכט ביי אים וואָכן־לאַנג, ווי אַ פויל־טיר אויף אַ בוים אַרויף!... און דאָ איז פאַר דער קלפּי, און מענטשן קומען און רייסן פון אים די הויט!...

און וואָס זאָל ער, נעבעך, טון? דעם באַנקיר דעם און דעם קאָן ער נישט אָפּזאָגן; דער באַנקיר איז אַ גאַנצער מאַכער אין דער באַנק און קאָן אים שטערן דעם קרעדיט. און דעם באַנקירס קעגן־צד איז א מלוה און האָט זיינע וועקסלען!... און דער זון

זיינער אַרבעט בײַ אַ פּאָדריאַדטשיק אין קאַנטאָר, ווײַל דער בײַ־
אים דאָס קוויטל! און דערווײַל קומט גאָר אַ חסידישער לײַטישער
מענטש און שרײַט געוואַלט: מען מוז אויסקלויבן אַ פֿרומען ייִד!
עס איז קיין השגחה אויף די יאַטקעס און — אויף תּלמוד־תּורה
אַ שפּאַס — טריפֿה פֿלייש צי דקדוק! לאָז אַריין די דײַטשן,
אַפֿילו די ציוניסטן, איז מען מיטן לעבן נישט זיכער! און מײַן
באַלעבאָס איז באמת פֿרום! דער קרעדיט אין באַנק דערהאַלט
אים בײַם לעבן, די וועקסלען קאָנען אים דערשטיקן, נאָר אַ פֿרום
ייִדישע נשמה האָט ער אויך! ווי פֿאַרקויפֿט מען עס די נשמה?
אַ שפּאַס דקדוק, נישט גלאַט־כּשר פֿלייש! און נאָכן חסיד פֿאַלט
אַריין טאַקע אַ ציוניסט, און מײַן באַלעבאָס האָט אַ גאַנצן קריוו,
אַ מזרחישן רב... און דער רב האָט אַ בריוו געשריבן: היות, מען
מוז אײַננעמען די קהלות! ער שרײַבט: אַ מצווה! און קוים גייט
דער אַרויס, קומט אַריין אַ דײַטש מיט וואָנסעלעך און שרעקט אים
איבער צום טויט! קלויבט מען, חס־ושלום, אויס אַ ציוניסט, איז
סכּנות־נפֿשות! שוויענטאָכאָווסקי שטייט און שאַרפֿט אַ מעסער און
גייט ייִדן שעכטן! בלוט וועט רינען אין די גאַסן!

און דער זיבעטער שווייס באַדעקט מײַן שטרוי־זאַק, מײַן
באַקאַנטן באַלעבאָס! ער ציטערט אויפֿן גאַנצן לײַב, ווי אַ דראָ־
קאַרסקע פֿערד אויפֿן פּראָסט! און סאַפּעט, ווי אַ בעל־צדקה, וואָס
האָט זיך מיט די קוילן פֿאַר אָרעמע לײַט פֿאַרשפּעטיקט! און דער
קאָפּ, דער אָרעמער הויבט אָן אַרבעטן, ווי אַ ליטעראַט פֿאַר פֿיר
און צוואָנציק בייִע בלעטער! איינער וואָלט געפּלאַצט, ווען נישט
די מערכה!

אַ מערכת, וואָס ער האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט... און פּלו־
צים. קוים האָט ער זיך דערמאָנט, איז ער אונטערגעשפּרונגען פֿאַר
פֿרייד, און אַ טענצל געכאַפּט איבער דער שטוב: פּטור, פּטור, פּטור!

און דערמאָנט האָט ער זיך ערשט, אַז ער האָט שוין אַ יאָר
זעקס קיין עטאַט נישט געצאָלט, אַז ער קלויבט גאָרנישט, אַז ער
וועט גאָר קיין קוויטל נישט באַקומען... אומזיסטע שרעק געווען!

זוכצעטל

פון אַלע פּרצס ווערק אין די 18 בענדער *).

אַ.

	בּאַנד	זייט
אַ בּיסל נאַטור־געשיכטע (אַ סצענע)	XV	309
אָבער דאַוונען מוז מען דאָך	XV	72
אַבּרהם רייזען	XVI	76
אַ בּריוו	XVII	70
אַ בּריוו אויס וואַרשע	VIII	184
אַ גאַנץ יאָר שיכּור — פּורים ניכטער	I	149
אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ריימען געשמידט (ליד)	X	15
אַ גלגול פון אַ ניגון	V	114
אַ גרוס פון טאַטן (קינדער־ליד)	XIV	215
אַ וויכּוח	XI	215
אַ וויכטיק געשעעניש	XI	168
אַ וועלט מיט וועלטעלעך	XVI	222
איִיב נישט נאָך העכער	V	134
אוי, אוי, אוי (קינדער־ליד)	XIV	123

*) די אָנגעגעבענע ציפערן זיינען לויט אונזער לעצטער אויפלאַגע פון פּרצעס ווערק. אין די פריערדיקע אויפלאַגע. זיינען אייניקע זאַכן געווען אָפּגעדרוקט מיט עטלעכע זייטן פריער אָדער שפּעטער.

	באנד	זייט
אויגן און ליפּלעך (ליד)	X	44
אוי, דלות, דלות!	XV	137
אויף אַ סדר־נאַכט	XI	198
אויף אַ פּעליעטאָן	XVII	145
אויף אַ קרבן (אַ מעשה)	XV	221
אוי מיין טאָכטערשי, אוי טאָכטער־קרוין (ליד)	XIV	11
אוי מיין לעבן הענגט (ליד)	XIV	9
אויספּאַרקויפט (אַ שפּאַס)	X	39
אויף אַ זומער־וואוינונג	II	192
אויף אַ מיטינג	VIII	211
אויף די גרינע צווייגעלעך (קינדער־ליד)	XIV	124
אויף דיין באַלקאָן (ליד)	X	9
אויף דער גרענעץ	II	190
אויף דער פרישער לופט	IX	32
איופהייבנדיק דאָס געפאַלענע קינד (קינדער־ליד)	XIV	116
אויפן געלעגער	X	255
אויפן פערדל פאַרן שלאָף (קינדער־ליד)	XIV	118
אויפן גרינעם בערגעלע (קינדער־ליד)	XIV	132
און אַז מען קומט צוריק	XVII	23
אונזער „אַנטראַג“	XI	118
אונזער דאַנקבאַרקייט	XI	225
אונזער טרייסט	XVII	173
אַז מען זאָגט: משוגע, גלויב!	V	24
אַ חלום	VI	211
אַ חלום פון אַ ליטווישן מלמד	X	261
אַ חנוכה־לעמפל	IX	163

	באנד	זייט
אַ טאָג מיט אַ נאַכט (קינדער־ליד)	XIV	144
אַ טעאַטער איז די וועלט (ליד)	X	51
אַ טרער (ליד)	X	16
איבער אַ שמעק־טאַבאַק (הומאָרעסקע)	II	29
איבער שרפות	VIII	43
אַ יונגן שרייבערס חנופה	II	98
איז עס אמת?	XI	150
אייזיקל שוחט	VII	126
אַ ייִנגעלע	VII	43
איכה	XIII	1
איך גיי אַרום אין פרעמדן וואַלד (ליד)	X	188
איך האָב געוואָלט זי שטודירן (ליד)	X	41
איך זאָג מיך אָפּ	XI	50
אין אייראָפּע און ביי אונז אינטערן אויוון	VIII	238
אין געמויזעכטס	VI	5
אין דול־הויז	XV	101
אין דער שטילער נאַכט (ליד)	X	18
אין וואָס איז אייער הילף	XVI	156
אין חדר אַריין, שקצים	VII	185
אין מיין ווינקעלע	XVII	33
"	XVII	37
"	XVII	68
אין סקווער (סצענע)	IV	197
אין פּאַלייש איך דער קיט (אַ חלום פון אַ קלויזניק)	III	1
„אין פּאָלק אַריין“	XVI	49
אין פּאָסט־וואָגן	IV	96

	באנד	זייט
אין קאַמף	XVII	10
אין קבר (באַלאַדע)	X	32
אין קעלער=שטוב (אַ בילד)	IV	176
אין שוחטס הויז	VII	63
אינם פרישן גרינעם מאַי (קינדער=ליד)	XIV	153
אַך מיין נשמה (ליד)	X	53
אַ כעס פון אַ יידענע	IV	23
אַך, פאַרוואָס האָסטו גאָט	X	64
אלהי עד שלא נוצרתי	VIII	106
אַלטוואַרג און אַלטערטימלעכקייטן	XVII	40
אַלטוואַרג, דערציילט פון אַ פורים=רב	I	134
אַ ליבע (פאָעמע)	IV	212
אליהו הנביא (קינדער=ליד)	XIV	125
אַ ליטעראַטור=סצענע	X	179
אַלף, בית, גימל (קינדער=ליד)	XIV	139
אַמאָל (ליד)	X	110
אַמאָל איז געווען אַ מלך (קאָמעדיע)	III	5
אמת און שקר (ליד)	X	48
אָן אַ דור (לויט היינע)	X	68
אַן אומבאַקאַנטע	IX	160
אַן איבערקערעניש (ליד)	X	37
אַ נאַכט (ליד)	X	29
אַן אַלטע געשיכטע	XVII	58
אַן אָפּקומעניש	I	25
אַן אָקס אַ יונגער, גייט ראַפּטום אין שטאַל	X	66
אָן הרטה, אָן טענית	XI	159

	באַנד	זייט
אַנטפּלעקט	V	293
אַ נייער נצחון	XIV	3
אָן מזל	IV	167
אָן נדן איז ערגער ווי פּאָקן	XV	173
אַנעקדאָטן=חן	XVI	206
אַסעקורירט	VII	71
אַ סצענע (אויס היינע)	X	176
אסתּר	XIII	1
אַ פּאַרשטערטער שבּת (הומאָרעסקע)	II	16
אַ פיינער הופּט (קינדער-ליד)	XIV	130
אַפּן	XV	107
אַ פּראַגע	XV	259
אַ פּרימאָרגן (איינאַקטער)	XV	277
א. קאָטיקס עט א. ברעסלערס אויסגאַבּן	XVI	227
אַ קאַפּיטל תהילים, אָדער יוחנן וואַסער=טרעגער און דער „אורח=חיים"	I	104
אַ קברות=נאַכט (נערוון-שפּיל)	III	65
אַקדמות	XIII	1
אַ קלעזמער=טויט	XV	209
אַ קעלבערנער קל וחומר	VI	9
אַ קשיא אויף יענע לייט	VII	215
אַראָפּגעלאָזטע אויגן	I	50
אַרבּעט (קינדער-לידער)	XIV	163
אַרגענטינע און איר רעצענזענט	XVI	212
אַ רוח [ס'איז ווי אַ וויכּוח]	VIII	79
אַ רופא צו אַ חולה	VI	219

	באנד	זייט
אַ רייזע אין דער צייט	II	285
אַש	XVI	96
אַ שמועס	V	148
אַ שמועס מיטן גאָזשמאַן	VI	225
אַ תּפילה (ליד)	XIV	16

ב.

באַיקאָט	XI	156
באַלאַגערונג (קינדער־שפּיל)	XIV	154
באַל־שפּיל (קינדער־ליד)	XIV	145
באַנייט אַ תּליה	XV	226
באַנציע שוויג	VI	118
בטחון	VI	7
ביי די פּרעש צו גאַסט	VI	178
ביי דעם פּרעמדן חופּה־קלייד (אַ סצענע)	X	131
ביים גוסס צוקאָפּנס	I	5
ביימער	VI	42
ביימער און מענטשן	XI	162
ביים פּאַקיר	II	245
ביים קראַנקן קינד (קינדער־ליד)	XIV	137
בײנאַכט אויפן אַלטן מאַרק (אַ טרוים פון אַ פיבער־נאַכט)	III	1
בילדונג	XVII	94
בלאַנקעטן	VII	87
בלאָף	XI	136
בעלעכל, בעלעכל (קינדער־ליד)	XIV	146
בענקשאַפט און טרויער (ליד)	XIV	31

	באנד	זייט
בעקן־ברויט (קינדער־ליד)	XIV	157
בערל דער שניידער	V	272
ברידער (ליד)	X	49
ברייטעלע (קינדער־ליד)	XIV	110
בשעת מגפה	VII	149

ג.

גוט זאָגט (ליד)	X	69
גאָטס חסד (ליד)	XIV	18
גאָרקיס „אויפן לעצטן שטאַפּל"	XVI	142
גוטע פריינד	VIII	122
גיי נישט מיט מיר	IV	220
גם זו לטובה	XI	258
געבליט האָב'מיר ביידע אַמאָל (ליד)	XIV	12
געדאַנקען איבער ליטעראַטור	VIII	249
געדאַנקען אין דער וועלט אַריין	XI	42
געליבטער, טייערער חתן (ליד)	XIV	10

ד.

דאָס אָרעמע יינגל	II	233
דאָס גלעזל	IX	106
דאָס געבעט [נאָכאַמונג] (ליד)	X	127
דאָס געבעט פון שעפעלע (ליד)	X	73
דאָס גערטל (קינדער־ליד)	XIV	172
דאָס הינטעלע (קינדער־ליד)	XIV	176
דאָס הענטל (קינדער־ליד)	XIV	120

	באַנד	זייט
דאָס וואַסערל	VII	98
דאָס זיבעטע בענטש־ליכטל (בילד)	II	25
דאָס חנוכּה־ליכטל	II	82
דאָס יאָר (ליד)	II	6
דאָס יידישע לעבן לויטן יידישן פאָלקס־ליד	XVI	26
דאָס לעצטע וואָרט דער וואַרשעווער אַסימילאַציע	XI	26
דאָס מייזל און וואַסערמיל (קינדער־ליד)	XIV	201
דאָס נייע וויגן־ליד	X	60
דאָס פאַרטוך	X	227
דאָס פּראָבלעם	VII	216
דאָס קראַנקע יינגל (מאָנאָלאָג)	VI	66
דאָס שטריימל	VI	130
ד״ר נוסבוים	XI	188
דוד אין דער מדבר	XVI	124
דוד פינסקי („פאַמיליע צבי“)	XVI	81
די אויגן זיינען טרוקן (ליד)	XIV	11
די אַכטע אָפּטיילונג אין גיהנום	VI	196
די אַלמנה	IV	116
די באָבע יאַכנע	VIII	94
די בין (קינדער־ליד)	XIV	183
די גאָלדענע קייט (אַ חסידישע פאַמיליען־דראַמע)	III	1
די געלע פּרעסע	XVI	54
די היטערין פון הייליקן פייער אין טעמפּל	IX	127
די ווילדע בריאה	VI	74
די ווינט־מיל (קינדער־ליד)	XIV	176
די וועש (קינדער־ליד)	XIV	164

	באנד	זייט
די טייטע שטאָט	VI	104
די ירושה (אָנשטאָט אַ פאָרעדע)	IX	5
די לבנה דערציילט	VI	83
די לוויה	VIII	74
די לוריעס	XVI	109
די לעזערין (בילד)	II	15
די מוטער	XVI	119
די נאַכט (ליד)	X	28
די נאַכט־וועכטער (ליד)	X	58
די נייע באַוועגונג	VIII	134
די סוכּה (קינדער־ליד)	XIV	168
די סקולער רביצין	VII	67
די ערשטע פּרוּוו	VII	55
די עשרת הדברות	XVII	180
די פאַרשטויסענע	II	186
די פראַגע	XI	108
די „פּראַוודאַ“	XI	147
די פרויען־פראַגע	XVI	163
די פרומע קאַין	VI	21
די צווייטע פּרוּוו	VII	60
די צייט (ליד)	II	5
די קללה	V	247
די קראַנקע נערוון	VIII	112
די רייז	VI	94
„די שטים פון יידישן פאָלק“	XVI	277
די שרפה און נאָך דער שרפה	VI	234

	באנד	זייט
די תאווה צו קליידער	I	42
דעם לייבס לוויה (ליד)	X	92
דעם רבינס ציביק	V	91
דער איסלענדישער פויגל	II	260
דער אוצר	I	133
דער אייביקער פרידן אין ערגעץ־לאַנד	IX	90
דער אינדיק און די הענער (קינדער־ליד)	XIV	197
דער אַלטער ר' שמעון	II	55
דער אַרענדאַר	IX	8
דער באָרד	XV	239
דער בילד־הויער	IX	117
דער בעכער (פון פרוג)	X	174
דער בעל־עגלה (באָעמע)	II	200
דער בעל־שם פירט אויס אַ שידוך	XV	114
דער בריליאַנט	XV	98
דער גולם	VI	40
דער געטער־געשמאַק (ליד)	XIV	15
דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער	XVI	7
דער דין־תורה	VI	25
דער דין־תורה מיטן ווינט (דריי קיכלעך)	X	245
דער דראָנג	VII	200
דער הימל טריפט (קינדער־ליד)	XIV	111
דער הינטישער סדר	I	92
דער וואַרשעווער יידישער קאַלענדאַר	XVI	173
דער וויכוח	VI	152
דער זיווג אָדער שרה בת טובים	IV	255

	באנד	זייט
דער חלום (בילד)	II	48
דער חשוב ביים קאַנאָניק	XV	195
דער טאָג	VIII	146
דער טאַטע איינס (קינדער־ליד)	XIV	139
דער טישיוויצער רב	VII	27
דער טענענבוים אָדער די שבועה (קינדער־ליד)	XIV	213
דער יאַרצעווער רב	VII	47
דער יידישער האַנדלס־קאַלענדאַר	XVI	208
דער יידישער פעלך־אַרבעטער	XVI	217
דער יידישער קוועסטאַר (ליד)	X	165
דער יעגער (קינדער־ליד)	XIV	167
דער יתומהלעס בריוועלע	XIV	216
דער יתום (ליד)	X	42
דער בעלמער מלמד	V	48
דער למד־וואָווניק	VII	89
דער לעבנס־פּראָצעס	XI	239
דער ליך	XVII	118
דער מלאך	IX	85
דער מסור	VII	93
דער משוגע	VII	84
דער משוגענער בטלן	V	35
דער משולח	VI	239
דער משכיל	VII	23
דער נביא (ליד)	XIV	23
דער נדבן	VII	197
דער נייער ניגון	V	21

	באנד	זייט
דער נשרף	VII	76
דער סטאָלער (קינדער־ליד)	XIV	164
דער סימן	II	206
דער סינטעז	XVII	14
דער סנדק	XI	239
דער סקולפּטאָר (קינדער־ליד)	XIV	163
דער עונש	V	257
דער עמיגראַנט	VII	81
דער עפּל (מאָנאָלאָג)	XV	214
דער פּאָעט (ליד)	X	45
דער פּאַקט און די פּרעסע	VIII	82
דער פאַרשאָלטענער בּרונען	XV	7
דער פויגל (קינדער־ליד)	XIV	184
דער פירפאַרביקער לאַמטערן און די פיר קליינע הינ־טעלעך	IX	120
דער פעטער שכנא און די מומע יאַכנע	IV	5
דער פראָש (קינדער־לידער)	XIV	195
דער פרוש מיטן בער	VI	190
דער קאָלאָניסט	IX	131
דער קדוש	VI	230
דער קונצנמאַכער	I	80
דער קרבן	IX	44
דער רייטערמאַן (קינדער־ליד)	XIV	121
דער שיפער (קינדער־ליד)	XIV	171
דער שבת־גוי	IX	49
דער שטראַל (מעשׂהלעך)	IV	224

	באנד	זייט
דער שמיד (קינדער-ליד)	XIV	166
דער שפּילער (אַ מעשהלע)	II	151
דער תּענית (בּילד)!	II	39
דריי ווייבער (קינדער-ליד)	XIV	123
דריי ווייסע גענז (קינדער-ליד)	XIV	114
דריי תּופֿות	I	200
דריי מאָל געוופֿן	II	271
דריי מתּנות	I	13
דריי נייטאָרינס (ליד)	X	123
דריי קיכלעך	X	243
דרשה-געשאַנק	XV	114

ה.

האַלט ס׳מויל	II	232
האָסט געצילט און האָסט געטראָפֿן (ליד)	X	20
האָף און גלויב (ליד)	X	26
האָפֿנונג און שרעק	VIII	226
האַרף: ספר לכל נפש ולכל בית-ישׂראל	XVI	169
האשה מרת חנה	IV	30
הורמוז און אַחרימון	VI	146
הינערשע חלומות	VI	33
הכנסת כּלה	V	3
הנרות הללו	II	79
הערט	VI	11
השגחה פּרטות (ליד)	XIV	19
התגלות אָדער די מעשה פֿון ציגנבאָק	V	185

טיַז	באַנד	
193	XIV	וואו דאָס מייזל וואוינט (קינדער־ליד)
11	X	וואו ס׳וועט מיין מזל (ליד)
143	XIV	וואָס איז שווערער (קינדער־ליד)
189	X	וואָס איך וויל פון דיר? (ליד)
25	III	וואָס אין פידעלע שטעקט (טעאַטער־שטיק)
235	V	וואָס אַמאָל וויניקער
63	X	וואָס געגאַרט איר בלאַנקע בליצן (ליד)
13	VII	וואָס דאַרף אַ יידענע
39	XI	והידים ידי עשו
73	IV	וואָס הייסט „נשמה“
140	XVII	וואָס הערט זיך?
112	XVII	וואָס ווילן מיר
72	II	וואָס זאָל איך וועלן
125	X	וואָס טראַכטן און קלערן [נאָכאַמונג] (ליד)
191	IX	וואָס מתים פאַרציילן
71	X	וואָס פאַר אַ מין חיה (ליד)
53	XI	וואָס פעלט אונזער ליטעראַטור
238	VII	ווי אַזוי אַ פרוש איז געוואָרן אויס פרוש
183	XV	ווי אַזוי די וואַלד־ישיבה איז בטל געוואָרן
174	XIV	ווינטער־אָוונטן (קינדער־ליד)
136	XIV	ווינטער־צייט (קינדער־ליד)
186	XVII	וויכן, אידעען און „איזמען“
143	XIV	וויפל טעג (קינדער־ליד)
21	XV	וועבער־ליבע (ערציילונג אין בריוו)
230	XV	וועגן אַ שוימער, אַ דאַך־באַשלעגער און אַ פאָרצעליין מיידעלע

	באנד	זייט
וועגן געשיכטע (הומאָרעסקע)	VI	169
וועגן דעם „בוך פון פייער"	XVI	284
וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט	XI	65
וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט:	XVII	78
די געבאַר	"	78
חומש מיט רש"י	"	81
דער ערשטער וועג	"	85
די פאַרפרעמדטע אינטעליגענץ	"	90
וועגן יידישער חוצפה	VII	48
וועגן ישוב ארץ-ישראל	XVI	180
וועגן מילה-סקאַנדאַל	XI	275
וועגן קינדער (אין צוויי דראַמאַטישע בילדער)	VI	53
וועלכע?	VI	44
וועמען איז ערגער? (ליד)	X	30
ווען איך בין אַ גאָט (ליד)	X	27
ווענוס און שולמית	IV	89
ווער זאָל ריכטן?	XI	172
ווער עס גיט לעבן, גיט פונוואַנען צו לעבן	V	210
וויכוח	VIII	67

ז.

זיבן גוטע יאָר	I	37
זיי מיר גוט (פון ביאַליק)	XIV	79
זייט מיר מוחל	XI	207
זייט רויק	XI	29
זינדיק בלוט	XV	152

	באַנד	זייט
זכרונות	XI	180
ושעראָמסקים „מענטשן אָן אַ היים"	XVI	252
ח.		
חד-גדיא	XIII	1
חוזק (אַ שמועס)	VI	90
חזיאל און אוריאל (פראַגמענט)	XV	269
חתונה געהאַט	IV	119
ט.		
טאַטע-מאַמע (קינדער-ליד)	XIV	140
טאָמער (ליד)	X	47
טויבן און טויבנשלאַק (קינדער-ליד)	XIV	190
טײַלמאָל דאַכט זיך מיר (ליד)	X	17
טרויער (ליד)	IV	280
טרויער דריקט אויף מײַן נשמה (ליד)	XIV	9
טרויעריק פרעגן מײַנע לידער (ליד)	X	19
טרייסט (ליד)	XIV	26
י.		
יאַנקעלע רײַט (קינדער-ליד)	XIV	115
יוחנן מלמדס מעשהלעך:		
א) ווער עס גיט לעבן, גיט פון וואַנען צו לעבן	V	210
ב) וואָס אַמאָל ווייניקער	"	"
ג) די קללה	"	"
ד) דער עונש	"	"
ה) מה לי לשקר	"	"

	באנד	זייט
יוכבד (ליד)	X	112
יעגער־ און האָזן־שפּיל	XIV	159
יעדע מוטער (קינדער־ליד)	XIV	108
יענקל פּעסימיסט	XV	246
יעקב דינעזאָן	VIII	230
ירמיהס בריוו (אגרת ירמיה)	X	153

כ.

כאַסיע די יתומה	XVI	101
כּבוד־אָב	XV	250
כ'בין אַ רעגן־וואָרעם (ליד)	XIV	17
כ'האָב אויסגערייזט אַ האַלבע וועלט (ליד	XIV	13
כ'האָב מיך אויף דעם בעט געוואָרפן (ליד)	X	13
כּל בו	VI	209
כלל ופרט	XVII	19
כסא שלמה (ליד)	X	83
כרת	V	286

ל.

לאַך און שפּאָט־לידער	XIV	193
לאָמפּן־מוסר	VI	17
לאַשציאָוו	VII	53
לא תחמוד	I	64
לבנה, פּערל און אַלטוואַרג	IV	268
ל"ג־בעומר	II	175
ל"ג־בעומר (קינדער־ליד)	XIV	192

	באנד	זייט
ליבעראַל	XI	123
ליגט אַ העזעלע אין קרויט (קינדער-ליד)	XIV	135
לידער (אַרטיקל)	XI	33
לידער (נאָך מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ)	X	129
ליטעראַטור און לעבן	VII₁	5
לייט (קינדער-ליד)	XIV	143
לכבוד חנוכה	II	83
לערנענדיק גיין (קינדער-ליד)	XIV	111
לשנה טובה תּכּתבו (ליד)	II	47

מ.

מאָוושע יענקעלעוויטש	XVI	269
מאָטל פּרינץ	XV	49
מאַמעניו, ליובעניו, האַרצעניו-קרוין (ליד)	XIV	12
מאָניש (באַלאַדע)	X	199
מאָניש [ניי באַאַרבעט]	XIV	35
מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ: מענדל גדאַנסקי	XVI	259
מה לי לשקר	V	254
מוטער-לידער	XIV	107
מוסר	IV	185
מיין מוזע (ליד)	X	57
מיין נישט (ליד)	XIV	24
מיינע זכרונות	XII	5
מיין ענטפער	XVII	7
מיכל גאָרדאָן	XVI	63
מיסט-חלומות	VI	38

	באנד	זייט
מלוה מלכה	VII	225
מלכותא דארעא כמלכותא דרקיע (ליד)	XIV	20
מ. מ. דאָליצקי „מבית ומחוץ“	XVI	205
מסירת נפש	I	155
מענדל ברײנעס	IV	15
מענדעלע	XVI	69
מעשיות	II	159
מקובלים	V	107
מישא נמירוב (פון ביאַליק)	XIV	81
משוגעים	VII	190
משופע	IX	168
משיחס צײטן	II	251
משנת חסידים	V	140

נ.

	באנד	זייט
נאָך אַ וואָרט [דאָס לעצטע, זאָל זיך די וועלט אי־בערקערן]	XVII	49
נאָך גראָבערס לויה	XVII	74
נאָך דער מלחמה	XI	142
נאָך האַלבער נאַכט	XI	204
נאָך קבורה (סצענע)	IV	156
נאָך שמחת תורה	XVII	27
נאַציאָנאַליזם און ציוניזם	XI	272
נומער 42	VII	16
נור, גיי!	VII	10
נחת פון קינדער	I	138

	באנד	זייט
נישט ווילן, יאָ ווילן, און ווען?	XI	99
נישט גוט	II	123
נישט פאַרמשפּט	IX	64
נס חנוכה	II	90
נסים אויפן ים	I	71
נסים ונפלאות	V	99
נעילה	II	60
נעילה	VII	130
נעילה אין גיהנום	XV	166
ס.		
ס'איי גוט	I	86
סאָלדאַטן־שפּיל (קינדער־שפּיל)		
ס'ברענט (איינאַקטער)	XV	321
ס'הערצל צאַפּלט	XV	219
ס'מזל שטייט מיר (ליד)	X	25
ס'נעסטל ווייך אויסגעבעט (קינדער־ליד)		
ספר הבּרית	XVI	233
„ספר היהודי הנצחי“	XVI	220
ע.		
עולם הבּא	VI	206
עולם הבּא (אַ סצענע)	XV	314
עלנט	V	53
עלנט איז ער דאָ געווען (ליד)	XIV	14
„עמא פּזיזא“	XI	127

	באנד	זייט
ענטלעך (קינדער-ליד)	XIV	186
עס איז דאָך ניט קיין זאַקן	VI	50
ערוב	VIII	89
עטעלע (קינדער ליד)	XIV	196
עטרת יתומים אין וואַרשע	XVII	189
עס בליט דער בוים גינגאָלדן (ליד)	X	24
עס גייט צו פסח	II	158
עס זיינען קיין וואונדער געשען	IV	238
עס מאַכט צו מיר די לבנה (ליד)	X	14
עס ענדערט זיך	XV	88
עס שיינט די לבנה (ליד)	X	10
עקבתא דמשיחא	XVII	168
ער און איך (ליד)	XIV	22
ער און זי (פאָרשפּיל)	IV	209
ער און זי (אַן אַלט-הישפּאַנישע פאַבל)	X	97
ער און זי (ליד)	X	107
ער, זכרונו לברכה, און זיינע מקורבים	V	63
ערינערונגען אויס מיינער יוגנט	XVI	201
עשיו שפּילט	XI	255

פ.

פאַבריקאַנטן און אַרבעטער	XI	231
פאָדליעץ	VI	46
„פאַטריאָטיזם"	XI	184
פאָלעמיק	XVII	201
פאָלקס-מאָטיוו (ליד)	X	40

	באנד	זייט
פאַרגעסן און פאַרשטויסן (ליד)	X	22
פאַר דער טיר (סצענע)	IV	192
פאָרט ווילנע	XVII	45
פאָרהערע (צו בילדער און סקיצן)	VII	5
פאַר צוריקקומענדיקע גרים אַ צווייטע עצה	XI	13
פאַר צוריקקומענדיקע גרים אַ דריטע עצה	XI	15
פאַר קומענדיקע נאָך אַן עצה	XI	20
פאַרציילטע מעשיות	VII	31
פדיון שבוים	IV	263
פויגל	XV	86
פון איוב [איבערזעצט]	XIV	97
פון אַלע זייטן ברייזלט זיך דער ווינט (ליד)	XIV	27
פון ביאַליק	XIV	79
פון דער שווערער צייט	VIII	217
פון וואַנען נעמט זיך: „ער שפּילט פאַרן טייוול"	IX	188
פון וועג אַראָפּ:	IV	173
פון יחזקאל (ליד):	X	75
(גאָט זאָגט מיר אַזוי		
ס'שלייכט צו'ן אַ שטאָט	X	81
פון יידישן טעאַטער	XVI	127
פון ישעיהן (ליד)	X	192
פון קבר	VI	29
פורים	II	113
פורים	XI	263
פורים־שפּילער	II	114
פיר דורות — פיר צוואות	II	265

	באנד	זייט
פיר צייטן אין יאָר (קינדער־ליד)	XIV	208
פלעצער־כאַפּן (קינדער־ליד)	XIV	155
פֿען דע סיעקל	XV	75
פערד, קי און קעלבער	XV	110
פראַגן	XI	165
פּראָמעטעאוס	XVII	213
פרט וכלל	XI	252
פריי אויס נאַדסען (לידער)	X	168
פרילינג (ליד)	X	109
פרינצעסין קוניגונדע און פרינץ פראָש	XV	57

צ.

צאָלן, אַלף־בית, רעטעניישן	XIV	139
צוגעדעקט די פיסלעך (קינדער־ליד)	XIV	129
צו די פיסלעך (קינדער־ליד)	XIV	109
צו דער וואַנט (קינדער־ליד)	XIV	115
צו די צוריקקומענדיקע גרים	XI	10
צוויי ברידער	IX	101
צוויי הענט, צוויי משלים	I	97
צווישן בלומען (ליד)	X	21
צווישן צוויי בערג	V	168
צוזאַמען	IV	162
צום נייעם יאָר (דיאַלאָג)	II	43
צום עולם התוהו	II	179
צום פריץ	XI	175
צום רבונו־של־עולם	XVII	64

	באנד	זייט
צי כ'האָב דיך ליב	XIV	10
צו פיל	XI	228
צוריק אין דער אַלטער היים (ליד)	IV	273
צוריקגעקומען	IX	155
צוריקגעקומען	XI	50
ציוניזם	XI	266
צייט=געויכטן (ליד)	X	64
צייטן און זייערע וויצן	XI	219
צייטן בייטן זיך	XI	6
צי כ'האָב דיך ליב (ליד)	XIV	10
ציקעלע (קינדער=ליד)	XIV	184
ציריק=ציריק	II	202
צעזייט און צעשפּרייט	XVI	114
צען פעליעטאָנישע געדאַנקען	XVII	166
צען, צוואַנציק (קינדער=ליד)	XIV	141

ק.

קאָפּ און האַנט	XI	194
קאַץ און מויז (קינדער=ליד)	XIV	203
קהלת	XIII	1
קוקו (קינדער=ליד)	XIV	122
קום, מיין קינדעלע קרוין		
קיכעלעך באַקן (קינדער=ליד)	XIV	114
קין און הבל	IX	79
קינדער (אַ סוכּות דערציילונג)	IX	138
קינדער=לידער	XIV	107

	באנד	זייט
קינדער=שפּיל	VI	86
קלאָין=געשיכטן	IV	144
קליינע מענטשן — דראָבנע מענטשן	X	43
קלעזמערל (קינדער ליד)	XIV	112
קעגן האַקאָטאַ	XVII	195
קעלבעלע (קינדער=ליד)	XIV	113
קעצעלע שטיל (קינדער=ליד)	XIV	198
קראַנצן=פלעכטן (קינדער=ליד)	XIV	156
קרייערמאַן און זיין ווייבערשול (קינדער=ליד)	XIV	199

ר.

ראש=חודש	XVII	217
ר' בעריל	VII	113
רב חנינא בן דוסא (אַ תלמודישע זאַגע)	X	159
רבונו של עולם, פון אַלע די צרות	X	63
רות	XIII	1
ר' יאָסל [פּאָעמע]	XIV	51
ר' יוחנן גבאי	VII	121
ר' נחמנקעס מעשיות	V	193
רעגן (קינדער=ליד)	XIV	186
ר' שלמהס מעשהלעך (אַ פאָררעדע)	XV	91

ש.

שאלות=תשובות	XI	118
שאַמפּאַניער (איינאַקטער)	XV	292
שהשמחה במעונו	V	153

	באנד	זייט
שוואַרצע פּליגל — שוואַרצע קראָען (ליד)	X	12
שווייַן	VI	48
שוועסטער (איינאַקטער)	III	81
שוועסטער	IV	204
שול־קאָלאָניע (ליד)	X	117
שטאָלץ גייט אָפּ די זון (ליד)	X	23
שטומע נשמות (צוויי וועגן; צוויי משלים)	I	97
שטייט אַ בּאַרנבּוים (קינדער־ליד)	XIV	133
שטייט אַ ביימעלע	XIV	124
שטעט און שטעטלעך	XVIII	7
שטערן	XV	89
שיר־השירים (מיט אַלע וואַריאַנטן)	XIII	1
שלום־בּית	II	10
שלאָף און וויגן־לידער	XIV	123
שלאָף, מיין קינדעלע (קינדער־ליד)	XIV	127
שלום עליכם	XVI	71
שמאי ראַטמאַן	VI	160
שמחה שבשמחה	V	279
שמעיה דער גבור	V	11
שמע־ישראל אָדער דער בּאַס	I	118
שרה בּת טובים	IV	252
שרייב אַ פּעליעטאָן	XVII	158

ת.

„תורה" (מאָנאָלאָג)	V	158
תענית־געדאַנקען	XVII	177

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

11

נומער

No. -3418

מחבר

Author

בוך

Book

Issued To | Date Due

UNIVERSITY OF TORONTO
3 1761 00120727 3